ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# עין יעקב

על מסכת

# נזיר

בלשון הקודש ואידיש

216

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"ו לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# ספר
# עין יעקב
## מסכת נזיר

כולל כל האגדות מתלמוד בבלי
וירושלמי, הנמצאות במסכת נזיר

עם פירוש רש"י בשלמותו והחדושים שנתוספו
בו, ככל הנמצא בספר עין יעקב הגדול.

גם איזה מאמרים מתוספות מהרש"א, הרי"ף, ועיון יעקב.

גם ציוני הדפוס בש"ס, וציוני המקראות בתנ"ך, והגהות הב"ח.

ונוסף על זה פירוש עברי טייטש הנהוג במדינתנו.

**נעתק על ידי ה"ר יוסף מאיר יעב"ץ**
**מעתיק המשניות עברי טייטש.**

❖

**הוצאת אמונה**
ברוקלין נוא יארק, שנת תשמ"ו לפ"ק

# מסכת נזיר פרק ראשון

(דף ב ע"ב) **א תניא** (שמות טו) זה אלי ואנוהו אנאה לפניו במצות אעשה לפניו סוכה נאה לולב נאה ציצית נאה אכתוב לפניו ס"ת נאה ואכרכנו בשירים נאים:

(דף ג) **ב פיסקא** הרי עלי לשלח פרע הרי זה נזיר כמאי דהדין שילוח ריבויא הוא דכתיב (ש"ה ד) שלחיך פרדס רמונים איפא מידי (דעבר) [דעבורי] כדכתיב (איוב ה) ושולח מים על פני חוצות תנא פרע פרע יליף כתיב הכא (במדבר ו) קדוש יהיה גדל פרע שער ראשו וכתיב התם גבי כהן הדיוט (יחזקאל מד) ופרע לא ישלחו ואבע"א האי שולח מים נמי רבוי הוא כדמתרגם רב יוסף כרסקן לית מיא לפירא ורבי:

(ע"ב) **ג האומר** ימין הוי שבועה מ"ט לאו משום דכתיב (דניאל יב) וירם ימינו ושמאלו

אל

פירוש

[נכלאי כאן. נמסך שנפמי כדלת]: בלא דעאה דחיפתא. שאינו כיהם יודעת לא כיהם פסחתו לאכול: [ניתא ליה דניכול ול מות. כדי שפסחא מטיה ליה בכל עת]: כי אלהו ודם נידיק. דמאהו טורגין כבעלים: מכו דהימא היכורא עביד. אלי נכאה: והאי דה"ל. הכי משום דלא לימות דסיכוי מיפתא שילויה מים גנובים ימתקו: קמ"ל. דלא תמריק הכי ובריא:

יטאי דהדין שילוח רימיה הוא. כדקאמרת דגדל פרע משמע: דכתיב שלחיך פרדס רמונים. גדליך שגדלין יהיו כפרדס רמונים בצמח ומתגדל: איפא דשלוח מידי (דעבר) [דעבורי] הוא דמשמע שיגוח שמרו כמעבר מים ומעבירם ממקום למקום כדכתיב ושולח מים וגו' [והאי נמי דאמר הרי עלי לשלח פרע משמע דאמר הרי עלי להעביר פרע]: תנא פרע פרע יליף כ"ג הכא. נזיר גדל פרע: וכתיב גבי כהן הדיוט ופרע לא ישלחו. מה פרע דכתיב גבי כהן הדיוט ליטא דריבוי הוא כדאמרינן בפרק כ"ג אף פרע האמור גבי נזיר גידול שער הוי והכי משמע שיניחו לגדל עד שיהא נקרא פרע בבן שלשים יום:

משמע ימין. שלא תאכל עבר זו כ"ז כבוהה: מ"ט לאו משום דכתיב וירם ימינו ושמאלו אל השמים וישבע בחי העולם: דקמפסים ימינו לשבוע

# פרק ראשון

א תניא. מיר האבען גילערנט עס שטייט אין פסוק זה אלי ואנוהו. דאס איז מיין גאט און איך וועל אים בשיינען. איך וועל שיין ווערן פאר אים מיט מצות. איך וועל מאכען פאר אים א שיינע סוכה. א שיינעם לולב. שיינע ציצית. איך וועל שרייבען פאר אים א שיינע ספר תורה. און איך וועל דיא איינוויקלען אין שיינע ווידינציין:

ב פיסקא. הרי עלי לשלח פרע: אז איינער זאגט איך נעם אויף מיר צוא לאזין וואקסען דיא האר. איז ער א נזיר. פרעגט דיא גמרא פון וואנען וויסען מיר אז שלח איז דער פייטש וואקסען. ווארום עס שטייט אין פסוק שלחיך פרדס רמונים: דיינע וואקסונג איז אזוי ויא עס וואקסען מילגרוימען אין א גארטען. פרעגט דיא גמרא טאמער איז שלחיך דער פייטש הודך ג'יין. אזוי ויא עס שטייט אין פסוק ושולח מים על פני חוצות. ער שיקט דיא וואסער זאל גיין דורך די גאסען. און אז ער האט גזאגט הרי עלי לשלח פרע. האט ער גימיינט איך נעם אויף מיר איך זאל אראפ שערין דיא האר וואס וועט אויף וואקסען. זאגט דיא גמרא דער תנא לערנט ניט פון דעם ווארט לשלח. נאר פון ווארט פרע. דא שטייט ביי נזיר ער זאל זיין היליג גדל פרע שער ראשו. ער זאל לאזין וואקסען דיא האר פון זיין קאפ. און עס שטייט אין פסוק ביי דעם כהן הדיוט ופרע לא ישלחו. די האר זאלן זיא ניט לאזין וואקסען ביז דרייסיג טעג. ווען מיר אז האר וואקסען ביז דרייסיג טעג הייסט פרע. אזוי ביי נזיר אז עס שטייט גדל פרע מיינט מען ער זאל לאזין וואקסען דיא האר ביז דרייסיג טעג. דריבער אז איינער זאגט איך נעם אויף מיר לשלח פרע. מיינט ער איך זאל זיין א נזיר און זאל ניט אפ שערין דיא האר ביז זיא וועלין זיין גיוואקסען דרייסיג טעג. און אויב דוא ווילסט וועל איך דיר זאגין אז שולח מים מיינט מען אויך וואקסען. אזוי ויא רב יוסף האט גיטייטשט דעם פסוק שולח מים על פני חוצות. אזוי ויא מען טרינקט אין וואסער צוא דיא פירות און דיא וואקסען:

ג האומר. אז איינער זאגט דיא רעכטע האנט איך זאל ניט עסין דעם ברויט. דאס איז א שבועה ער זאל דעם ברויט ניט עסין. פון וואנען וויסען מיר אז דאס איז א שבועה. ווייל עס שטייט אין פסוק ער האט אויף גיהויבען זיין רעכטע האנט און זיין לינקע האנט צום

היטעל

אל השמים וישבע בחי העולם אמרי לאו משום דימין גופה איקרי שבועה דתניא מנין לאוכר ימין שהיא שבועה שנא' (ישעיה סב) נשבע ה' בימינו ומנין לאומר שמאל שזו שבועה שנא' (שם) ובזרוע עזו :

(דף ד ע"ב) ד תניא רבי יהודה אומר נזיר שמשון מותר ליטמא למתים שכן מצינו בשמשון שנטמא ר"ש אומר האומר נזיר שמשון לא אמר כלום שלא מצינו בשמשון שיצאת נזיקות מפיו וכו' ושמשון לאו נזיר הוה והכתיב (שופטים יג) כי נזיר אלהים יהיה הנער התם מלאך הוא דקאמר נמנ"ל דאיטמי למתים אילימא מדכתיב (שם טו) בלחי החמור הכיתי אלף איש דילמא (שם יד) נדרויי גדיא בהו ולא נגע בהו אלא מהכא וירד מהם שלשים איש ויקח את חליצותם דילמא אשלחינן ברישא והדר קטלינהו וירד ויקח כתיב ודילמא גוססין שוינן אלא נמרא גמירא לה :

ה ונזיר עולם היכא כתיב דתניא] רבי אומר אבשלום נזיר עולם היה שנא' (ש"ב טו) ויהי מקץ ארבעים

דסמיך ליה : [ולא. ימין שמאל כתי' זה וזה : שנאמר נשבע ה' בימינו . בימינו אמר ופתשב כשבועה] : שנאמר ובזרוע עזו . מדכתיב ימינו וכתיב ובזרוע עזו אלמא דזרוע היינו שמאל [והכי נמי אמרינן בפ"ק דברכות מנין שהקב"ה מניח תפילין דכתיב ובזרוע עזו ואין עוזו אלא תפילין וכו' ותפילין בשמאל קיימא] :

ושמשון לאו נזיר הוה והכתיב כי נזיר אלהים יהיה הנער . וקס"ד דמתה קאמר להא מילתא דהו"ל דבר הגדול שהדם מדיר את בנו נזיר : מלאך הוא דקאמר . כי נזיר אלהים יהיה הנער : דילמא גדדויי גדיא בהו . מחתך בהן אבל הוא גופיה לא נגע בהו : וירד ויקח . דמשמע וירד והדר ויקח : [גוססין שוינן . והדר דהוו גוססין אשלחינהו ולא איטמי בהו] :

[ונזיר עולם היכא כתיב . שאינו בתער וכו'] :

---

הימעל אונ ער האט געשווארין ביי דעם וואס לעבט אייביג . זאגט דיא גמרא עס איז ניט אזוי . נאר אז מען זאגט ימין . דיא רעכטע האנט . דאס אליין איז א שבועה . וואראם מיר האבען געלערנט פון וואנען ווייסען מיר אז איינער זאגט ימין . דיא רעכטע האנט . דאס איז א שבועה : ווארום עס שטייט אין פסוק נשבע ה' בימינו גאט האט געשווארין ביא זיין רעכטע האנט . אונ פון וואנען ווייסען מיר אז איינער זאגט שמאל . דיא לינקע האנט . דס איז א שבועה . ווארום עס שטייט אין פסוק ובזרוע עזו . אונ ביא זיין שטארקן ארעם ביי דיא לינקע האנט האט אויך גאט געשווארין :

ד תניא : מיר האבען געלערנט רבי יהודה זאגט אז איינער זאגט ער זאל זיין א נזיר אזוי וויא שמשון . מעג ער זיך מטמא זיין צו מתים . ווארום שמשון האט זיך אויך מטמא געוועזן צוא מתים : רבי שמעון זאגט אז איינער זאגט ער זאל זיין א נזיר אזו וויא שמשון . איז ער ניט קיין נזיר . ווארום שמשון האט אויך ניט גזאגט אויף זיך ער זאל זיין א נזיר . פרעגט דיא גמרא איז דען שמשון ניט געוועזן א נזיר . עס שטייט דאך אין פסוק מנוח האט גזאגט א נזיר פון גאט וועט זיין דער קינד . זאגט דיא גמרא ניט מנוח האט דאס גזאגט . נאר דער מלאך האט דאס גזאגט , אז שמשון איז א נזיר פון גאט : אונ פון וואנען ווייסען מיר אז שמשון האט זיך מטמא געוועזן צוא מתים . זאלין מיר זאגין ווייל עס שטייט אין פסוק מיט דיא באק פון אייזיל האב איך געשלאגין טויזענד מענטשין . טאמער האט ער זייא נאר געשלאגין מיט די באק פון אייזיל . אבער ער אליין האט ניט אן גערירט דיא מתים : נאר פון דאנען ווייסען מיר עס שטייט אין פסוק ער האט געשלאגין פון זייא דרייסיג מענטשין אונ ער האט גינומען זייערע קליידער . פרעגט דיא גמרא טאמער האט ער פריער גינומען זייערע קליידער . דער נאך האט ער זייא גיהרגת . זאגט דיא גמרא ניין : עס שטייט ער האט זייא געשלאגין אונ האט גינומען זייערע קליידער . פרעגט דיא גמרא טאמער האט ער זייא גימאכט פאר גוססין . האבען זייא נאך ניט מטמא געוועזן . אונ דער ווייל האט ער אפ גיצויגען זייערע קליידער . זאגט דיא גמרא מיר האבען אזוי גילערנט אז פריער האט ער זייא גיהרגת דער נאך האט ער אראפ גיצויגין פון זייא זייערע קליידער אונ ער האט זיך מטמא גיוועזן צוא מתים :

ה נזיר . וואו שטייט אין פסוק אז אאייביגער נזיר מעג פאר קירצען דיא האר מיט א מעסער אויב עס איז אים שווער צוא טראגין דיא לאנגע האר : ווארום מיר האבען גילערנט רבי

ארבעים שנה ויאמר אבשלום (אל אביו כי נדר נדרי עבדך בשבתו בגשור בארם) וגו' ואש' מה את נדרי ומגלח אחד לי"ב חדש שנאמר (שם יד) ויהי מקץ ימים לימים אשר יגלח וגו' (דף ס) ויליף ימים ימים מבתי ערי חומה מה התם י"ב חדש אף כאן י"ב חדש :

ואשלמה את נדרי . כי נו קרבנות פירות : [וילוף מבתי ערי חומה . דכתיב בהו ימים תהיה גאולתו] מה להלן י"ב חדש דכתיב עד מלאת לו שנה תמימה :

אלא אפילו בנזיר טהור קאמרינן . מדמפרש ר' אלעזר הקפר טעמא דהכא בשביל שציער עצמו מן היין והיינו נזיר טהור : הואיל ושנה בחטא . שכבר הזיר עצמו מן היין ועכשיו שונה בהטא שהיה לו נזהר מן הטומאה ונטמא : אישה הפרם וה' יסלח לה . במה הכתוב מדבר אם באשה שנדרה והפר לה בעלה שלימה זו למה צריכה וכו' :

פי'

## מי שאמר פרק שלישי

(דף יט) **א תניא** רבי אלעזר הקפר ברבי אומר מה ת"ל (במדבר ו) וכפר עליו מאשר חטא על הנפש וכי באיזה נפש חטא זה אלא מפני שציער עצמו מן היין (נקרא חוטא) וק"ו ומה זה שלא ציער עצמו אלא מן היין נקרא חוטא המצער עצמו מכל דבר עאכ"ו והא האי קרא בנזיר טמא כתיב ואנן אפי' נזיר טהור קא אמרינן קא סבר ר' אלעזר הקפר נזיר טהור נמי חוטא הוא והיינו טעמא דכתיב קרא בנזיר טמא הואיל ושנה בחטא :

## הריני נזיר ושמע פרק רביעי

(דף כג) **א ת"ר** (במדבר ל) אישה הפרם וה' יסלח לה באשה שהפר לה בעלה והיא לא ידעה

---

זאגט אז אבשלום איז געווען אאייביגער נזיר . אזו וויא עס שטייט אין פסוק אונ עס איז געוועזן צום סוף פערציג יאהר האט אבשלום געזאגט צו זיין פאטער דיין קנעכט האט געטאהן אנדר ווען ער איז געזעסן אין גשור אין ארם . וויל איך בצאהלין מיין נדר . אונ אלע צוועלף חדשים האט ער אפ געגאלט די האר איין מאהל . אזו וויא עס שטייט אין פסוק אונ עס איז געוועזן צום סוף ימים לימים פלעגט ער אפ גאלין דיא האר . אונ מיר לערנען אפ ימים ימים פון בתי ערי חומה : אזו וויא דארט איז צוועלף חדשים רופט מען ימים . אזוי דא ימים מיינט מען אויך צוועלף חדשים :

## פרק שלישי

**א** תניא . מיר האבען געלערנט רבי אלעזר הקפר ברבי זאגט עס שטייט אין פסוק מען זאל מכפר זיין אויף דעם נזיר ווייל ער האט געזינדיגט אויף דעם נפש . אויף וועלכין נפש האט דער נזיר געזינדיגט . נאר ער האט געזינדיגט אויף זיין אייגענעם נפש . ווייל ער האט מצער געוועזן זיין נפש אונ ער האט ניט געטרונקען קיין וויין . אונ מאראך דער נזיר וואס ער האט זיך מצער געוועזן נאר פון איין זאך . פון וויין טרינקען . הייסט ער אזינדיגער . דער וואס פאסט ער זאל זיך מצער זיין פון אלע זאכען . איז געוויס אז ער הייסט אזינדיגער : פרעגט דיא גמרא דער פסוק שטייט דאך באיי אנזיר וואס איז טמא געווארין . אז ער הייסט אזינדיגער . אונ מיר זאגין אז אפילו אנזיר וואס איז טהור הייסט אויך אזינדיגער . ענטפערט דיא גמרא רבי אלעזר הקפר האלט אנזיר וואס איז טהור הייסט אויך אזינדיגער . נאר פאר וואס שטייט אין פסוק באיי נזיר טמא אז ער איז אזינדיגער . ווייל אנזיר טמא האט געמאהן צוויי עבירות . איין עבירה וואס ער איז געווארין אנזיר . אונ דיא אנדערע עבירה וואס ער האט מטמא געוועזן דיא נזירות :

## פרק רביעי

**א** תנו רבנן . דיא רבנן האבען געלערנט עס שטייט אין פסוק אז דער מאן האט געשטערט דער ווייבס נדרים . וועט גאט איר מוחל זיין וואס זיא האלט ניט איר נדר . געוויס וועט איר

ידעה הכתוב מדבר שהיא צריכה כפרה וסליחה וכשהיה מגיע ר"ע אצל פסוק זה היה בוכה ומה מי שנתכוון לעלות בידו בשר חזיר ועלה בידו בשר טלה טעון כפרה וסליחה המתכוון לעלות בידו בשר חזיר ועלה בידו בשר חזיר עאכ"ו וכיוצא בדבר אתה אומר (ויקרא ה) ולא ידע ואשם ונשא עונו ומה מי שנתכוון לעלות בידו בשר טלה ועלה בידו בשר חזיר [כגון חתיכה ספק של שומן ספק של חלב] אמר קרא ונשא עונו מי שנתכוין לעלות בידו בשר חזיר ועלה בידו בשר חזיר עאכ"ו איסי בן יהודה אומר ולא ידע ואשם ונשא עונו ומה מי שנתכוין לעלות בידו בשר טלה ועלה בידו בשר חזיר כגון ב' חתיכות אחד של חלב ואחד של שומן ונשא עונו המתכוין לעלות בידו בשר חזיר ועלה בידו בשר חזיר עאכ"ו על דבר זה ידוו הדווים :

מי שנתכוון . לאכול בשר חזיר ואכל בשר טלה גו' : המתכוון לאכול בשר חזיר . גו' דמעיקרא לאיכורא איכוון דהא לא ידעה דהפר לה בעלה משום הכי צריכה כפרה וסליחה :

וכל

ב. **אמר** רבה בר בר חנה א"ר יוחנן מאי דכתיב (הושע יד) כי ישרים דרכי ה' צדיקים ילכו בם ופושעים יכשלו בם משל לשני בני אדם שצלו את פסחיהם אחד אכלו

---

גאט מוחל זיין . גאט אליין האט דאך געזאגט אז דער מאן מעג פאר שטערין דער ווייבס נדרים . נאר דא שמועסט אז אשה האט געטאהן אנדער למשל זיא זאל ניט טרינקען וויין . אונ דער מאן איז געוועזן אין גאס האט מען אים דער ציילט פון זיין ווייבס נדר . האט ער באלד געזאגט ער וויל ניט דעם נדר . אונ דאס ווייב האט ניט געוואוסט אז דער מאן האט איר גישטערט דעם נדר . נאר זיא האט אליין ניט גיהאלטין דעם נדר אונ האט גיטרונקען וויין . ווייל זי האט גימיינט צוא זינדיגען ואפילו אין אמת האט זיא דאך ניט געזינדיגט . וואָרום דער מאן האט דאך שוין גישטערט דעם נדר . דארף זיא טאהן תשובה אונ בעטין בייא גאט ער זאל איר מוחל זיין . אז רבי עקיבא פלעגט קומען צוא דעם פסוק פלעגט ער וויינען . מאדאך אז פאר איינעם איז גילעגין פלייש . אונ ער האט גימיינט אז דאס איז חזיר פלייש . אונ ער האט דאס גיוואלט עסין . אונ אין אמת איז דאס גיוועזן שעפסין פלייש . דארף ער גאט זאל אים מוחל זיין . דער וואס וויל עסין חזיר פלייש . אונ ער האט טאקי גיגעסין חזיר פלייש . איז געוויס אז ער דארף בעטין גאט זאל אים מוחל זיין . נאך אזוי אגלייכען שטייט אין פסוק ער האט ניט גיוואוסט אונ ער האט זיך פאר שולדיגט : וועט ער לידין זינד . מאדאך דער וואס האט גיוואלט עסין שעפסין פלייש אונ ער האט גיגעסין חזיר פלייש ולמשל עס איז גילעגין פאר אים א שטיקול פעטס . ער האט גימיינט דאס איז שמאלץ . האט ער גיגעסין . אונ דאס איז גאר גיוועזן חלב : זאגט דער פסוק ער וועט לידין זיין זינד . דער וואס האט גיוואלט עסין חזיר פלייש : אונ ער האט טאקי גיגעסין חזיר פלייש . געוויס אז ער וועט גישטראפט ווערין . איסי בן יהודה זאגט עס שטייט אין פסוק ער האט ניט גיוואוסט אונ ער האט זיך פאר שולדיגט . וועט ער לידין זיין זינד . מאדאך דער וואס האט גיוואלט עסין שעפסין פלייש אונ ער האט גיגעסין חזיר פלייש ולמשל עס איז גילעגין פאר אים צוויי שטיקער פעטס : איינע איז גיוועזן חלב . אונ איינע איז גיוועזן שמאלץ . אונ ער האט גיוואלט עסין דיא שטיקול שמאלץ . אונ ער האט גיגעסין דיא שטיק חלב . זאגט דר פסוק ער וועט לידין זיין זינד . דער וואס האט גיוואלט עסין חזיר פלייש אונ ער האט טאקי גיגעסין חזיר פלייש . געוויס אז ער וועט גישטראפט ווערין . אויף דער זאך דארף מען קלאגין אונ וויינען :

ב אמר . רבה בר בר חנה האט גזאגט פון רבי יוחנן וועגין . עס שטייט אין פסוק דיא וועגין פון גאט זענען גלייך דיא צדיקים גייען אין זייא אונ דיא רשעים ווערין גישטרויכלט אין זיי . למשל צוויא מענטשין האבען גיבראטען זייערע קרבן פסחים . איינער האט גיגעסין דעם קרבן

פסח

[של יפסוק כולו לשם עבירה נאמר אלכך לא אתה יבל ע"ש לכף זכות] : תם

אכלו לשם מצוה ואחד אכלו לשם אכילה גסה זה שאכלו לשם מצוה צדיקים ילכו בם וזה שאכלו לשם אכילה גסה ופושעים יכשלו בם א"ל ר"ל האי רשע קרית ליה נהי דלא קא עביד מצוה מן המובחר פסח מיהת הוא דקא עביד אלא משל לשני בני אדם זה אשתו ואחותו (עמה בבית) [עמו] וזה אשתו ואחותו (עמה בבית) [עמו] לאחד נזדמנה לו אשתו ולאחר נזדמנה לו אחותו זה שנזדמנה לו אשתו צדיקים ילכו בם וזה שנזדמנה לו אחותו ופושעים יכשלו בם מי דמי אנן חדא דרך קאמרינן הכא שתי דרכים אלא משל ללוט ושתי בנותיו הן שנתכוונו לשם מצוה (ישרים דרכי ה') צדיקים ילכו בם הוא שנתכוין לשם עבירה ופושעים יכשלו בם ודלמא הוא נמי לשם מצוה איכוין (לא ס"ד ד) א"ר יוחנן כל הפסוק כולו על שם עבירה נאמר (בראשית יג) וישא לוט (ד"ה לס) ותשא אשת אדוניו את עיניה [את עיניו] (שופטים יד) ויאמר שמשון אל אביו אותה קח לי כי היא ישרה בעיני וירא (בראשית לד) וירא אותה שכם בן חמור את כל ככר

---

פֶּסַח ווייל עס איז אַמִצְוָה צוא עסין אַקָרְבָּן פֶּסַח דֶרִיבֶּער האָט ער גֶעגֶעסֶען דעם קָרְבָּן פֶּסַח ווען ער איז נאָך גֶיוָועןָ הוּנְגֶעריג . אוּנ אֵיינֶער האָט גֶעגֶעסֶען אַקָרְבָּן פֶּסַח ווייל ער האָט גֶיוואָלְט עֶסִין פְלֵייש . אָבֶּער ער איז שוֹין גַאנְץ זאַט גֶיוָועןָ פוּן פְרִיעֶרְדִיגֶע עֶסִינְס . דער וָוָאס האָט אים גֶעגֶעסִין ווייל עס איז אַמִצְוָה . ווערט ער גֶירוּפֶען צַדִיקִים יֵלְכוּ בָם . אוּנ דער וואָס האָט אים גֶעגֶעסִין ווייל ער האָט גֶיוואָלְט עֶסִין פְלֵייש אוּנ ער איז שוֹין זאַט גֶיוָועןָ . רוּפְט מֶען אים וּפוֹשְׁעִים יִכָּשְׁלוּ בָם . האָט רֵיש לָקִיש גֶזָאגְט צוּ רַבָּה דֶעם רוּפְסְט דוּא רָשָׁע . אֱמֶת ער האָט נִיט גֶיטָאהן דִיא מִצְוָה אַם בֶּעסְטִין . ער האָט דאָך אָבֶּער גֶעגֶעסֶען אָקָרְבָּן פֶּסַח . נָאר דאָס איז גְלַייךְ צוא צְווֵייא מֶענְטְשִׁין . דער איז גֶילֶעגִין אִין בֶּעט מִיט זַיין ווייבּ אוּנ מִיט זַיין שְׁוֶועסְטֶער . אוּנ דער אַנְדֶערֶער איז אוֹיךְ גֶילֶעגֶען אִין בֶּעט מִיט זַיין ווייבּ אוּנ מִיט זַיין שְׁוֶועסְטֶער . צוּ אֵיינֶעם האָט זִיךְ גֶיטְרָאפֶען אַז ער האָט בַּייא נַאכְט מְשַׁמֵשׁ הַמִטָּה גֶיוָועןָ מִיט זַיין ווייבּ . אוּנ צוּ דֶעם אַנְדֶערִין האָט גֶיטְרָאפֶען אַז ער האָט בַּיי נַאכְט מְשַׁמֵשׁ הַמִטָּה גֶיוָועןָ מִיט זַיין שְׁוֶועסְטֶער . דער וואָס האָט מְשַׁמֵשׁ הַמִטָּה גֶיוָועןָ מִיט זַיין ווייבּ . רוּפְט מֶען אים צַדִיקִים יֵלְכוּ בָם . אוּנ דער וואָס האָט מְשַׁמֵשׁ הַמִטָּה גֶיוָועןָ מִיט זַיין שְׁוֶועסְטֶער רוּפְט מֶען אים וּפוֹשְׁעִים יִכָּשְׁלוּ בָם . פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא איז דען דאָס גְלַייךְ ; מִיר שְׁמוּעֶסִין פוּן אֵיין וֶועג . אַז צְווֵייא מֶענְטְשִׁין האָבֶּען גֶיטָאהן אֵיין זַאךְ . אוּנ אֵיינֶער הֵייסְט אַצַדִיק ער האָט גֶיטָאהן אַמִצְוָה . אוּנ דער אַנְדֶערֶער הֵייסְט אַרָשָׁע ער האָט גֶיטָאהן אַעֲבֵירָה . אוּנ דאָ שְׁמוּעֶסְט פוּן צְווֵייא זַאכֶען . אֵיינֶער האָט בּוֹעֵל גֶיוָועןָ זַיין ווייבּ . אוּנ דער אַנְדֶרֶער האָט בּוֹעֵל גֶיוָועןָ זַיין שְׁוֶועסְטֶער . גֶעווִיס איז אֵיינֶער אַרָשָׁע . אוּנ דער אַנְדֶערֶער גִיט . נָאר דאָס איז גְלַייךְ צוא לוֹט מִיט זַיינֶע צְווֵייא טֶעכְטֶער . זֵייא האָבֶּען אַלֶע גֶיטָאהן אֵיין זַאךְ . נָאר ווייל זֵייא האָבֶּען גֶימֵיינְט פוּן וֶועגִין אַמִצְוָה צוא בְּרֵיינְגֶען קִינְדֶער אוֹיף דער וועלְט . הֵייסֶען זֵייא צַדִיקִים יֵלְכוּ בָם . אוּנ ער ווייל ער האָט גֶימֵיינְט מְזַנֶה צוא זַיין . הֵייסְט ער וּפוֹשְׁעִים יִכָּשְׁלוּ בָם . פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא טָאמֶער האָט לוֹט אוֹיךְ גֶימֵיינְט פוּן וֶועגִין אַמִצְוָה צוּ בְּרֵיינְגֶען קִינְדֶער אוֹיף דער וועלְט . האָט רַבִּי יוֹחָנָן גֶזָאגְט דער גַאנְצֶער פָּסוּק שְׁמוּעֶסְט פוּן עֲבֵירָה פוּן זְנוּת . וַיִשָּׂא לוֹט . לוֹט האָט אוֹיף גֶיהוֹיבִּען . אַזוֹי ווִיא עס שְׁטֵייט וַתִּשָׂא אֵשֶׁת אֲדוֹנָיו אֶת עֵינֶיהָ . דִיא ווייבּ פוּן פּוֹטִיפַר האָט אוֹיף גֶיהוֹיבֶּען אִירֶע אוֹיגֶען צוא יוֹסֵף מִיט אים מְזַנֶה צוא זַיין . אַזוֹ לוֹט האָט אוֹיךְ אוֹיף גֶיהוֹיבֶּען מְזַנֶה צוּ זַיין . אֶת עֵינָיו . זַיינֶע אוֹיגֶען . אַזוֹ ווִיא עס שְׁטֵייט שִׁמְשׁוֹן האָט גֶזָאגְט צוּא זַיין פָאטֶער דִיא אִשָּׁה וָאלְסְטוּ גֶענֶעמֶען פוּן מַיינֶעט וֶועגִין כִּי הִיא יָשְׁרָה בְּעֵינַי . ווייל זִיא איז גֶיפֶעלִין אִין מַיינֶע אוֹיגֶען . אַזוֹ לוֹט האָט אוֹיךְ גֶעקוּקְט מִיט זַיינֶע אוֹיגֶען צוא מְזַנֶה זַיין . וַיַרְא . לוֹט האָט גֶיזֶעהְן . אַזוֹ ווִיא עס שְׁטֵייט וַיַרְא אוֹתָהּ שְׁכֶם בֶּן חֲמוֹר . שְׁכֶם האָט גֶיזֶעהְן דִינָה אוּנ האָט מִיט איר מְזַנֶה גֶיוָועןָ . אַזוֹ לוֹט האָט אוֹיךְ גֶיזֶעהְן צוא מְזַנֶה זַיין . אֶת כָּל כִּכַּר הַיַרְדֵן ; אַזוֹ ווִיא עס שְׁטֵייט פוּן וֶועגִין אַאִשָּׁה זוֹנָה . קוּמְט מֶען בִּיז צוא אַבְּרוֹיט בֶּעטִין ; אַזוֹ לוֹט האָט אוֹיךְ גֶיזוּכְט מְזַנֶה צוּ זַיין .

וואס

הירדן (משלי ו) כי בעד אשה זונה עד ככר לחם כי כלה משקה (הושע ב) אלכה אחרי מאהבי נותני לחמי ומימי צמרי ופשתי שמני ושקויי והא מינם אנים תנא משום רבי יוסי בן [רב] חוני למה נקוד על וא"ו (בראשית יט) שובקומה של בכירה לומר שבשכבה לא ידע הא בקומה ידע ומאי הוה ליה למעבד מאי דהוה הוה נפקא מינה דלפניא אחרינא לא איבעיא ליה למשתי חמרא:

ג דרש רבא מ"ד (משלי יח) אח נפשע מקרית עוז (ע"ב) ומדינים כבריח ארמון אח נפשע מקרית עוז זה לוט שפירש מאברהם ומדינים כבריח ארמון שהטיל מדינים בינו ובין ישראל כבריח ארמון שנאמר (דברים כג) לא יבא עמוני ומואבי בקהל ה'. דרש רבא ואיתימא רבי יצחק מ"ד (משלי יח) לתאוה יבקש נפרד ובכל תושיה יתגלע לתאוה יבקש נפרד זה לוט ובכל תושיה יתגלע שנתגלה קלונו בבתי כנסיות ובבת מדרשות דתנן עמוני ומואבי אסורין ואיסורן איסור עולם אמר עולא תמר זנתה זמרי זנה תמר זנתה

את נפשע וגו' זה לוט שפירש מאברהם. שנאמר כי אנשים אחים אנחנו: מקרית עוז זה אברהם. דכתיב ביה הביטו אל צור חצבתם שע"י המריבה שפירש מאברהם גרם לו להיות שכן לאנשי סדום וע"י כך בא לידי מעשה בנותיו ונולדו עמון ומואב כאסורין לבא בקהל: כבריח. שנועלין בו הארמון שלא יכנס בו אדם: לתאוה יבקש נפרד. הלך אחר תאות לבו כדאמרינן לעיל כל הפסוקים לשם עבירה נאמרו: בכל תושיה יתגלע. בתורה שבכתב ובתורה שבעל פה דתנן עמוני ומואבי אסורין ואיסורן איסור עולם: תמר זנתה ויצאו ממנה מלכים ונביאים. מלכים דוד כדכתיב ואלה תולדות פרץ וגו' ונביאים דאמרינן אמוץ ואמציה אחי הוו ולכם שמים מוכה והכנמת מזרעו של יעקב כדכתיב כי ראתה כי גדל שלה:

---

וואס דורך דעם קומט מען צוא אבכר להם בעטין. כי כלה משקה: אזוי ויא עס שטייט דיא זונה זאגט איך וועל גיין נאך דיא וואס ליבען מיך וואס זייא גיבען מיין ברויט מיין וואסער מיין וואל מיין פלאקס. שמני ושקויי: מיין בוימאייל אונ מיין טרינקען. אזוי לוט האט אויך גיזוכט מזנה צו זיין אונ געבין דער זונה איר טרינקען [אונ איבעריגע זאכען וואס פעלט איר]: אזוי געווים מיט דיא טעכטער האט ער אויך גימיינט מזנה צוא זיין: פרעגט דיא גמרא לוט איז דאך גיוועזן שכור האט ער דאך גאר ניט גיוואוסט ניט פון אמצוה אונ ניט פון אעבירה. ענטפערט דיא גמרא מיר האבען גילערנט פון רבי יוסי בן רב חונים וועגין. פר וואס שטייט אפינטול אויף דעם וא"ו פון דעם ווארט ובקומה פון דיא עלצטע טאכטער. צוא זאגין אונז אז ווען זיא האט זיך גילייגט צום פאטער האט ער ניט גיוואוסט. אבער ווען זיא איז אויף גישטאנען האט ער יא גיוואוסט. פרעגט דיא גמרא וואס האט ער גיזאלט טאהן ווען ער איז אויף גישטאנען. וואס עס איז שוין גיוועזן איז גיוועזן. ענטפערט דיא גמרא אבער די אנדערע נאכט האט ער ניט גידארפט טרינקען וויין ביז ער זאל שכור ווערין: נאר ער אליין האט מאכי גיוואלט מזנה זיין:

ג דרש: רבא האט גידרשת עס שטייט אין פסוק אח נפשע מקרית עוז ומדינים כבריח ארמון. אח נפשע מקרית עוז. אברודער האט געזינדיגט פון אשטארקע שטאט. דער ברודער מיינט מען לוט. וואס ער האט געזינדיגט אונ האט זיך אפ גישיידט פון אשטארקע שטאט. דאס מיינט מען פון אברהם אבינו האט זיך לוט אפ גישיידט. ומדינים כבריח ארמון. אונ ער האט גימאכט קריג צווישען זיך אונ דיא יודין. אזעלכע שטארקע קריג אזו ווי אריגעל פון אפאלאסט. אזו וויא עס שטייט אין פסוק עמון אונ מואב זאלין ניט קומען אין דיא פאר זאמלונג פון גאט. רבא האט גידרשת אנדערע זאגין רבי יצחק האט גידרשת עס שטייט אין פסוק לתאוה יבקש נפרד ובכל תושיה יתגלע. לתאוה יבקש נפרד מיינט מען לוט: לוט האט זיך אפ גישייד פון אברהם וויל ער האט גיזוכט צוא טאהן וואס ער גלוסט: ובכל תושיה יתגלע. אונ זיין שאנד איז אויף גידעקט גיווארין אין דיא גאנצע תורה. מען לייענט אין דיא שולהען אונ אין דיא בתי מדרשים אז עמון אונ מואב טארין ניט קומען אין דיא יודישע פאר זאמלונג. אזו וויא מיר האבען גילערנט עמון אונ מואב זענען אסור אויף אייביג צו קומען אין דיא יודישע פאר זאמלונג. עולא האט גזאגט תמר האט מזנה גיוועזן אונ זמרי האט מזנה גיוועזן

זנתה יצאו ממנה מלכים ונביאים זמרי זנה נפלו כמה רבבות מישראל :

ד אמר רב נחמן בר יצחק גדולה עבירה לשמה כמצוה שלא לשמה איני והא אמר רב יהודה [אמר רב] לעולם יעסוק אדם בתורה ובמצות אפי' שלא לשמה שמתוך שלא לשמה בא לשמה אלא אימא כמצוה שלא לשמה דכתיב (שופטים ה) תבורך מנשים יעל אשת חבר הקיני מנשים באהל תבורך מאן אינון נשים באהל שרה רבקה רחל ולאה. א"ר יוחנן שבע בעילות בעל אותו רשע באותה שעה שנא' וכו'. גופא אמר רב יהודה אמר רב לעולם יעסוק אדם בתורה ובמצות אפי' שלא לשמה שמתוך שלא לשמה בא לשמה שבשכר מ"ב קרבנות שהקריב בלק זכה ויצתה ממנו רות דא"ר יוסי בר חנינא רות בת בנו של עגלון (בן בנו של בלק) מלך מואב [היתה]. א"ר חייא בר אבא א"ר יוחנן מנין שאין הקב"ה מקפח אפילו שכר שיחה נאה מהכא דאילו בכירה דקרייתיה מואב א"ל רחמנא למשה (דברים ב) אל תצר את מואב ואל תתגר בם

[גדולה עבירה לשמה. כלומר לשם מצוה] : איני. מדקאמרת גדולה עבירה לשמה ממצוה שלא לשמה מכלל דמצוה שלא לשמה גריעא ומדקאמר שמתוך שלא לשמה בא לשמה אלמא דמעליא שמתוך כך בא לעשות מצוה לשמה ומשני אימא עבירה לשמה כמצוה שלא לשמה דתרוייהו מעלי : מנשים באהל. מברכת נשים שבאהל תבורך גם היא ומאן נינהו נשים באהל שרה רבקה רחל ולאה שרה דכתיב היא שרה אשתך הנה באהל ורבקה ויביאה יצחק האהלה רחל ולאה דכתיב ויצא מאהל לאה ויבא באהל רחל : [תבורך. על שעשתה עבירה לשמה כדי להתיש כחו של אותו רשע כדי שתהא יכולה להרגו : מ"ב קרבנות. משבעה מזבחות שערך בג' מקומות על כל אחד ואחד העלה פר ואיל שהם י"ד לכל מעמד ומעמד ושלשה פעמים י"ד עולין מ"ב וקרבנותיו של בלק הוו שלא לשם מצוה] : ויצאה ממנו רות. שיצא ממנה דוד שריוה להקב"ה בשירות ותשבחות : דקרייתיה מואב. משמע מאבי :

---

געוועזן. תמר האט מזנה געוועזן זענען פון איר געבארין געווארין מלכים אונ נביאים ; זמרי האט מזנה געוועזן זענען דורך אים געפאלען פיל צעהן טויזענדער יודין:

ד אמר. רב נחמן בר יצחק האט גזאגט אז מען טוהט אעבירה פון גאטס וועגין פון איר זאל ארויס קומען אמצוה. איז דאס גרעסער וויא מען טוהט אמצוה אונ מען מיינט ניט פון גאטס וועגין. פרעגט דיא גמרא עס איז דאך ניט אזוי : רב יהודה האט דאך גזאגט פון רבם וועגין אייביג זאל אמענטש לערנען תורה אונ טאהן מצות אפילו ער מיינט ניט פון גאטס וועגין. ווארום פון דעם פיל לערנען תורה אונ פון דיא פיל מצות וואס ער וועט טאן ניט פון גאטס וועגין. וועט ער קומען דער צוא ער זאל טאהן פון גאטס וועגין. נאר אזוי זאג. אז מען טוהט אעבירה פון גאטס וועגין. איז גלייך וויא מען טוהט אמצוה ניט פון גאטס וועגין. ביידע זענען גוט. ווארום עס שטייט אין פסוק יעל דיא וייב פון חבר הקיני זאל געבענשט ווערין פון דיא ווייבער וואס דיא ווייבער זאלין איר בענטשין ; וואס זאלין זייא איר בענטשין. דיא זעלביגע ברכה וואס דיא געצעלטין ווייבער פון דיא געצעלטין זענען געבענשט געווארין. ווער זענען דיא ווייבער פון דיא געצעלטין. דאס איז שרה רבקה רחל לאה. ווייל זיא האט געטאהן אעבירה פון גאטס וועגין. אזו וויא רבי יוחנן האט גזאגט זיבען מאהל האט דער רשע סיסרא בועל געוועזן דיא אשה יעל. ווארום זיא האט געוואלט ער זאל שוואך ווערין וועט ער אנשלאפין ווערין וועט זיא אים קענען הרגנן. זאגט דיא גמרא פריער איז געשטאנען רב יהודה האט גזאגט פון רבם וועגין אייביג זאל אמענטש לערנען תורה אונ טאהן מצות אפילו ער מיינט ניט פון גאטס וועגין. ווארום פון דעם פיל תורה לערנען אונ פון דיא פיל מצות וואס ער וועט טאהן ניט פון גאטס וועגין וועט ער קומען דער צוא ער זאל טאהן פון גאטס וועגין. ווארום ווייל בלק האט מקריב געוועזן צוויא אונ פערציג קרבנות ואפילו ער האט ניט גימיינט פון גאטס וועגין. פון דעסטוועגין האט ער זוכה געוועזן אז פון אים איז געבארין געווארין רות. ווארום רבי יוסי בר חנינא האט גזאגט רות איז געוועזן אאייניקול פון עגלון מלך מואב. אונ עגלון איז געוועזן אאייניקול פון בלק. רבי חייא בר אבא האט גזאגט פון רבי יוחנן וועגין פון וואנען ווייסין מיר אז גאט בצאהלט שכר אפילו פאר שיינע רייד. פון דאנען ווייסין מיר. דיא עלצטע טאכטער פון לוט האט גירופען דעם נאמען פון איר קינד מואב. ופון מיין פאטער

בם מלחמה מלחמה הוא דלא הא צעורי צערינהו ואילו צעירה דקרייתיה בן עמי א"ל (שם) אל תצורם ואל תתגר בם כלל אפילו צעורי לא. אמר ר' חייא בר אבין אמר רבי יהושע בן קרחה לעולם יקדים אדם לדבר מצוה שבשכר לילה אחת שקדמה בכירה לצעירה (דף כד) זכתה וקדמתה ארבעה דורות [בישראל] למלכות:

## בית שמאי פרק חמישי

(דף ל"ב ע"ב) **א פותחין** בתנאי נולד ה"ד אמרי להון אילו אתא אינש ואמר לכון דיחרוב בית המקדש מי הוה נדרתון א"ר יוסף אי הואי התם הוה אמינא להו הא כתיב (ירמיה ז) היכל ה' היכל ה' היכל ה' המה זה מקדש ראשון ומקדש שני נהי דידעי

בן עמי. בלשון נקיה היא דלא רצתה להודיע דמאביה נתעברה: אמר אל תצורם ואל תתגר בם. ומדלא כתיב בהו מלחמה ש"מ דאפילו צערא לא ליעבד להו ולא עוד דאילו בכירה דקרייתיה אב הכתוב פרסמה דכתיב ותשכב את אביה ובצעירה כתיב ותשכב עמו: ארבעה דורות בישראל. עובד ישי דוד ושלמה ואילו צעירה [לא אתת בישראל] עד רחבעם בן שלמה שבא מנעמה העמונית:

פותחין בתנאי נולד. ואפי' להנהו דנדרו עד שלא חרב בית המקדש: ה"ד כגון דאמרי להו דאילו אתי אינש. בשעת דנדריהון ואמר לכון דחרב וכו': אי הואי התם. כשאמרו חכמים לנזיר המדי דהורבן בית המקדש הוי נולד הוי אמינא דלאו נולד הוא לפי שיודעין היו שעתיד ליחרב: דכתיב היכל ה' היכל ה' היכל ה' המה. מקרא הוא בירמיה אל תבטחו אל דברי השקר לאמר היכל ה' וגו' ולא תבא עליו רעה ומפרש לה רב יוסף הכא שהיה ירמיה מוכיח את הרשעים שהיו מתיאשים מן הפורענות ואומרים יחרב היכל זה עוד יבנה לנו היכל בית שני ואם יחרב בית שני עוד

---

איז ער גיבאָרין]: האָט גאָט גזאָגט צוא משה רבינו דוא זאָלסט ניט בלעגערין מואב אונ זאָלסט ניט רייצין מיט זייא מלחמה צוא האַלטין. מלחמה זאָל מען ניט האַלטען מיט מואב. אָבער אַנדערע צער אונ יסורים מעג מען זייא טאָהן. אָבער דיא יונגסטע טאָכטער פון לוט וייל זיא האָט שענער גירעט. זיא האָט ניט גזאָגט אַז איר קינד איז פון איר פאָטער. נאָר זיא האָט גירופען דעם נאָמען פון איר קינד עמון. ער איז גיבאָרין פון מיין פאָלק. האָט גאָט גזאָגט צוא משה דוא זאָלסט ניט בלעגערין עמון אונ זאָלסט ניט רייצין מיט זייא. אונ וייל עס שטייט ניט דער וואָרט מלחמה. מיינט מען גאָר ניט רייצין אפילו מצער זיין טאָר מען זיי אויך ניט: רבי חייא בר אבין האָט גזאָגט פון רבי יהושע בן קרחה וועגין אייביג זאָל זיך אמענטש איילין צו טאָהן אמצוה. וואָרום מיר זעהן וייל דיא עלצטע טאָכטער פון לוט האָט גיטאָהן דיא מצוה צוא ברייגען קינדער אויף דער וועלט. מיט איין נאַכט פריער פאַר דיא יונגסטע טאָכטער. האָט זיא זוכה גיוועזן פון איר זאָלין גיבאָרין ווערין מלכים ביי יודין מיט פיר דורות פריער ווי עס איז גיבאָרין גיוואָרין מלכים ביי יודין פון איר שוועסטער:

## פרק חמישי

**א** פותחין. אַז איינער האָט גיטאָהן אַנדר אונ ער קומט צוא אַלמדן ער זאָל אים מתיר זיין דעם נדר. דאַרף דער למדן אים פרעגין פאַר וואָס ער האָט חרטה פון דעם נדר. מעג דער למדן מיט אים אַנהייבען צוא ריידען פון אַזוי אַזאַך וואָס עס איז גיוואָרין נאָך דעם נדר. למשל דיא מענטשין וואָס האָבען גיטאָהן אַנדר זייא זאָלין זיין נזירים. ווען דער בית המקדש איז גישטאַנען. דער נאָך איז דער בית המקדש חרוב גיוואָרין. זאָל דער למדן צו זייא זאָגין. ווען עס וואָלט גיקומען אַמענטש צו אייך ווען איר האָט גיטאָהן דעם נדר אונ ער וואָלט אייך זאָגין איר זאָלט וויסען דער בית המקדש וועט חרוב ווערין אונ איר וועט ניט קענען מקריב זיין קרבנות פון אייערע נזירות: וואָלט איר גיטאָהן דעם נדר. אַז זייא זאָגין ניין. זאָל דער חכם זייא מתיר זיין דעם נדר. רב יוסף האָט גזאָגט ווען איך וואָלט דאָרט גיוועזן ווען דיא חכמים האָבען גזאָגט אַז דער חורבן בית המקדש איז אַנייע זאַך וואָס עס איז גיוואָרין נאָך זייער נדר. וואָלט איך זייא גזאָגט אַז דאָס איז גאָר ניט קיין נייע זאַך. ווען זייא האָבען גיטאָהן דעם נדר האָבען זייא אויך גיוואוסט אַז דער בית המקדש וועט חרוב ווערין: וואָרום עס שטייט אין פסוק ירמיה הנביא האָט גזאָגט צוא דיא יודין אונ האָט זיי גישטראָפט פאַר וואָס זייא זאָגין היכל ה' היכל ה' היכל ה'. דיא רשעים האָבען גזאָגט וועט דער ערשטער

בית

דידעי (דליחרובה) [דיחרב] מי ידעי לאימת אמר אביי ולא ידעי לאימת והכתיב (דניאל ט) שבועים שבעים נחתך על עמך ועל עיר קדשך ואכתי מי ידעי בהי יומא :

## שלשה מינין פרק ששי

(דף לט) א איבעיא להו האי מזיא מלתחת רבי או מלעיל למאי נ"מ לנזיר שגלחוהו לסטים ושיירו בו כדי לכוף ראשו לעיקרו [אי אמרת מלתחת רבי נזירות הא שקליה א"א אי אמרת מלעיל רבי מאי דאקדיש הא קיים]. ת"ש מהא אינבא חיה דקאים בעיקבא דבינתא [ואי ס"ד מלתחת רבי ברישא דבינתא

יהרג בלישנא דמוהמ"ש אלמא יודעים היו שיהרג. ומשני מאי דידעי שיהרג לא ידעי אימת. הלכך מי נולד שלא היו נמנעים בשביל זה מלידור כיון דלא ידעי אימתי יהרג ופריך אביי וכי לא ידעו אימת יהרג : והכתיב. בספר דניאל : שבועים שבעים נחתך על עמך ועל עיר קדשך. פי' במיסוס שבעים דהיינו ת"צ שנה מגזר היתה בין חרבן בית ראשון לחרבן בית שני דהיינו שבעים של גלות בבל ות"ל בעמד בית שני. ומשני : דאכתי לא ידעי באיזה יום. בתחלה בנה או בסופה :

מלעיל להו כאי מזיא מגלחת רבי. כאי שער מלמטה רבי בסמוך לבשר היוצא מן הכתם גדל ורואו כדקאי קאי : [או מלעיל רבי. כלום שער מהגדל ויוצא מהלו ומהגדל ועיקרו כדקאי קאי : למ"מ לנזיר שגלחוהו לסטים ושיירו בו כדי לכוף ראשו לעיקרו אי אמרת דהאי שיער מלמטה רבי. הילכך למאי דאקדיש בקניה וסותר נזירותו : ואי אמרת מלעיל רבי. הואיל ושיירו בו כדי לכוף בו ראשו לעיקרו דהיכא ומימר דמאי דאקדיש. פי' אכתי איתא ליה למעבד תגלחת מצוה ואיש סותר] : ת"ש מהאי אינבא חיה. לינטרי"ש בלע"ז דהוא מבלי כנים : דקיימא בעקבא דבינתא. בעיקר השער הסמוך לבשר : [ואי ס"ד דהאי שיערא מלתחת רבי. אמאי דכי נפיק בשערה נפיק אינבא . אינבא אלא לבר : ברישא דבינתא בעי למיקם . אינבא אלא לגו ש"מ מדקיימא אינבא בהדי בינתא דמלעיל

---

בית המקדש חרוב ווערין . ווען זיין איין אנדערער . ווען דער אנדערער חרוב ווערין . ווען זיין אדריטער . האבען זייא דאך גיוואוסט אז דער בית המקדש וועט חרוב ווערין . פון רעכטווענין האבען זייא גיטאהן נדרים זייא זאלין זיין נזירים . ענטפערט דיא גמרא אמת זייא האבען גיוואוסט אז דער בית המקדש וועט חרוב ווערין . זייא האבען אבער ניט גיוואוסט ווען ער וועט חרוב ווערין . דריבער האבען זייא גיטאהן נדרים צוא זיין נזירים ווייל זיי האבען גימיינט דיערע נזירות וועט זיך אוים לאזין אונ זייא וועלין נאך קענען ברייננען קרבנות איידער דער בית המקדש וועט חרוב ווערין . האט אביי גזאגט האבען זייא דען ניט גיוואוסט ווען דער בית המקדש וועט חרוב ווערין . עס שטייט דאך אין פסוק שבעים שבעים נחתך על עמך ועל עיר קדשך . עס איז אגזירה פון גאט איבער דיין פאלק אונ איבער דיין הייליגע שטאט אז פון ערשטין חורבן ביז צום אנדערין חורבן זאל דווערין זיבעציג שמטות . ענטפערט דיא גמרא זייא האבען אבער ניט גיוואוסט וועלכין טאג עס וועט חרוב ווערין . אין אן הייב יאהר אדער אין סוף יאהר :

## פרק ששי

א איבעיא . האבען דיא רבנן גיפרעגט דיא האר וואקסען פון אונטען . פון קאפ וואקסען ארוים דיא האר אלע מאהל העכער . אדער פון הויבען וואקסען דיא האר . אונ ניט פון לייב . צו וואס דארפין מיר דאס וויסען . אויב עס האט גיטראפין אז גזלנים האבין אפ גישוירען דעם נזיר . אונ זייא האבען גילאזין קורצע האר אז מען וועט דעם האר איינבייגין וועט אן דירען דער שפיץ פון דעם האר צום ווארצ'יל פון אנדערין האר . אויב דוא וועסט זאגין דיא האר וואקסט פון אונטען . פון לייב ארוים . האבען דאך דיא גזלנים אפ גישוירין דיא האר וואס ער האט גיהייליגט . מוז ער אן הייבען נאך אמאהל ציילען נזירות . אבער אז דוא וועסט זאגין דיא האר וואקסט פון הויבין . האבען דיא גזלנים נאר אפ גישוירין דיא אויבערשטע האר . אבער דיא אונטערשטע האר וואס ער האט גיהייליגט שטייען נאך אזוי וויא פריער . דארף ער ניט ציילען קיין נייע נזירות . זאגט דיא גמרא מיר קענען דיא זאך וויסען . מיר זעהן אלע מאהל אז עס איז דא אויף אהאר גנידעם נאר אונטען . אז מיר וועלין זאגין דיא האר וואקסט פון אונטען . הייבט זיך דיא אונטערשטע שטיקל האר אויף אין דיא הייך . דארף דאך דיא גנידע אויך ארויף קומען אין דיא הייך . אונ מיר זעהן אלע מאהל אז דיא גנידע בלייבט

אייבינ

דביתהו בעי למיקם וכו'] תו כד צבעין סביא דיקנהון חוורן (ע"ב) עיקבי נימהון ש"מ סלתחת רבי ש"מ:

# כהן גדול פרק שביעי

(דף מט ע"ב) **א** ת"ר לאחר פטירתו של ר' מאיר אמר להם רבי יהודה לתלמידיו אל יכנסו תלמידי ר' מאיר לכאן מפני שקנתרנין הם ולא ללמוד תורה באים אלא לקפחני בהלכות הן באים דחק סומכוס ונכנס וכו' כעס רבי יהודה אמר להו לא כך אמרתי לכם אל יכנסו וכו' (דף נ) א"ר יוסי יאמרו מאיר שכב יהודה כעס יוסי שתק תורה מה תהא עליה:

(דף נ ע"ב) **ב** אמרו ש"מ כל שמעתתא דכתאמרה בבי תלתא קדמאי ובתראי אמרינן מיצעאי לא אמרינן אמר רב נחמן בר יצחק אף אנן נמי תנינא אמר נחום הלבלר כך מקובלני מר' מיאשה שקבל מאבא שקבל מן הזוגות שקבלו מן הנביאים הלכה למשה מסיני בזורע שבת וחרדל בב' ושלשה מקומות

נותן

דמלעיל רבי והיינו בביתא כדקאי קאי] : תו מדצבעין סביא דיקנהון. כי סבי דלהוי דדדק ונתר סבי חוורי דיקנהון מתלבנין שערי עקרי זקנא ש"מ דמלתחת רבי:

לקפחני. לנצחני:

ש"מ כל שמעתא וכו'. דכל מי שמע משפי ותא שמע מרבותיו דהאי מאן דבעי למימר להאי מילתא לא מצטרכא למימר אלא קמאי ובתראי ומיצעאי לא כדתנן במתני' ר"א ור"י ולא קתני רבי יהושע בן חנניא בהדייהו: מקבל מן הזוגות. יוסי בן יועזר ויוסי בן יוחנן יהושע בן פרחיה ונתאי הארבלי יהודה בן טבאי ושמעון בן שטח שמעיה ואבטליון הלל ושמאי וזוגות קבלו מן חגי זכריה ומלאכי ונביאים קבלו הלכה למשה מסיני: ס"נ. בזורע את שדהו שני מיני חטין אם עשאן גורן אחת פאה אחת נותן ואם עשאן ב' גרנות נותן לע"פ שקצר שני מינין שאין שבלים מין השני לא חייב אלא פאה אחת אא"כ כשדעתו לחלקן ולעשות מהן שתי גרנות ואם ספרים דאים בכו שונים שבט

---

איבית אתחכן. איז געווים אז נאר דער שפיץ האר ווערט אלע מאהל העכער. נאך זעהן מיר אז די אקסע לייט פארבין זייערע ווייסע בערד אויף שווארץ. ווייא זאגין יונג אויס זעהן. דער נאך אז די בארד ווערט גרעסער. זענען די שטיקלאך האר וואס נעבין לייב. ווייס פון דעם זעהט מען אז די האר וואקסט פון אונטען. דריבער זענין די נייע צו געוואקסענע שטיקלאך האר ווייס. ווארום זיי זענען דאך נאך ניט געפארבט געווארין:

## פרק שביעי

**א** תנו רבנן: די רבנן האבען געלערנט נאך דעם ווי רבי מאיר איז געשטארבען. האט רבי יהודה געזאגט צוא זיינע תלמידים. די תלמידים פון רבי מאיר זאלין ניט אריין גיין אין מיין ישיבה. ווייל זייא זענען קריגער. און זייא קומען ניט לערנען תורה פון מיר. זייא קומען נאר מיט מיר צוא קריגען אין דינים. סומכוס האט זיך אריין געקוועטשט און איז אריין געגאנגען אין די ישיבה: איז רבי יהודה אין כעס געווארין. און ער האט געזאגט צוא זיינע תלמידים. האב איך דען איך ניט געזאגט אז די תלמידים פון רבי מאיר זאלין ניט אריין קומען אין מיין ישיבה. האט רבי יוסי געזאגט מען וועט זאגין מאיר איז געשטארבען. יהודה איז אין כעס. יוסי האט געשוויגען. ביי וועמען וועלין די תלמידים לערנען תורה:

**ב** אמרו. מען האט געזאגט פון דאנעט ווייסען מיר דער דין וואס איז געזאגט געווארין דורך דרייא מענטשין. דער ערשטער האט געזאגט צום אנדערין און דער אנדערער הט געזאגט צו אדריטען. אז אפערטער זאגט דעם דין. דארף ער נאר זאגין דעם נאמען פון דריטען. מיט דעם נאמען פון ערשטין: און דעם נאמען פון מיטעלסטען דארף ער ניט זאגין. רב נחמן בר יצחק זאגט מיר האבען אויך אזוי געלערנט. נחום הלבלר האט געזאגט אזוי האב איך געלערנט פון רבי מיאשה. וואס ער האט געלערנט פון פאטער. וואס ער האט געלערנט פון די פארין וואס שטייען אין ערשטין פרק אבות. וואס זייא האבען געלערנט פון די נביאים. און די נביאים האבען געלערנט פון משה רבינו. וואס משה האט געלערנט אויף דעם בארג סיני. אז איינער האט פאר זייט שבת און חרדל אויף צוויי אדער אויף דרייא ערטער. דארף ער געבין פאה פון יעדער ארט באזונדער. האט נחום הלבלר אויס גירעכנט אזוי פיל תנאים

אונ

נותן פאה מכל אחד ואחד ואילו יהושע וכלב לא קחשיב ש"מ :

## שני נזירים פרק שמיני

(דף נז ע"ב) **א אמר** רב הונא המקיף את הקטן הרי הוא חייב א"ל רב אדא בר אהבה לרב הונא ודידך מאן מגלח להון א"ל חובה תקברינון חובה לבניה כולהו שני דרב אדא בר אהבה לא אתקיים ליה זרעא לרב הונא :

(דף נט) **ב רבי** [אליעזר] בן יעקב אומר מנין שלא תצא אשה בכלי זיין למלחמה ת"ל (דברים כב) לא יהיה כלי גבר על אשה ולא ילבש גבר שמלת אשה שלא יתקן איש בתיקוני אשה אמרו ליה רבנן לרבי שמעון בר אבא חזינא ליה לרבי יוחנן דלית ליה אמר להון מחמת זקנה נשרו. ההוא דאיתחייב נגידא קמיה דרבי אמי איגלאי בית השחי אחזייה דלא מגלח א"ל רבי אמי שבקוה דמן חברייא הוא :

**פירוש**

מגדל אג"ס בלע"ז והוא לא ואח ל"ג לה : ואילו יהושע וכלב דהוו מינייהו לא חשיב. אלמא הנך קמאי ובתראי אמרינן ומינייהו לא אמרינן ומן הנביאים ואילך חשיב כולהו כחדא מפני שהיו מבית שני ואילך :

א"ל רב אדא בר אהבה לרב הונא לדידך דאמרת המקיף את הקטן חייב קטנים דאיתנהו מגולחין כל הראש כדאורחייהו דאיכפי דקא מגלחי להו כדי לגדלן אחר האזני : מאן קמגלח להו א"ל חובה. כך שמה דאשתו דרב הונא דקסבר רב הונא דאשה לא מפקדא אלא דהקפת הראש אראש דאחרים כלל : א"ל רב אדא תקבריניהו לבניה. דלדידך דאמרת המקיף את הקטן חייב כי מקפת ליה אשה נמי חייבת אבל לדידי אפילו גדול המקיף את הקטן פטור וה"ה נמי לאשה וכן בגדול המקיף את הגדול חייב וה"ה לאשה :

בכלי זיין למלחמה. כדמתרגמינן לא יהא תיקון זיין דגבר : שלא יתקן איש בתקוני אשה. דהכי מתרגמינן ליה שלא יכחול ושלא יפרכס. בבגדי צבעונין של אשה : חזינא ליה לר' יוחנן דלית ליה. שער בבית השחי : איגלאי בית השחי. כי הוו משלחי בהפשט מאניה לנגדיה :

## הכותים אין להם נזירות פרק תשיעי

(ד' סו) **א משנה** נזיר היה שמואל כדברי רבי נהוראי שנא' (ש"א א) ומורה לא

---

און יהושע מיט כלב האט ער ניט גירעכנט. געוויס דארף מען ניט רעכענען די מיטעלע תנאים. נאר די ערשטע תנאים און די לעצטע תנאים רעכנט מען. ניט די מיטעלע :

## פרק שמיני

**א** אמר. רב הונא האט גזאגט אז איינער שערט ארום די האר פון א קינד. קומט אים מלקות. האט רב אדא בר אהבה גזאגט צוא רב הונא און דיינע קינדער ווער שערט זייא ארום די האר. האט רב הונא גזאגט מיין ווייב חובה שערט זייא ארום די האר : האט רב אדא גזאגט זאל חובה בגראבין אירע קינדער. דיא אלע יאהרין וואס רב אדא בר אהבה האט גילעבט האבען זיך ניט גיהאלטען דיא קינדער פון רב הונא. דיא קינדער פלעגין יונג שטארבין :

**ב** רבי אליעזר בן יעקב זאגט פון וואנען ווייסען מיר אז אאשה טאר ניט ארויס גיין בעוואפינט מיט שווערד און ביקס אין אמלחמה. שטייט אין פסוק עס זאל ניט זיין דיא כלים פון אמאנספערזאהן אויף אאשה : און אמאנספערזאהן זאל ניט אן קליידין דיא קליידער פון אאשה. אמאנספערזאהן זאל זיך ניט צירען אזו וויא אאשה ווערט געצירט. די רבנן האבן גזאגט צוא רבי שמעון בר אבא מיר האבען גיזעהן אז רבי יוחנן האט ניט קיין האר אונטערין ארעם : האט רבי שמעון גזאגט צוא דיא רבנן פון גרויס אלטקייט זענען דיא האר ארוס גיפאלן. אמענטש איז אמאהל פאר שולדיגט גיווארין מען זאל אים שלאגין מלקות ביי דעם בית דין פון רבי אמי. וויא מען האט אים אויס גיטאהן דיא קליידער איז אויף גידעקט גיווארין דער ארעם האט מען גיזעהן אז ער האט האר אונטער דעם ארעם און ער גאלט זייא ניט : האט רבי אמי גיזאגט לאזט אים אפ און שלאגט אים ניט. ווארום ער איז פון דיא ערליכע יודין :

## פרק ט

**א** משנה. נזיר. שמואל הנביא איז גיוועזן אנזיר אזו וויא רבי נהוראי האט גזאגט :

יעלה על ראשו נאמר בשמואל ומורה ונאמר בשמשון (שופטים ג) ומורה מה מורה האמורה בשמשון נזיר אף מורה האמורה בשמואל נזיר א"ל ר' יוסי והלא אין מורה אלא של בשר ודם (דמתרגמינן ומרות אינש לא תהא עלוהי) א"ל ר' נהוראי והלא כבר נאמר (ש"א טז) ויאמר שמואל איך אלך ושמע שאול והרגני שכבר היתה עליו מורא ב"ו:

(ע"ב) **ב** **א"ל** רב לחייא בריה חטוף ובריך וכן א"ל רב הונא לרבה בריה חטוף ובריך למימרא דמברך עדיף והתניא ר' יוסי אומר גדול העונה אמן יותר מן המברך א"ל ר' נהוראי השמים כך הוא שהרי גוליירין מתגרים במלחמה וגבורים נוצחים אלא תנאי היא דתניא אחד המברך ואחד העונה אמן במשמע אלא שממהרין למברך תחלה. א"ר אלעזר א"ר חנינא תלמידי חכמים מרבים שלום בעולם שנא' (ישעיה נד) וכל בניך למודי ה' ורב שלום בניך (אל תקרי בניך אלא בוניך):

שלת

מה מורה האמורה בשמשון נזיר. דכתיב כי נזיר אלהים יהיה הנער מן הבטן: (אין מורה אלא של בשר ודם. שלא תהא מרות ואימת בשר ודם עליו):

חטוף. כוס של ברכה וכן כל הברכות אל יקדמך אחר: [השמים כך הוא. בשבועה ועל שם וירם ימינו אל השמים וישבע בחי העולם כך הוא שהעונה אמן גדול מן המברך: והדע שהוא כך. שהרי גוליירין. חלשין מתגרין במלחמה תחלה ואח"כ גבורים באין ונוצחין אף כאן העונה בא לאחר המברך ומגלה לומר שהעונה אמן משובח מן המברך: תנאי היא. דאיכא למ"ד דעונה אמן משובח מן המברך ואית דאמר שהמברך משובח: אחד העונה ואחד המברך במשמע. דקרא שאמר גדלו וגו' אתי ברכה ונרוממה שמו יחדו אמן: אלא שממהרין למברך תחלה. ליתן שכר):

וארום עס שטייט אין פסוק ביי שמואל הנביא ומורה לא יעלה על ראשו. אמורה זאל ניט ארויף גיין אויף זיין קאפ. ביי שמואל שטייט ומורה. און ביי שמשון שטייט ומורה. אזוי ווי א דער מורה וואס שטייט ביי שמשון מיינט מען אגאל מעסער. שמשון זאל זיך ניט גאלין ווייל ער איז אנזיר. אזוי דעם מורה וואס עס שטייט ביי שמואל הנביא מיינט מען אויך אגאל מעסער. ער זאל זיך ניט גאלין ווייל ער איז אנזיר. האט רבי יוסי גזאגט טאמער איז מורה דער טייטש פירכטין. מיינט מען שמואל זאל ניט פירכטין פאר קיין מענטש. הט רבי נהוראי גזאגט עס שטייט דאך אין פסוק שמואל האט גזאגט וויא אזוי וועל איך גיין שאול וועט הערין וועט ער מיך הרגנן. זעהן מיר דאך אז שמואל האט יא מורא גיהאט פר מענטשין. נאר מוז מען טייטשען מורה אגאל מעסער:

**ב** אמר. רב האט גזאגט צוא זיין זוהן חייא אז עס וועט זיין אכום צום בענטשין. זאלסטו תאפין דעם כוס און זאלסט בענטשין. און אזו האט גזאגט רב הונא צוא זיין זוהן רבה. אז עס וועט זיין אכום צום בענטשין. זאלסטו האפען דעם כוס און זאלסט בענטשין. פרעגט דיא גמרא זאלין מיר זאגין אז דער וואס בענטשט האט מער שכר וויא דיא וואס צוא הערין און ענטפערין אמן: מיר האבען דאך גילערונט רבי יוסי זאגט דער וואס ענטפערט אמן האט מער שכר וויא דער וואס זאגט דיא ברכה. האט רבי נהוראי גזאגט איך שווער ביי דעם הימעל אז עס איז אזו וויא רבי יוסי זאגט. ווארום אז מען גייט אין אמלחמה איז אזוי. דיא שוואכע מענטשין הייבין אן צוא רייצין דיא מלחמה. און דיא גבורים נעמען איין דיא מלחמה: דא איז אויך אזוי דער וואס מאכט דיא ברכה הייבט אן צוא לויבין גאט. און דער וואס ענטפערט אמן פאר שטארקט ער דיא לויב פון גאט. נאר תנאים קריגען אין דעם. ווארום מיר האבען גילערונט דער וואס זאגט דיא ברכה און דער וואס ענטפערט אמן זענען ביידע גלייך: נאר דער וואס זאגט דיא ברכה נעמט זיין שכר פריער וויא דער וואס ענטפערט אמן. רבי אלעזר האט גזאגט פון רבי חנינאס וועגין תלמידי חכמים ברייננען פיל שלום אויף דער וועלט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיינע אלע קינדער וועגען גילערונט מיט דיא תורה פון גאט. און דיינע קינדער ברייננען פיל שלום אויף דער וועלט:

שלת

(דף ו ע"ב) א **ושלח** ליה רבי אביתר לרב חסדא גיטין הבאין משם לכאן אינו צריך לומר בפני נכתב ובפני נחתם וכו'] אמר רב יוסף מאן לימא לן דרבי אביתר בר סמכא הוא (דהא שלח ליה ר' אביתר) [ועוד הא איהו דשלח ליה] לרב יהודה בני אדם העולים משם לכאן הם קימו בעצמן (יואל ג) ויתנו הילד בזונה והילדה מכרו ביין וישתו וכתב ליה בלא שרטוט ואמר רבי יצחק שתים כותבין שלש אין כותבין במתניתא תנא שלשה כותבין ארבעה אין כותבין אמר ליה אביי אטו כל דלא ידע הא דרבי יצחק לאו גברא רבה הוא בשלמא מלתא דתליא בסברא לחיי הא גמרא היא וגמרא לא שמיע ליה ועוד הא רבי אביתר הוא דאסכים מריה על ידיה דכתיב (שופטים יט) ותזנה עליו פילגשו רבי אביתר אמר זבוב מצא לה ר' יונתן אמר נימא מצא לה ואשכחיה רבי אביתר לאליהו א"ל מאי קעביד קב"ה א"ל עסיק בפלגש בגבעה ומאי קאמר (א"ל) אביתר בני כך הוא אומר א"ל ח"ו ומי איכא ספיקא קמי שמיא א"ל אלו ואלו דברי אלהים חיים הן זבוב מצא ולא הקפיד נימא מצא והקפיד אמר רב יהודה זבוב בקערה ונימא באותו

משם לכאן. מבבל לארץ ישראל: עד שתכלה יזלא. ראוי לסמוך עליו: ויתנו הילד וגו'. שהיו משמשים בארץ ישראל ומניחים נשותיהן מזונות ומבטלים מפריה ורביה בשכל בעי. יבם ילדים וילדות: שתי. שתי תיבות כותבים מן המקרא בלא שרטוט: בשלמא מלתא דתליא בסברא. אי לא הוה סבר לה מדעתיה: לחיי. כלומר שפיר מצי למימר דלאו גברא רבה הוא: וגמרא לא שמיע ליה. הא גמרא דר' יצחק: דאסכים מריה על ידיה. נגלה לו סוד לפרש דברים הסתומים על אמתתם: ותזנה עליו פלגשו. בפלגש בגבעה כתיב ותזנה סרחה עליו: זבוב מצא לה. בקערה: נימא מצא לה. לקמן מפרש ולהכתים גרסינן: נימא מצא לה והקפיד.

## פרק ראשון

**א** שלח. רבי אביתר האט געשיקט צוא רב חסדא דיא גיטין וואס װערין געבריינגט פון בבל אין ארץ ישראל. דארף ניט דער שליח זאגין פאר מיר איז דער גט געשריבען געװארין אונ פאר מיר איז ער נחתמת געװארין. האט רב יוסף גזאגט װער װעט אונז זאגין אז מען קען זיך פאר לאזין אויף דיא רייד פון רבי אביתר. װארום רבי אביתר האט געשיקט צוא רב יהודה דיא מענטשין װאס גייען אויף פון בבל אין ארץ ישראל זייא האבען אויף זיך מקיים געװען דעם פסוק זייא האבען גיגעבין דעם קליינעם יונגיל פאר א זונה. אונ דאס קליינע מיידיל האבען זייא פאר קויפט פאר ויין אונ זייא האבען גיטרונקען. אונ דעם פסוק האט רבי אביתר געשריבען ניט אויף אוירע. אונ רבי יצחק האט גזאגט צװייא װערטער פון א פסוק מעג מען שרייבען אן אוירע. דרייא װערטער טאר מען ניט שרייבען אן אוירע: אין א ברייתא האבען מיר גילערנט דריי װערטער מעג מען שרייבען אן אוירע. פיר װערטער טאר מען ניט שרייבען אן אוירע. װיא אזוי האט רבי אביתר געשריבען אזוי פיל װערטער אן אוירע. האט אביי גזאגט צוא רב יוסף צוא דער װאס װייס ניט דעם דין פון רבי יצחק איז ער ניט א גרויסער מאן. אז ער װאלט ניט װיסען אזו א זאך װאס מען דארף דאס לערנען מיט דעם שכל. אונ ער הט ניט געװאוסט מיט זיין שכל אזו צוא לערנען. איז רעכט. קען מען אויף אים זאגין אז ער איז ניט קיין גרויסער מאן: אבער דאס װאס רבי יצחק זאגט האט ער דאך אזו גילערנט פון זיין רבי אן א שכל. אונ רבי אביתר האט דאס לערנונג ניט גיהערט פון זיין רבי: אונ נאך װידער גאט האט אויך גילערנט אזוי װיא רבי אביתר. װארום עס שטייט אין פסוק ותזנה עליו פלגשו. זיין װייב האט אויף איהם געזינדיגט. װאס איז געװען איר זינד. רבי אביתר זאגט ער האט גיפונען א פליג אין דעם שיסיל עסין: רבי יונתן זאגט ער האט גיפונען א האר. רבי אביתר האט אמאהל גיטראפען אליהו הנביא. האט ער גיזאגט צוא אים װאס טוהט איצט גאט. האט אליהו הנביא גזאגט גאט האלט איצט ביא דעם קאפיטול פון פלגש בגבעה. אונ װאס זאגט גאט: האט אליהו הנביא גזאגט. גאט זאגט מיין זוהן אביתר זאגט אזוי: האט רבי אביתר גזאגט צוא אליהו הנביא איז דען גאט א ספק װאס דיא פלגש האט געזינדיגט אויף איהר מאן. האט אליהו הנביא צוא אים גזאגט ביידע ערליי רייד איז אמת. פריער האט ער געפונען א פליג אין עסין איז ער ניט

אין

באותו מקום זבוב מאיסותא וניסא סכנתא א"ד אידי ואידי בקערה זבוב אונסא וניסא פשיעותא:

ב אמר רב חסדא לעולם אל יטיל אדם אימה יתירה בתוך ביתו שהרי פלגש בגבעה הטיל עליה בעלה אימה יתירה והפילה כמה רבבות מישראל. אמר רב יהודה אמר רב כל המטיל אימה יתירה בתוך ביתו סוף הוא בא לידי שלש עבירות גלוי עריות ושפיכות דמים והלול שבת. אמר רבה בר בר חנה הא דאמרי רבנן ג' דברים צריך אדם לומר בתוך ביתו ערב שבת עם חשיכה עשרתם ערבתם הדליקו את הנרות צריך (דף ז) למימרינהו בניחותא כי היכי דליקבלו מיניה אמר רב אשי אנא לא שמיע לי הא דרבה בר בר חנה וקיימתיה מסברא. אמר ר' אבהו לעולם אל יטיל אדם אימה יתירה בתוך ביתו שהרי אדם גדול הטיל אימה יתירה בתוך ביתו והאכילוהו דבר גדול ומנו רבי חנניא בן גמליאל האכילוהו פ"ד השתא

כדמפרש טעמא ואזיל: נימא גלוהו מקום. והרקן היה להסיר את השער ולא ליכנן בועלה ליטמוש פרות שפלה ומשום דסכנתא הוא הקפיד עליה ונכרה מפני אימתו: גלוי עריות. כשמגיע זמן טבילתה בעת אנה והיא יראה לומר לא טבלתי ומשמשתו כדם: שפיכות דמים. כי הכא או פעמים שבורחת מפניו ונופלת באחת הפחתים או מגבר: וחלול שבתות. פעמים שמדלקת נר או מבשלת משחשיכה מפני אימתו והוא אינו יודע: עשרתם. פירות בהאכל למחר: ערבתם. עירובי

---

אין בעם גיזוען; דער נאך האט ער געפונען אדאר איז ער אין בעם גיוואריין. רב יהודה זאגט אזקינג האט ער געפונען אין דיא שיסול עסין, אונ אדאר האט ער גיפונען אויף איר ערוה. אפילוג אין שיסול איז נאר מיאוס. אבער אדאר אויף דיא ערוה איז אסכנה. ווארום פארצייטיגע ווייבער פלעגן אפ גאלין דיא האר פון דיא ערוה. אנדערע זאגן ביידע האט ער געפונען אין שיכול עסין. נאר אויף דעם פלינג איז ער ניט אין כעם גיווארין. ווייל דאס קען דיא ניט פאר היטען. דער פלינג פליהט אליין אריין אין דעם עסין. אבער אויף דעם האר איז ער אין בעם גיוועזן. ווייל זיא האט גידארפט אכטונג געבין דער האר זאל ניט אריין פאלין: אדער זיא האט גידארפט אכטונג געבין אין דעם עסין אונ ארויס נעמען דעם האר:

ב אמר. רב חסדא האט גזאגט אמענטש זאל קיין מאהל ניט ווארפין קיין גרויסע מורא אויף זיינע שטוב מענטשין. ווארום ביא פלגש בגבעה ווייל דער מאן האט אויף איר גיווארפין אגרויסע מורא. זענען דורך איר גיפאלין צעהן טויזענדער יודין. רב יהודה האט גזאגט פון רבים וועגין דער וואס ווארפט אגרויסע מורא אויף זיינע שטוב מענטשין. וועט זיין דער סוף אז ער וועט קומען צו דריי עבירות. ער וועט בועל זיין זיין ווייב ווען זיא וועט זיין אנדה. זיא וועט אמאהל ניט קענען גיין טבילה. אונ זיא וועט מורא האבין פאר אים צו זאגין אז זיא איז ניט גיוועזן טבילה. וועט ער זיהר בועל זיין אנדה. אונ עס וועט אמאהל טרעפין אז ער וועט שיקען איינעם פון זיינע שטוב מענטשין ביי נאכט ער זאל אים עפעס ברייגגען. אונ ער קען אין דער פינצטער פאלין אין אגרוב אדער אויף אשטיין אונ ווערין גיהרגת: אונ עס קען טרעפין מען האט פארגעסין ערב שבת פאר אים אן צוא גרייטין עפעס אויף שבת. אונ מען האט זיך דערמאנט ערב שבת שפעט אדער אום שבת. אונ ווייל מען האט מורא פאר אים וועט מען אנגרייטין אום שבת אונ מען וועט מחלל שבת זיין. רבה בר בר חנה האט גזאגט דאס וואס דיא רבנן האבין גזאגט דריא זאכין דארף אמענטש זאגין ביא זיך אין שטוב צו זיינע שטוב מענטשין ערב שבת פארין נאכט. האט איר גימעשרת דיא פירות וואס מען וועט מארגין עסין. האט איר גימאכט אעירוב תחומין. צינדעט אן ליכט. דיא דריי זאכין דארף ער זאגין רוהיג אונ שטיל אונ זאל זיך ניט בייזערין. וועלין זיא אים פאלגין. רב אשי האט גזאגט איך האב דאס פון רבה בר בר חנה ניט גיהערט. נאר מיט מיין שכל האב איך פארשטאנען אז דיא דריי זאכין דארף מען זאגין רוהיג אונ שטיל ניט געבייזערט. רבי אבהו האט גזאגט אמענטש זאל קיין מאהל ניט ווארפין קיין גרויסע מורא אויף זיינע שטוב מענטשין. ווארום אגרויסער מאן האט גיווארפין אגרויסע מורא אויף זיינע שטוב מענטשין האט

עירוני תליות: כמתן של צדיקים. נבלה שחטין: אבר מן החי. שלכד מתן אבר בחוטם ומסגי לשונות הסכו עבדיו אבר מן החי וכילו סחתיו שלא יכו:
העומדים עלי. לחרף ולגדף: ובידי למוסרם. כח בידי לגלשין עליהם: לנגדי. מריבני ומקניטני: גניבא. כום הולך עליו: קולר. שלשלת של ברזל שמתנין שם המוכתבין למלכות להריגה: אזמרה. לשורר בבית המשתאות: ימר שכר. יכלה

השתא בהמתן של צדיקים אין הקב"ה מביא תקלה על ידם צדיקים עצמם לא כ"ש אלא בקשו להאבילו דבר גדול ומאי ניהו אבר מן החי:

**ג שלח** ליה מר עוקבא לרבי אלעזר בני אדם העומדים עלי ובידי למוסרם למלכות מהו שרטט וכתב ליה (תהלים לט) אמרתי אשמרה דרכי מחטוא בלשוני אשמרה לפי מחסום בעוד רשע לנגדי אע"פ שהרשע לנגדי אשמרה לפי מחסום שלח ליה קא מצערי לי טובא ולא מצינא דאיקום בהו שלח ליה (שם ת) דום לה' והתחולל לו דום לו לה' והוא יפילם לפניך חללים חללים השכם והערב עליהם לבית המדרש והם כלים מאליהם הדבר יצא מפי רבי אלעזר ונתנוהו לגניבא בקולר:

**ד שלחו** ליה למר עוקבא זמרא מנא לן דאסור שרטט וכתב להו (הושע ט) אל תשמח ישראל אל גיל כעמים ולישלח להו מהכא (ישעיה כד) בשיר לא ישתו יין ימר שכר לשותיו אי מהתם הוה אמינא הני מילי זמרא דמנא אבל דפומא שרי קמ"ל. א"ל רב הונא

---

האט מען איהם געגעבן עסן אגרויסן איסור. ווער איז געווען דער גרויסער מאן: רבי חנניא בן גמליאל: פרעגט די גמרא קען דאס זיין אז רבי חנניא זאל עסן וואס מען טאר ניט. מאראך גאט ברענגט ניט קיין שטרויכלונג אויף די בהמות פון די צדיקים. די בהמות זייערע עסן ניט וואס מען טאר ניט. אויף די צדיקים אליין וועט דאך גאט געוויס ניט ברענגען קיין שטרויכלונג. אז די צדיקים זאלן עסן אזוי אזאך וואס איז אסור: נאר מען האט איהם געוואלט געבן עסן אגרויסן איסור. מען האט אפ געשניטען אשטיק פלייש פון אלעבעדיגע בהמה און מען האט דאס געקאכט און מען האט איהם דאס געוואלט געבן עסן נאר גאט האט איהם אפ געהיט ער זאל דאס ניט עסן:

**ג** שלח. מר עוקבא האט געשיקט צו רבי אלעזר מענטשן זענען אויף געשטאנען אויף מיר. און ווילען מיר שלעכטס טאהן: און איך קען זיי איבער געבן צום מלך אין די הענט. ער זאל זיי שטראפין. מעג איך דאס טאהן אדער ניין. האט רבי אלעזר אב געווירעט אשטיקל פאפיר און האט אויף געשריבען דעם פסוק איך האב געזאגט איך וועל היטען מיינע וועגין פון צו זינדיגען מיט מיין צונג. איך וועל היטען מיין מויל אזוי ווי מיט אשלאס ווען דער רשע איז נאך געגין מיר. אפילו דער רשע שטייט געגין מיר און דער צערינט מיך פון דעסטוועגין וועל איך היטען מיין מויל אזוי ווי מיט אשלאס. דריבער טארסטו זיי ניט איבער געבן צום מלך. האט מר עוקבא נאך אמאהל געשיקט צוא רבי אלעזר די רשעים זענען מיך שטארק מצער. און איך קען ניט באשטיין געגין זיי האט רבי אלעזר געשיקט צו מר עוקבא דעם פסוק דום לה' והתחולל לו. האף צו גאט וועט ער זיי מאכין פאלין פאר דיר גיהרגעטע: בעט אין בית המדרש אויף זיי אין דער פריה און פארין נאכט. וועלן זיי אליין פארלענדט ווערין. ווי רבי אלעזר האט ארוים גירעט די ווערטער. האט מען געשלאסין גניבא אין קייטען. און גניבא איז געווען דער ערשטער קריגער אויף מר עוקבא:

**ד** שלחו. מען האט געשיקט צוא מר עוקבא פרעגין פון וואנען ווייסין מיר אז מען טאר ניט זינגען פריילאך צו מאכין: האט מר עוקבא אפ געווירעט אשטיקול פאפיר און האט געשריבען דעם פסוק ידין זאלין זיך ניט פרייען צוא דער פרייד ווי די פעלקער פרייען זיך. פרעגט די גמרא פאר וואס האט מר עוקבא זיי ניט געשיקט פון דעם פסוק מיט געזאנג זאל מען ניט טרינקען וויין. עס וועט ביטער זיין דער אלטער וויין צו די טרינקערס. ענטפערט די גמרא פון דעם פסוק וואלט איך מיינען נאר זינגען (שפילען) מיט אכלי טאר מען ניט. אבער זינגען מיט

דעם

הונא בר נתן לרב אשי מ"ד (יהושע טו) קינה ודימונה ועדעדה א"ל כתוותא דא"י קחשיב א"ל אטו אנא לא ידענא דמתוותא דארץ ישראל קחשיב אלא רב גביהה מארגיזא אמר בה טעמא כל שיש לו קנאה על חבירו ודומם שוכן עדי עד עושה לו דין א"ל אלא מעתה (שם) צקלג ומדמנה וסנסנה הכי נמי א"ל אי הוה רב גביהה מבי ארגיזא הכא הוה אמר בה טעמא רב אחא מבי חוזאי אמר בה הכי כל מי שיש לו צעקת לגימה על חבירו ודומם שוכן בסנה עושה לו דין. א"ל ריש גלותא לרב הונא כלילא מנ"ל דאסור א"ל מדרבנן דתנן בפולמוס של אספסיינוס גזרו על עטרות חתנים ועל האירוס אדהכי קם רב הונא לאפנויי א"ל רב חסדא קרא כתיב (יחזקאל כא) כה אמר ה' אלהים הסיר המצנפת והרים העטרה זאת לא זאת השפלה הגבה והגבוה השפל וכי מה ענין מצנפת אצל עטרה אלא לומר לך בזמן שהמצנפת בראש כ"ג עטרה בראש כל אדם נסתלקה מצנפת מראש כ"ג נסתלקה עטרה מראש כל אדם אדהכי אתא רב הונא אשכחינהו דהוו יתבי א"ל האלהים כדרבנן אלא חסדא שמך וחסדאין מילך

פי' : דעמא . כמו : מארגיזא . שם מקום : קנאה . כעס ומרפת לבו שמעורר קנאה הוא לשון שהלב מתעורר על ריבו או על ריב אחרים כמו קנא קנאתי וכמו בקנאו את קנאתי : צעקת לגימה . שגזל ממנו ויורד לחייו לשערי מזונותיו : כלילא . היו עושין עטרות לחתנים יש של זהב וכסף לבושים ומצויירות בגפרית ומלח שקורין מי"ל ויש של ורד ושל הדס : בפולמוס . היא שבעלה אספסיינוס קודם שבא טיטוס עליהם : ועל האירוס . מפרש בפרק בתרא דסוטה טבלא דחד פומא ויבוא זוג המקשקש : רב חסדא . תלמידו של רב הונא היה ולא היה מסיב לפניו . וכי קם רב הונא א"ל רב חסדא לריש גלותא קרא כתיב : מה ענין כו' . והלא מצנפת מבגדי כהונה היא : האלהים מדרבנן . אינו אסור אלא מדרבנן וקרא בעטרה של מלך מיירי שהיה

---

דעם טייל מעג מען ; זאגט אונז יענער פסוק אז מען טאר גאר ניט . זינגען מיט דעם טייל אויך ניט . רב הונא בר נתן האט געזאגט צו רב אשי וואס מיינט מען . קינה ודימונה ועדעדה . האט רב אשי געזאגט דאס איז נעמען פון ארץ ישראל שטעט . האט רב הונא געזאגט ווייס איך דען ניט אז דער פסוק רעכנט די נעמען פון די ארץ ישראל שטעט . נאר רב גביהה פון ארגיזא האט געזאגט א טעם אויף די נעמען . דער וואס איז אין כעס אויף זיין חבר . ווייל זיין חבר האט איהם שלעכטס געטאהן . און ער שווייגט ; דער וואס רוהט אויף אייביג ; וועט טאהן א משפט צו זיין חבר פון זיינעטוועגין . האט רב אשי געזאגט צו רב הונא וואס וועסטו דרשנען אויף צקלג ומדמנה וסנסנה האט רב הונא געזאגט ווען רב גביהה פון ארגיזא וואלט דא געווען וואלט ער שוין געדרשנט א טעם אויף די דריי ווערטער אויך . רב אחא פון חוזאי האט אזוי געזאגט אויף די דרייא ווערטער . דער וואס האט צו שרייען אויף זיין חבר ער האט ביי איהם צו גענומען זיין פרנסה . און ער שווייגט . דער וואס האט גערוהט אויף דעם סנה וועט טאהן א משפט צו זיין חבר פון זיינעט וועגין . דער ריש גלותא האט געפרעגט ביי רב הונא פון וואנען ווייסען מיר אז א חתן טאר ניט ארום גיין צו דער חופה מיט א קרוין . האט רב הונא געזאגט נישט דער פסוק האט געאסרט נאר די רבנן האבען געאסרט . ווארום מיר האבען געלערנט ווען עס איז געקומען אויף ירושלים דער חיל פון אספסיינוס האבען די רבנן גוזר געווען אז א חתן זאל ניט גיין צו דער חופה מיט א קרוין . און מען זאל ניט שפילען מיט די כלי וואס הייסט אירוס . דער ווייל איז רב הונא ארויס געגאנגען . האט רב חסדא געזאגט צום ריש גלותא עס שטייט אין פסוק אז א חתן טאר ניט גיין אין א קרוין צו דער חופה . יחזקאל הנביא האט געזאגט אזוי האט געזאגט מען זאל אפ טאהן דעם מצנפת און אויף הייבען די קרוין דאס ניט דאס די נידעריגע הויך מאכען און די הויכע נידעריגער מאכען . וואס געהער דער מצנפת צו דער עטרה . נאר אזוי מיינט מען ווען דער מצנפת איז אויף דעם קאפ פון כהן גדול . מעג זיין א קרוין אויף דעם קאפ פון אלע מענטשין . דאס איז ווען דער בית המקדש איז געשטאנען . אבער אז דער בית המקדש איז חרוב געווארין און עס איז אראפ גענומען געווארין דער מצנפת פון דעם קאפ פון כהן גדול . איז אראפ גענומען געווארין די קרוין פון די קעפ פון אלע מענטשין . דער ווייל

מהפכא שתפסנל ככהונה ויגלה לדקים נגולה : ומסולתן מילך . תפודין ונלוים דכריך : שלמים . מלומצמים וה"ק קרא אם שלמים מזונותיך וכל שכן אם רבים : וכן נגזו ועבר . כדי הם מגולים לעוברים בנהר על ידי גזיזה שהגוזזת עוברת

מילך . רבינא אשכחיה למר בר רב אשי דהוה גדיל כלילא לברתיה א"ל לא סבר לה מר הסיר המצנפת והרים העטרה א"ל דומיא דכ"ג בגברי אבל בנשי לא. מאי זאת לא זאת. דרש רב עוירא זמנין א"ל משמיה דרב אמי וזמנין א"ל משמיה דרב אסי בשעה שאמר הקב"ה לישראל הסיר המצנפת והרים העטרה אמרו מלאכי השרת לפני הקב"ה רבונו של עולם זאת להם לישראל שהקדימו לפניך בסיני נעשה לנשמע א"ל לא זאת להם לישראל שהשפילו את הגבוה והגביהו את השפל והעמידו צלם בהיכל:

**ה דרש** רב עוירא זמנין אמר לה משמיה דרב אמי וזמנין אמר לה משמיה דרב אסי מאי דכתיב (נחום א) כה אמר ה' אם שלמים וכן רבים וכן נגזו ועבר וגו' אם רואה אדם שמזונותיו מצומצמים יעשה מהם צדקה וכל שכן כשהם מרובים מאי וכן נגזו ועבר תנא דבי ר' ישמעאל כל הגוזז נכסיו ועושה מהם צדקה נצול מדינה של גיהנם משל לשתי רחלות שהיו עוברות במים אחת גזוזה ואחת שאינה גזוזה עברה שאינה

---

איז רב הונא צוריק גקומען . אונ ער האט גיטראפען אז דער ריש גלותא זיצט מיט רב חסדא. האט רב הונא צו זייא גזאגט איך שווער ביי גאט אז דאס איז נאר גיאסרת גיווארין פון די כהנים . נאר דוא היסט חסדא . וחסדאין מיקך . אונ דיינע רייד זענען שיין . רבינא איז אמאל גיקומען צו מר בר רב אשי . האט ער גיטראפען אז מר בר רב אשי פלעכט אקרוין פון רויזין פאר זיין טאכטער . האט רבינא גזאגט צו מר בר רב אשי האלטסטו דען ניט דעם פסוק אז דער מצנפת איז אפ גטאהן גיווארין פון כהן גדול . מוזין אלע אראפ נעמען פון זיך די קרוינען . האט מר בר רב אשי גזאגט אזו וויא דער כהן גדול . מאנספערזאנען אונ חתנים טארין ניט גיין מיט קרוינען . אבער ווייבער אונ כלות מעגין יא גיין מיט קרוינען . וואס מיינט מען דאס ניט דאס . האט רב עוירא גידרשת אמאהל האט ער גזאגט פון רבי אמים וועגין אונ אמאהל האט ער גיזאגט פון רבי אסים וועגין . ווען גאט האט גזאגט צו די יודין מען זאל אפ טאהן דעם מצנפת (דיא היטל פון כהן גדול) אונ מען זאל אראפ נעמען די עטרה (די קרוינען פון דיא יודין) . האבען דיא מלאכים גזאגט פאר גאט . רבונו של עולם וזאת . דאס אזו שטראפסטו דיא יודין וואס אויף דעם בארג סיני האבען זייא גזאגט נעשה ומיר וועלין טאהן פר נשמע ומיר וועלין הערין) האט גאט גזאגט צו דיא מלאכים ולא זאת . ניט דאס) האבען דען די יודין ניט דאס גיטאהן זייא האבען נידעריג גימאכט דעם הויכען אונ זייא האבען אויף גיהויבען דעם נידעריגען . זייא האבען נידעריג גימאכט גאט . אונ האבען גרויס גימאכט דיא עבודה זרה. אונ זייא האבען גישטעלט אצלם אין בית המקדש :

ה דרש . רב עוירא האט גידרשת אמאהל האט ער גזאגט פון רבי אמים וועגין . אונ אמאהל האט ער גזאגט פון רב אסים וועגין . עס שטייט אין פסוק אזו האט גאט גזאגט אם שלמים וכן רבים וכן נגזו ועבר . אויב אמענטש זעהט אז זיין פרנסה איז גאנץ . ער פר דינט גאר אזוי פיל וויא ער דארף צום לעבין ניט מער . זאל ער געבין פון זיין פאר דינסט אויף צדקה . ווערט אים גאט העלפין ער זאל מער פאר דינען . אונ אויב דער מענטש זעהט אז ער פאר דינט מער וויא ער דארף אויף זיין הוצאה . דארף ער געווים געבין אויף צדקה . וואס מיינט מען וכן נגזו ועבר . דבי רבי ישמעאל האבען גילערנט דער וואס שערט אפ פון זיין פאר מעגין אונ ער טוהט מיט זייא צדקה . ווערט ער גירעטעט ווערין פון דעם דין פון גיהנם . ער ווערט ניט גשטראפט ווערין אין גיהנם . דאס איז געגליכען צו צוויא שעפסין וואס זענען גישוואמען אין וואסער . איין שעפס איז גיווען אפ גישוירין דיא וואל . אונ איין שעפס איז ניט גיווען אפ גישוירין דיא וואל . דיא גישוירענע ווייל זיא איז גיווען גרינג איז זיא אריבער

גישוואומען

שאינה גזוזה לא עברה (ע"ב) (שם) ועניתיך אמר מר זוטרא אפילו עני המתפרנס מן הצדקה יעשה צדקה (שם) לא אענך עוד תני רב יוסף שוב אין מראין לו סימני עניות :

(דף ח) ו ורב נחמן בר יצחק אמר בנהרות דארץ ישראל דכולי עלמא לא פליגי] כי פליגי בים הגדול דתניא איזהו ארץ ואיזהו ח"ל כל ששופע ויורד מטורי אמנון ולפנים א"י מטורי אמנון ולחוץ ח"ל והנסין שבים רואין אותן כאילו חוט מתוח עליהם מטורי אמנון עד נחל מצרים מן החוט ולפנים א"י מן החוט ולחוץ ח"ל רבי יהודה אומר כל שכנגד א"י הרי הוא כא"י שנאמר (במדבר לד) וגבול ים והיה לכם הים הגדול וגבול זה יהיה לכם גבול ים וכו' :

(דף ט) ז תניא כשנאמרו דברים לפני ר' יוסי קרא עליו המקרא הזה (משלי כד) שפתים ישק משיב דברים נכוחים :

(דף יד) ח רבי אחאי ברבי יאשיה הוה ליה איספקא דכספא בנהרדעא (ע"ב) א"ל לרב דוסתאי ברבי ינאי ולר' יוסי בר כיפר בהדי דאתיתו אתיוה ניהלי אזיל יהבי ניהלייהו אמרי להו נקני מיניכו (אמר) [אמרי] להו לא אמרי להו אהדריה ניהלן רבי

עוברת כך גזוז מהם לצדקה וירבו : ועניתיך לא אענך עוד . כיפיה דההוא קרא הוא :
[רב נחמן בר יצחק אמר . הכי מתנייתא דהמביא גט אי בנהרות דארץ ישראל : דכולי עלמא לא פליגי . דכארץ ישראל נינהו] : כי פליגי בים הגדול . שהוא תחום מערבי של א"י ופליגי אנאי איכא למ"ד שפת הים הוא גבול וים גופיה לאו א"י הוא ואיכא למ"ד ים גופיה מא"י : איזהו ארץ . מקצוע צפונית מערבית של א"י הר ההר ובתרגום ירושלמי מתרגם הר ההר טורי אמנון וכתיב זה יהיה לכם גבול וגו' : כל ששופע ויורד מטורי אמנון ולפנים . לצד א"י דהיינו לצד דרום הוי א"י וכו' : והנסין שבים . איי הים שבמערב : נחל מצרים . הוא תחום א"י במקצוע מערבית דרומית ומהובר לים הגדול וכו' : שפתים ישק . ראוי הוא לישק : איספקא . כלי : ה"ל אין . מכדרנא : אמר להו לא . כדאמרינן לעיל הם בא למאר אינו פוחר :

---

גישוואומען . אונ דיא ניט גישוירענע ווייל זיא איז גיוועזן שווער איז זיא ניט אריבער גישוואומען אין פסוק שטייט ועניתיך . האט מר זוטרא גזאגט אפילו אארעם מאן וואס נעמט צדקה דארף אויך געבין צדקה : לא אענך עוד רב יוסף האט גילערונט אז דער ארעם מאן וועט אזו טאהן אונ ער וועט אויך געבין צדקה : וועט ער זוכה זיין אז ער וועט ניט זיין קיין ארעם מאן :

ו רב נחמן בר יצחק האט גזאגט אויף די טייכען פון ארץ ישראל קריגט קיינער ניט . אז זייא האבען דעם דין אזו וויא ארץ ישראל . מען קריגט נאר אויף דעם ים הגדול : איינער זאגט אז דער ים הגדול איז ארץ ישראל . אונ איינער זאגט אז דער ים הגדול איז חוץ לארץ . ווארום מיר האבען גילערנט וועלכעס הייסט ארץ ישראל אונ וועלכעס הייסט חוץ לארץ . דער בארג אמנון ווערט צוא טיילט אויף צווייא טייל . דיא זייט בארג וואס צוא ארץ ישראל איז ארץ ישראל . אונ דיא זייט בארג וואס צוא חוץ לארץ : אונ דיא אינזלען וואס אויף דעם ים . זעהן מיר גלייך וויא עס וואלט גיוועזן אפאדים פאר צויגען פון דיא בערג אמנון ביז צום טייך מצרים . פון דעם פאדים אינוויינג איז ארץ ישראל . אונ פון דעם פאדים אויס וויינג איז חוץ לארץ . רבי יהודה זאגט אלץ וואס אנקעגין ארץ ישראל . איז אזו וויא ארץ ישראל : אזו וויא עס שטייט אין פסוק דער גרענעץ פון מערב זייט וועט זיין צוא אייך דער גרויסער ים : אונ דער גרענעץ וועט זיין צו אייך דער גרענעץ פון מערב זייט :

ז תניא : מיר האבען גילערנט אז דיא רייד איז גיזאגט גיווארין פאר רבי יוסי : האט ער אויף איהם גילייענט דעם פסוק מען דארף קושען דיא לעפצין וואס ענטפערין ריכטיגע רייד :

ח רבי אחאי ברבי יאשיה האט גיהאט אזילבערנע כלי אין נהרדעא . האט רבי אחאי גזאגט צוא רבי דוסתאי ברבי ינאי אונ צוא רבי יוסי בר כיפר אז איר וועט קומען צוריק פון נהרדעא זאלט איר מיט ברענגען דיא כלי פון מיינעט וועגין . זענען זייא גיגאנגען אין נהרדעא אונ דיא מענטשין פון נהרדעא האבען גיגעבין דיא כלי צו רבי דוסתאי אונ רבי יוסי . דער נאך האבען דיא מענטשין פון נהרדעא גזאגט צוא רבי דוסתאי אונ רבי יוסי מיר ווערין אפ קויפען

פון

רבי דוסתאי ברבי ינאי א"ל אין רבי יוסי בר כיפר אמר (לי) [להו] לא הוו קא מצערו ליה אמרו ליה חזי מר היכי קא עביד א"ל טב רמו ליה כי אתו לגביה א"ל חזי מר לא מסתייה דלא סייען אלא א"ל נמי טב רמו ליה א"ל אמאי תעביד הכי א"ל אותם בני אדם הם אמה וכובען אמה ומדברים מחצייהן ושמותיהם מבוהלים ארדא וארטא ופילי בריש אומרים כפותו כופתין אומרים הרוגו הורגין אילו הרגו לדוסתאי מי נתן לינאי אבא בר כמותי אמר ליה בני אדם הללו קרובים למלכות הן א"ל הן יש להם סוסים ופרדים שרצים אחריהם א"ל הן א"ל אי הכי שפיר עבדת:

המרו ליה. לרבי דוסתאי: הני מר מאי קא עביד: דלא קמהדר לן: טב רמו ליה. הרבה הכאה ל' מורי ל"א טב רמו ליה יפה ראויות המכות הללו: אמאי תעביד הכי. שנתרצית להחזיר מיד: הן אמה. אנשי מדות גבוהים בקומה: וכובען אמה. אף מלבושיהן מאויימות משאר בני אדם: ומדברין מחצייהן. כלומר קולן עבה ונראה הדבור יוצא מצואריהן:

תבוי. פרסאי: שקלא לשרגא. שיש לפרסיים יום איד שאין מדליקין אור באותו יום אלא בבית ע"ז שלהם: אמר. רבה בר בר חנה: רחמנא או בטולך. או בטולאי בצלך. או בגלוי בני עשו:

# המביא פרק שני

(דף טו ע"ב) **א רבה** בר בר חנה חלש עול לגביה רב יהודה ורבא לשיולי ביה בעו מיניה שנים שהביאו גט וכו'. אדהכי אתא ההוא (דף יז) חברא שקלא לשרגא מקמייהו אמר רחמנא או בטולך או בטולא דבר עשו למימרא דארומאי מעלו מפרסאי

---

פון אייך דיא כלי. האבען רבי דוסתאי אונ רבי יוסי גזאגט צוא דיא מענטשין פון נהרדעא מיר וועלין ניט פאר קויפען. האבען דיא מענטשין פון נהרדעא גזאגט צוא רבי דוסתאי אונ רבי יוסי גיט אונז צוריק דיא כלי. רבי דוסתאי ברבי ינאי האט גיזאגט יא איך וועל צוריק געבין. רבי יוסי בר כיפר האט גזאגט צוא זייא איך וועל ניט צוריק געבין. האבען דיא מענטשין פון נהרדעא מצער גיוועזן רבי יוסין. אונ זייא האבען גזאגט צוא רבי דוסתאי זעה וואס רבי יוסי טוהט אונז ער וויל ניט צוריק געבין דיא כלי. האט רבי דוסתאי צוא זייא גזאגט שלאגט אים גוט מעט ער אייך צוריק געבין. ווען רבי דוסתאי אונ רבי יוסי זענען צוריק גיקומען צוא רבי אחאי. האט רבי יוסי גזאגט צוא רבי אחאי זעה ניט גענוג אז רבי דוסתאי הט מיר ניט גיהאלפען. ער האט נאך גזאגט צוא זייא מען זאל מיך גוט שלאגין. הט רבי אחאי גזאגט צו רבי דוסתאי פאר וואס האסטו אזו גיטאהן אונ דוא האסט גיוואלט צוריק אוועק געבין דיא כלי. האט רבי דוסתאי גזאגט צו רבי אחאי די מענטשין פון נהרדעא זענען הויך פיל איילין. אונ זייערע היטלען זענען הויך אאייל. אונ זייער שטימע איז גראב אז עס ווערט אויס גלייך וויא זייא וואלטין גירעט פון מיטען בויך פון דעם נאפיל. אונ זייערע נעמען זענען שרעקליך ארדא. ארטא. פילי. בריש. אז זייא זאגין מען זאל בינדען. בינדט מען. אז זייא זאגין מען זאל הרגנן. הרגת מען. ווען זייא וואלטין גיהרגת מיך דוסתאי. ווער וואלט גיגעבין צו מיין פאטער ינאי אזו אזוהן ווי איך בין. הט רבי אחאי גזאגט צו רבי דוסתאי דיא מענטשין זענען נאנט צום מלך אויך. האט רבי דוסתאי גזאגט יא. הט רבי אחאי נאך גיפרעגט האבען זייא פערד אונ איזלען וועם לויפען נאך זיי. הט רבי דוסתאי גזאגט יא. הט רבי אחאי גזאגט צו רבי דוסתאי אויב אזו האסטו רעכט גיטאהן וואס דוא האסט מורא גיהאט פאר זייא:

# פרק שני

**א** רבה בר בר חנה איז קראנק גיוועזן איז אריין גיגאנגען צו אים רב יהודה אונ רבא מבקר חולה זיין. אונ זייא האבען בייא אים גיפרעגט אדין. דער ווייל איז אריין גיקומען אפערסיאנער אונ האט צוא גינומען דיא ליכט פון זייא. ווארום דיא פערסיאנער האבען איין טאג אין יאר איום טוב. וואס דיא נאכט טאר ניט ברענען קיין ליכט אין קיין שטוב נאר אין דער קירכע. האט רבה גזאגט נאט איך בעט דיך אדער נעם אונז אין דיין שאטען. אין ארץ ישראל. אדער

מפרסאי והתני רב חייא מ"ד (איוב כח) אלהים הבין דרכה והוא ידע את מקומה יודע הקב"ה בישראל שאין יכולין לקבל גזירת ארומיים עמד והגלה אותם לבבל לא קשיא הא מקמי דנייתו חברי לבבל הא לבתר דאתו חברי לבבל:

(דף כ) ב תניא הרי שהיה צריך לכתוב את השם ונתכוין לכתוב יהודה וטעה ולא הטיל בו דל"ת מעביר עליו קולמוס ומקדש דברי ר' יהודה וחכמים אומרים אין השם מן המובחר:

## כל הגט פרק שלישי

(דף סט ע"ב) א מתני' ג' דברים א"ר אלעזר בן פרטא לפני חכמים וקיימו את דבריו

על עיר שהקיפוה כרקום ועל הספינה המיטרפת בים ועל היוצא לידון שהן בחזקת קיימין אבל עיר שכבשוה וכו':

(דף לא ע"ב) (יונה ד) ב ויהי כזרוח השמש וימן אלהים רוח קדים חרישית מאי חרישיה אמר רב יהודה בשעה שמנשבת עושה תלמים בים א"ל (רבא) [רבה] אי הכי היינו דכתיב (שם) ותך השמש על ראש יונה ויתעלף אלא אמר (רבא)

שהם מכבדים אותם: הבין דרכה. של תורה ולומדיה היכן היא ראויה להתישב: גזירות. שגוזרים גזירה שלא יעסקו בתורה ולא יקיימו מצות: והגלה אותם לבבל. בחורבן הבית: הא מקמי דנייתי חברי לבבל. בימי כשדים נבוכדנאצר ואויל מרודך ובלשאצר: לבתר דאתו חברי. משכבש כורש את המלכות ומלך בבבל:

מעביר עליו קולמוס. על כל אות ואות: ונתכוין לכתוב יהודה. שהיה טועה וכסבור שאין צריך לכתוב יהודה וטעה ולא הטיל בו דל"ת. והרי השם כתוב אלא שה א שלא לשמה:

כרקום. מטר מהרגמיק כרקופין: המיטרפת. ועדיין לא טבעה: לידון. בדיני נפשות: בשעה שמנשבת עושה תלמים בים. כתלם של מענית המחרישה דהיינו חרישית לשון חרישה לפי שחזקה היא: היינו דכתיב. בתמיה: ותך השמש. הכתוב בא להעיד שנתחמם העולם ואתה אומר שספר הכתוב בכח גבורת סערותיה ולכך שמש

---

גיב אונז אין דעם שאטען פון עשו. פרעגט דיא גמרא ווערין מיר דען זאגין אז די רוימער משלה זענען בעסער צו יודין וויא דיא פערסיאנער. רב חייא האט דאך גילערונט: עס שטייט אין פסוק גאט האט פאר שטאנען איר וועג אונ ער ווייס איר ארט. ווייל גאט ווייס אז דיא יודין וועלין ניט קענען פאר נעמען דיא גזרות פון דיא רוימער. דריבער האט ער זיי פר טריבען אין בבל. זאגט דיא גמרא עס איז ניט קיין קשיא. איידער דיא פרסיים זענען גיקומען אין בבל: האבען דיא יודין גוט גיהאט אין בבל. בעסער וויא אין רוים, אבער דער נאך וויא דיא פערסיאנער זענען גיקומען אין בבל. איז שוין פאר יודין שלעכט גיוועזען אין בבל:

ב תניא. מיר האבען גילערונט אסופר האט גידארפט שרייבען דעם שם. אונ ער האט אין זינען גיהאט צוא שרייבען יהודה. אונ ער האט גיהאט אטעות אונ האט ניט ארייין גישטעלט אדל"ת, איז געבליבען שטיין דער שם יהוה' זאל ער נאך אמאהל איבער ציהען מיט דיא פעדער אונ טינט אויף דיא פיר אותיות פון שם. אונ זאל היילגען דיא אותיות צום היילגען נאמען פון גאט. אזוי זאגט רבי יהודה. אונ דיא חכמים זאגין דער שם איז ניט צום בעסטי:

## פרק שלישי

א מתניתין. שלשה. דריי זאכען האט רבי אלעזר בן פרטא גזאגט פר דיא חכמים. אונ דיא חכמים האבען אן גינומען זיינע רייד. אויף אשטאט וואס אחיל האבען בעלאגערט. אונ אויף אשיף וואס זיא טריינקט אין ים. אונ אויף אמענטשין וואס מען פירט אים צום משפט אויב מען זאל אים הרגנן. די אלע רעכענען מיר אז זיי לעבין נאך:

ב ויהי. עס שטייט אין פסוק אז דיא זוהן האט אויף גישיינט האט גאט אן גיברייט אמזרח ווינט חרישית. וואס איז דער טייטש חרישית. האט רב יהודה גזאגט חרישית איז דער טייטש האקערין. ווען דער ווינט בלאזט מאכט ער דעם ים אזו וויא צוא האקערטע בייטין וואגאנעם. האט רבה גיפרעגט אויב אזו וואס שטייט אין פסוק דיא זוהן האט גישלאגין אויף

דעם

בשעה: משתקת כל הרוחות מפניה. כשהיא מנשבת בשעת החום היא חמה פחד ומבטלת את כל הרוחות. ולכך בגד הכהונה לקרותה חרישית: משקיט ארץ. בשעת רוח דרומית שוקטת ומי שלא מנשבת רוח מזרחית משתקת בשעה שמנשבת רוח מזרחית משתקת כל הרוחות: פלגאה. בעל מריבה שהיתה לו מריבה עם מר עוקבא בריה דאב בית דין דאמרינן כה"ג בני אדם העומדין עליו ובידו נמסרין למלכות והוא היה גביר כדמפרש התם: רוח נפוצית. נוחה הוא לא חמה ולא צוננת ומפתח את שאר הרוחות: בן נץ. מגלן העשוי כנץ: מעמידה. בכנפיו: יחבר. לשון אברתו יגדיל כנף: בגוהרקא. עגלה העשויה כשידה ומהלכים בה שרים: סרבלא דכרתי. מעיל הכלה דומה לכרתי: אנא לא צריכנא להו. דרב נחמן מהניה דנשיאה הוה

(רבא) [רבה] בשעה שמנשבת משתקת כל הרוחות מפניה והיינו דכתיב (איוב לז) אשר בגדיך חמים בהשקיט ארץ מדרום אמר רב תחליפא בר רב חסדא א"ר חסדא אימתי בגדיך חמים בשעה שמשקיט ארץ מדרום שבשעה שמנשבת משתקת כל הרוחות כפניה: רב הונא ורב חסדא הוו יתבי חליף ואזיל גניבא עליהו אמר חד לחבריה ניקום מקמיה דבר אוריין הוא א"ל אידך מקמיה פלגאה ניקום אדהכי אתא איתו לגבייהו אמר להו במאי עסקיתו אמרו ליה ברוחות (אמרו) [אמר] להו הכי אמר רב חנן בר רבא א"ר ארבע רוחות מנשבות בכל יום ורוח צפונית מנשבת עם כולם שאלמלא כן אין העולם מתקיים אפילו שעה אחת ורוח דרומית קשה מכולן ואלמלא בן נץ מעמידה נחרב כל העולם כולו מפניה שנא' (שם לט) המבינתך יאבר נץ יפרוש כנפיו לתימן. רבא ורב נחמן [בר יצחק] הוו יתבי הוי חליף ואזיל רב נחמן בר יעקב דיתיב בגוהרקא דדהבא ופריס עליה סרבלא דכרתי רבא אזל לגביה רב נחמן בר יצחק לא אזל לגביה אמר דלמא מאינשי דבי ריש גלותא נינהו רבא צריך להו אנא לא צריכנא להו כדתניא דרב נחמן בר יעקב הוה אזיל לגבית

גלי

---

דעם קאם פון יונה איז ער פאר חלשות געווארן. שטעהט דאך דער פסוק ווי היים די זאך איז געוועזן. אבער ניט פון אויבן. האט רבה געזאגט אזוי מיינט מען אז עס איז היים אונ דער מזרח ווינט בלאזט. מאכט ער שטיל די קעלט פון אלע ווינטען. חרישית איז דער טייטש שטיל: דאס איז וואס עס שטייט אין פסוק דיינע קליידער זענען ווארעם ווען מען מאכט שטיל די וועלט פון דרום זייט. האט רב תחליפא בר רב חסדא געזאגט פון רב חסדאס וועגין ווען זענען דיינע קליידער ווארעם. ווען די וועלט איז שטיל פון דרום זייט: דער דרום ווינט בלאזט ניט. ווארום ווען דער מזרח ווינט בלאזט מאכט ער שטיל אלע ווינטען. רב הונא אונ רב חסדא זענען געזעסן. איז גניבא געגאנגען פאר ביי זיי. האט איינער געזאגט צום אנדערין לאזין מיר אויף שטיין פאר אים ווארום ער איז אלמדן. האט דער אנדערער געזאגט פאר דעם קריגער וועלין מיר אויף שטיין. דער ווייל איז גניבא געקומען צו זיי. אונ ער האט געזאגט צו זיי פון וואס שמועסט איר. האבען זיי געזאגט צו גניבא מיר שמועסין פון ווינטען. האט גניבא צו זיי געזאגט אזוי האט געזאגט רב חנן בר רבא פון רבס וועגין פיר ווינטען בלאזין אלע טאג. אונ דער צפון ווינט בלאזט מיט אלע צו זאמען. ווארום ווען ניט אזוי וואלט די וועלט ניט געקענט בשטיין אפילו איין שעה. אונ דער דרום ווינט איז דער שווערסטער פון אלע ווינטען. אונ ווען ניט דער מלאך וואס הייסט בן נץ וואלט פאר שטעלט מיט זיינע פליגעל דעם ווינט. וואלט די גאנצע וועלט חרוב געווארן פון דעם ווינט. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק גאט האט געזאגט צו איוב דוא פאר שטייסט ווי דער מלאך נץ פאר שטעלט מיט זיינע פליגעל. ער פאר שפרייט מיט זיינע פליגעל געגין דרום זייט צו פאר שטעלין דעם ווינט. רבא אונ רב נחמן בר יצחק זענען געזעסן איז פאר ביי געגאנגען רב נחמן בר יעקב. ער איז געזעסן אין אגאלדענעם וועגעלע אונ אויף דעם וועגעלע איז געוועזן פאר שפרייט אבלאהער דיוואן. רבא איז געגאנגען צו רב נחמן בר יעקב. אונ רב נחמן בר יצחק איז ניט געגאנגען צו רב נחמן בר יעקב. ווארום ער האט אים ניט דער קענט ער האט געזאגט טאמער איז ער פון די מענטשין פון ריש גלותא. רבא דארף זיי. אונ איך דארף זיי ניט. ווי רב נחמן בר יצחק האט געזעהן אז דאס איז רב נחמן

בר

גלי לדרעיה אמר שדיא נשיב אמר (רבא) [רבה הכי] אמר רב אשה מפלת בו ושמואל אמר אפילו מרגלית שבים מרקבת בו רבי יוחנן אמר אפילו שכבת זרע שבמעי אשה מסרחת בו אמר רב נחמן [בר יצחק] ושלשתן מקרא א' דרשו (הושע יג) כי הוא בין אחים יפריא יבא קדים רוח ה' ממדבר עולה ויבוש מקורו וגו' יבוש מקורו זה מקורה של אשה ויחרב מעינו זה שכבת זרע שבמעי אשה (שם) הוא ישסה אוצר כל כלי חמדה זו מרגליות שבים אמר (רבא) [רב] עדי סוראה הוא דדייקי קראי מאי כי הוא בין אחים יפריא אמר רבא אפי' (דף לג) שופתא בקופינא דמרא רפיא רב יוסף אמר אפילו סיכתא בדפנא רפיא רב אחא בר יעקב אמר אפילו קניא בכופתא רפיא:

פירוש: בהעור והרוצב: גלייה: רב נחמן בר יעקב. לדרעיה שהיתה רוח מזרחית מנשבת וכותה לו: שדיא נשיב. כשהיה מנשבת: שכבת זרע. תוך ג' ימים: מקורה של אשה. עובר שבמעים: עדי סוראה הוא. [הדבר הזה] מבני סורא הוא דדייקי קראי: שופתא. בית יד: קופינא. חור שנותנים המרא שהוא פושיי"ר ובלע"ז שדחוק בין ב' עדי כמו קרי ליה בין אחים שמדובקין: סיכתא. בדפנא. יתד שבדופן: רפיא. שמתייבש מחמת החום ורפה: קניא בכופתא. קנה הארוג בכפיפה: רפיא. כמו יפריא:

## השולח פרק רביעי

(דף לה) **א אמר** רב יהודה אמר רב מעשה באדם אחד בשני בצורת שהפקיד דינר זהב אצל אלמנה והניחתו בכד של קמח ואפאתו בפת ונתנתו לעני לימים

---

בר יעקב: איז ער אויך גינאנגען צו אים: אונ רב נחמן בר יעקב האט אויף גידעקט דיא הענט זיינע. ער האט גזאגט דער שד בלאזט: ווייל אמזרח ווינט האט גיבלאזין איז אים וואַרעם גיוועזין דריבער האט ער אויף גידעקט דיא הענט: רבה האט גזאגט אזו האט רב גזאגט אאשה איז מפיל דעם טאג וואס דער מזרח ווינט בלאזט. שמואל זאגט אפילו דער פעריל וואס אין ים ווערט פר פוילט דעם טאג וואס אין אים בלאזט דער מזרח ווינט. רבי יוחנן זאגט אפילו די זרע וואס ביי אאשה אין בויך ווערט פאר שטונקין דעם טאג וואס דער מזרח ווינט בלאזט. רב נחמן בר יצחק זאגט אלע דרייא דרשנן פון איין פסוק. ער וועט זיך פרוכטבארין צווישען די ברידער עס וועט קומען אמזרח ווינט דער ווינט פון גאט גייט אויף פון דער מדבר ער וועט אויס טריקענען זיין קוואל. ער וועט אויס טריקענען זיין קוואל דאס מיינט מען דעם קוואל פון דיא אשה. דעם קינד וואס אין אירע גידערים. ער וועט טרוקען מאכען זיין קוואל דאס מיינט מען דיא שכבת זרע וואס ביי דיא אשה אין בויך. ער וועט רויבין דעם אוצר פון אלע גלוסטיגע זאכען דס מיינט מען דיא פעריל וואס אין ים: רב האט גזאגט דעם דרש האבען דיא מענטשין פון סורא גידרשת. וואס זייא קלערין דעם מיינונג פון דיא פסוקים. וואס מיינט מען כי הוא בין אחים יפריא: האט רבא גזאגט ווען עס איז אמזרח ווינט אפילו דער שטעקין וואס איז אין דיא לאך פון רידעל ווערט אויך איין געטריקנט אונ ער ווערט לויז: דער שטעקין וואס זיצט אין דיא לאך פון רידעל. זיצט ער אזו וויא צווישען ברידער. וואָרום דיא איינין ווס פון אלע זייטען זענען דאך וויא ברידער: אונ יפריא איז גלייך וויא: עס וואלט גישטאנען רפיא. לויז. רב יוסף זאגט אפילו דער פלאקין וואס אין וואנט ווערט אויך לויז. ער ווערט אויך טרוקען פון ווינט. רב אחא בר יעקב זאגט אפילו דער שטעקין וואס אין דיא וועבונג ווערט אויך לויז. ווייל ער ווערט טרוקען פון ווינט:

## פרק רביעי

**א** אמר: רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין אמענטש האט אמאהל אין אהונגער יאר גיגעבין בעהאלטען אנאלמענעם רענדיל ביי אאלמנה. אונ דיא אלמנה האט דעם רענדיל אריין גילייגט אין אקרוג מעהל. אונ זיא האט פון דיא מעהל גיבאקט אברויט: אונ דער רענדיל איז נעבליבען

יהנה. יועיל להמיתו: דאשתרש לה מקום דינר. נשתברכה בו עיסה כעובי הדינר שלא היה הדינר היתה מתנת עוד עיסה בכבר: ומאי מי שנשבע באמת. האי לאו אמת הוא. כמי שנשבע באמת. דהא שוגגת היא:
אין לה מזונות. מעתה דגליא דעתה דבעא לאיגרושי ואיהו לא אתני בהדה אלא כל ימי מיגר ארמלותיך בביתו שהיא אלמנה בשביל כבודו: הפכוה לכורסיה ותרצוה. הפכו כסאו וזקפוה כדי שתתקיים הקללה בכך [ס"א הפכוה לכורסיא תפפל בחלאו]: לא איפרוק מחולשא. לא ניצול מלבא לידי חולי:
[עלוב וכו'. תו"פ]: בקרב חופתה. בעוד שכינה וישראל

לימים בא בעל הדינר ואמר לה הבי לי דינרי אמרה ליה יהנה סם המית באחד מבניה של אותה אשה אם נהנית מדינרך כלום אמרו לא היו ימים מועטים עד שמת אחד מבניה וכששמעו חכמים בדבר אמרו מה מי שנשבע באמת כך הנשבע על שקר עאכ"ו. ומ"ט איענשה דאשתרש לה מקום דינר ומאי מי שנשבע באמת כמי שנשבע באמת:

**ב ההיא** דאתאי לקמיה דרבה בר רב הונא א"ל מאי אעביד לך דרב לא מגבי כתובה לארמלתא ואבא מרי לא מגבי כתיבה לארמלתא א"ל הב לי מזוני אמר לה מזונות נמי לית ליך דא"ר יהודה אמר שמואל התובעת כתובתה בב"ד אין לה מזונות אמרה ליה הפכוה לכורסיה כבי תרי עבדו לי הפכוה לכורסיה ותרצוה ואפ"ה לא איפרק מחולשא:

(דף לו ע"ב) **ג אמר** (שמואל) [עולא] עלובה כלה שזנתה בתיך חופתה [אמר רב מרי

---

געבליבען אין דעם ברויט. אונ דעם ברוט מיטן רענדיל האט זיא גיגעבין צוא אארעם מאן. אין אצייט שפעטער איז גיקומען דער מענטש פון דעם רענדיל אונ ער הי"ט גזאגט צוא דיא אלמנה גיב מיר מיין רענדיל. האט דיא אלמנה צוא אים גיזאגט זאל סם המות הרגן איינעם פון מיינע קינדער אויב איך היב הנאה גיהאט פון דיין רענדיל. מען הט גזאגט אין עטליכע טעג שפעטער איז גישטארבין איינע פון אירע קינדער. אז דיא חכמים האבען דאס גיהערט האבען זייא גיזאגט מאדאך דער וואס שווערט אמת ווערט גישטראפט; דער ווס שווערט פאלש וועט געוויס גישטראפט ווערין. אונ פאר וואס איז זיא גישטראפט גיווארין. ווארום זיא האט יא הנאה גיהאט פון דעם רענדיל. ווארום זיא האט פאר דינט דיא שטיקול טייג וואס עס האט גידארפט ליגען אויף דעם ארט וואו דער רענדיל איז גילעגין: פרעגט דיא גמרא וואס זאגט מען פריער מאדאך דער וואס האט גישוואורין אמת. דיא אלמנה האט דאך ניט גישוואורין אמת. ווארום זיא האט דאך מאקי הנאה גיהאט פון דעם רענדיל. זאגט דיא גמרא דאס איז אזוי וויא זיא וואלט גישווארין אמת. ווארום זיא האט דאך ניט גיוואוסט אז דער רענדיל ליגט אין דעם ברויט:

**ב** ההיא. אאלמנה איז אמאהל גיקומען פאר רבה בר רב הונא ער זאל הייסין דיא יתומים זייא זאלין איר בצאלין דיא כתובה. האט רבה גזאגט צוא איר וואס זאל איך דיר טאהן אז רב פלעגט ניט נעמען פון יתומים געלט צוא בצאהלין דיא אלמנה איר כתובה. אונ מיין פאטער פלעגט אויך ניט נעמען פון יתומים געלט צוא בצאהלין דיא אלמנה איר כתובה. הט דיא אלמנה גזאגט צוא רבה זאג דיא יתומים זייא זאלין מיר געבין עסין. האט רבה צו איר גזאגט עסין קומט דיר אויך ניט. ווארום רב יהודה האט גזאגט פון שמואל וועגין די אלמנה וואס מאנט איר כתובה ביא בית דין. קומט איר ניט קיין עסין פון דיא יתומים; האט דיא אלמנה גזאגט קערט אום זיין שטול. וזיא האט אים גיפלוכט ער זאל שטארבין. ווארום פאר צייטין אז איינער איז גישטארבין דיא זיבען טעג פון שבעה איז גיוועו אומגיקערט די בעטין אונ דיא שטוהלין וואס מען זיצט אויף זייא. ווארום ער האט מיר גיטאהן אזוי וויא צוויא. אזוי וויא רב אונ אזוי וויא שמואל. האט מען אומגיקערט דיא שטוהל פון רבה. ועס זאל מקוים ווערין איר קללה מיט דעם שטוהל אומקערין. אונ מען האט דיא שטוהל באלד צוריק אויף גישטעלט. זאגט דיא גמרא פון דעסטוועגין אביסול איז דיא קללה מקוים גיווארין. ווארום רבה איז שוואך אונ קראנק גיווארין:

**ג** אמר. עולא האט גזאגט וואס פאר אחצופה ואונ פאר שעמט איז דיא כלה וואס איז מזנה

מרי ברה דבת שמואל מאי קראה (שיר א) עד שהמלך במסבו נרדי נתן ריחו אמר רבא עדיין חביבותא הוא גבן דכתיב נתן ולא כתיב הסריח]. ת"ר הנעלבים ואינן עולבים שומעים חרפתם ואינם משיבים עושים מאהבה ושמחים ביסורים עליהם הכתוב אומר (שופטים ה) ואוהביו כצאת השמש בגבורתו [מאי פרוסבול אמר רב חסדא פרוס בולי ובוטי (דף לז) בולי אלו עשירים דכתיב (ויקרא כו) ושברתי את גאון עוזכם ותני רב יוסף אלו בולאות שביהודה בוטי אלו העניים דכתיב (דברים כג) העבט תעביטנו]:

(דף לח ע"ב) ד אמר (רבא) [רבה] בהני תלת מילי נחתי בעלי בתים מנכסיהם דמפקי עבדייהו לחירות ודסיירי נכסיהו בשבת ודקבעי סעודתייהו בשבתא בעידן בי מדרשא דא"ר חייא בר אבא א"ר יוחנן ב' משפחות היו בירושלים אחת קבעה סעודתה בשבת ואחת קבעה סעודתה בערב שבת ושתיהן נעקרו:

ויש אל בכיי עשו את העגל וכו': נרדינתן ריחו. בושמי עזב את ריחו הטוב כמו ולא נתן סיחון וגו': עדיין חביבותא. אף על פי שהזכיר קלקולינו לא הזכיר אלא בגנאית תגה דלא כתיב הסריח]: הנעלבים. גרסינן אותם שנעלבים מיד אחרים: ואינן עולבים. את אחרים: עושה. מעות מאהבת המקום ולא ליטול שכר ולא מיראת פורענות: [פרוז. תקנה: בולי ובוטי. עשירים שלא יפסידו ועניים שלא ינעלו דלת בפניהן: בולאות. עשירים של הענק. ומי הן הגווים עניים]:

דמפקי עבדייהו לחירות. ועברי בעשה שנא' לעולם בהם תעבודו: ודסיירי נכסייהו. שרואים מסתכלים בשבת לידע מה הם צריכים: בעידן בי מדרשא. שהחכם דורש דרשה לרבים בשבת והם יושבים בסעודה והיה להם להקדים או לאחר: בערב שבת. בליל שבת ואין כאן כבוד שבת דקיימא לן כבוד יום קודם לכבוד לילה והם כיון מהכוונין בשביל ביטול בית המדרש. ואית דמפרשים בערב שבת ממש וכן בכל יום מרוב עושר אבל בהא מיהו אינה איסורא מיכנס לשבת כשהוא שבע כלא תאוה:

---

מנה אונטער דער חופה. דיא יודין האבען אויך אזו גיטאהן. ווען זייא זענען גישטאנען בייא דעם בארג סיני: האבען זייא גימאכט דעם עגל. רב מרי דער זוהן פון שמואלס טאכטער האט גזאגט אזו שטייט אין פסוק עד שהמלך במסבו. ווען דער מלך (הקדוש ברוך הוא) איז נאך גיוועזן ביי זיין אן לעהנונג. אויף דעם בארג סיני. נרדי נתן ריחו. האט שוין מיין בשמים אוועק גיגעבין זיין ריח. דאס מיינט מען דיא יודין האבען אוועק גיגעבין זייער אמונה אונ האבען גימאכט דעם עגל. רבא זאגט דער פסוק זאגט נאך מיט ליבשאפט. ווארום עס שטייט ער האט אוועק גיגעבין. אונ עס שטייט ניט ער האט פאר שטונקין. דיא רבנן האבין גילערנט דיא וואס ווערין פאר שעמט. אונ זייא פאר שעמען ניט קיין אנדערין: זייא הערין זייער חרפה: אונ זייא ענפערין ניט צוריק יענעמס חרפה. זייא טוהען מצות ווייל זייא האבען ליב גאט: אונ אז עס קומט אויף זייא יסורים. פרייען זייא זיך מיט דיא יסורים: אויף זייא זאגט דער פסוק דיא וואס האבען ליב גאט וועלין זיין אזוי וויא דיא זוהן ווען זיא גייט ארויס מיט איהרע שטארקייט. וואס איז פרוסבול. האט רב חסדא גזאגט דאס איז א תקנה בולי ובוטי. פר די רייכע אונ פאר דיא ארעמע: בולי איז טייטש רייכע: אזו וויא עס שטייט אין פסוק איך וועל צוא ברעכין אייערע גרויסע שטארקייט. האט רב יוסף גילערנט דאס מיינט מען בולאות שביהודה. דיא רייכע מענטשין פון יהודה. בוטי איז טייטש ארעמע. אזו וויא עס שטייט אין פסוק העבט תעביטנו. דוא וועסט נעמען ביא אים אמשכון. ביי וועמען נעמט מען אמשכון. בייא דעם ארעם מאן:

ד אמר. רבה האט גזאגט דורך דיא דרייא זאכען גייען בעלי בתים אראפ פון זייער פאר מעגין. ווייל זייא מאכען פרייא זייערע גוישע קנעכט. אונ ווייל זייא זעהן ארום אום שבת זייערע פעלדער וואס עס פעלט צום פאר בעסערין: אונ ווייל זייא עסין אום שבת אין דער צייט ווען מען זאגט אדרשה אין בית המדרש אונ זייא גייען ניט הערין דיא דרשה. ווארום רבי חייא בר אבא האט גזאגט פון רבי יוחנן וועגין: צוויי משפחות זענען גיוועזן אין ירושלים. איין משפחה פלעגין עסין אום שבת אין דער צייט וואס מען האט גזאגט אדרשה אין בית המדרש אונ אין משפחה פלעגין עסין ערב שבת זענען זייא גיוועזן זאט. אונ האבען ניט גיקענט עסין בייא נאכט דיא ערשטע סעודה פון שבת. אונ בײדע משפחות זענען אוים גריסען גיווארין:

(דף מג) **ה דרש** רבה בר רב הונא כשם שהמקדש חצי אשה אינה מקודשת כך חציה שפחה וחציה בת חורין שנתקדשה אינה מקודשת א"ל רב חסדא מי דמי התם שייר בקנינו הכא לא שייר בקנינו הדר אוקי רבה בר ר"ה אמורא עילויה ודרש (ישעיה ג) והמכשלה הזאת תחת ידך אין אדם עומד על דברי תורה אלא א"כ נכשל בהם אע"פ שאמרו המקדש חצי אשה וכו' (והודה לדברי רב חסדא):

(דף מס) **ו בנתיה** דרב נחמן בחשן קידרא בידייהו קשיא ליה לרב עיליש כתיב (קהלת ז) אדם אחד מאלף מצאתי אשה בכל אלה לא מצאתי הא איכא בנתיה דרב נחמן גרמא (ליה) [להו] מלתא ואשתביין ואשתבאי איהו נמי בהדייהו יומא חד הוה יתיב גביה ההוא גברא דהוה ידע בלישנא דצפורי אתא עורבא וקא קרי א"ל מאי קאמר אמר ליה עיליש ברח עיליש ברח אמר עורבא שקרא הוא ולא סמיכנא עליה אדהכי אתא יונה וקא קריא א"ל מאי קאמרה א"ל עיליש ברח עיליש ברח אמר

פירוש

אוקי אמורא עליה. העמיד מתורגמן [לפניו] לחזור ולדרוש: והמכשלה הזאת. כלומר כך התחיל בד"ש מקרא כתוב והמכשלה הזאת תחת ידך באנשי ירושלים שפסקה תורה מהם והיו שואלין לחבריהם שמלה לכה קצין תהיה לנו והמכשלה הזאת תחת ידך כלו' דברים שמגונין כשמלה שלך הם שאתה בקי בהם תאמר לנו ותהיה קצין והמכשלה הזאת דברי תורה שאין אדם עומד על אמתתה עד שיכשל בהם להורות טעות ויכלימוהו והוא נותן לב ומבין הכתוב ידך הם אף אני נכשלתי בהוראתי וחזרתי בי:

בחשן קידרא בידייהו. מגיסות הקדירה בידיהן כשהיא רותחת והרואה סבור שאין האור פוגעת בהן שצדקניות הם: אחד מאלף מצאתי. שהוא צדיק: א"ל. רב עיליש להכוא גברא: מאי

ה דרש. רבה בר רב הונא האט גידרשת אזוי וויא אז איינער איז מקדש אהאלבע אשה איז דיא קדושין גאר ניט: אזו אז מען איז מקדש אאשה וואס העלפט איז זיא אדינסט אונ העלפט איז זיא פרייא. איז אויך דיא קדושין גאר ניט. האט רב חסדא גזאגט צוא רבה איז דען גלייך איין דין צום אנדערין: דארט אז ער האט מקדש גיוועין אהאלבע אשה: אונ ער הט גיקענט איר מקדש זיין אין גאנצען. האט ער דאך גילאזין פון זיין קויפונג. דריבער איז דיא קדושין גאר ניט. אבער דא ביי דיא האלבע דינסט: האט ער מקדש גיוועין אין גאנצין וואס ער האט נאר גיקענט מקדש זיין. דיא פרייהע העלפט האט ער גיקענט מקדש זיין. אונ דיא אנדערע העלפט וואס זיא איז אדינסט האט ער ניט גיקענט מקדש זיין. דריבער דארף זיין גוטע קדושין: דער נאך האט רבה בר רב הונא גישטעלט אאמורא נעבין זיך אונ האט גידרשת עס שטייט אין פסוק דיא שטרויכלונג איז אונטער דיין האנט. אמענטש קען ניט בשטיין אויף דיא רייד פון דיא תורה. ער קען ניט וויסען דעם ריכטיגען דין פון דער תורה. ביז ער ווערט פריער גישטרויכילט. ער האט פריער אטעות אזו איך האב אויך גיהאט אטעות אונ ער האט גידרשת אזו וויא רב חסדא האט גזאגט:

ו בנתיה. דיא טעכטער פון רב נחמן פלעגין אוים מישען די הייסע גיקעכין וואס אין טאפ. מיט דיא הענט: האט רב עיליש גיפרעגט עס שטייט אין פסוק שלמה המלך האט גזאגט מאנספערזאנען האב איך גיפונען איינעם פון טויזענד וואס זאל זיין אצדיק. אונ נקבות האב איך איינע פון טויזענד אויך ניט גיפונען זאל זיין אפרומע. מיר זעהן דאך דיא טעכטער פון רב נחמן זענען גיוועין אזוי פרום אז דיא הייסע גיקעכין האבען זייא ניט אפ געבריט. די רייד פון רב עיליש האט אויף זייא מקטרג גיוועין: אז זייא זענען גיפאנגען גיווארין. אונ רב עיליש איז אויך גיפאנגען גיווארין מיט זייא. אמאהל איז גיזעסין נעבין רב עיליש אמענטש וואס האט גיוואוסט וואס דיא פייגלען ריידין. איז גיקומען צוא פליהען אקראה אונ הט גירעט. האט רבי עיליש גזאגט צו דעם מענטש וואס זאגט דיא קראה. האט דער מענטש גזאגט דיא קראה זאגט עיליש אנטלויף עיליש אנטלויף. האט רב עיליש גזאגט דער קראה איז אליגנער איך וועל מיך ניט פאר לאזין אויף אים: דער ווייל איז גיקומען אטויב אונ האט גירעט. האט רב עיליש גזאגט צוא דעם מענטש וואס זאגט דיא טויב: האט דער מענטש גזאגט דיא טויב זאגט עיליש אנטלויף עיליש אנטלויף. האט רב עיליש גזאגט דיא יודין זענען גיגליכען צו אטויב.

אמר כנסת ישראל ביונה מתילא ש"מ מיתרחש לי ניסא אמר איזיל אחזי בנתיה דר"נ אי קיימן בהימנותייהו אהדרינהו אמר נשי כל מילי דאית להו סדרן להדדי בבית הכסא שמעינהו דקאמרן עדי גוברין ונהרדעי גוברין נימא להו לשבוייהו דלרתקינהו מהכא דלא ליתי אינשי ולשמעי ולפרקינן קא ערק איהו וההוא גברא לדידיה איתרחיש ליה ניסא עבר במברא וההוא גברא אשכחוהו וקטלוהו כי הדרן ואתאין אמר הוו קא בחשן קידרא בכשפים:

קאמר. האי עורבא: ביונה מתילא. ביונה נמשלא דכתיב יונתי תמתי: סדרן להדדי. מעמא יסדי בבית הכסא: עדי גוברין. אלו הנכנסים בעליה הם: ונהרדעי גוברין. ישראלים אנשים שבנהרדעי בעליה היו כלו' כשם שהם היו בעליה כך אלו בעליה אין אנו צריכות עוד להם: עדי. אלו כמו עדה אמרה זאת אומרת: לרתקינהו מהכא. שירחיקו מכאן: איהו וההוא גברא: רב עיליש ואותו האיש המבין בלשון העופות: עבר מברא. מעבר המים ולא יכלו להשיגו עוד:

מ"ט דר' יהודה. דלא"ל נדר שנודר ברבים אין לו הפרה: ולא הכום. בגבעונים כתיב: נשבעו להם

(דף מו) ז א"ר אלעזר בר' יוסי מפני מה אמרו המוציא את אשתו משום שם רע ומשום נדר לא יחזיר שלא יהו בנות ישראל פרוצות בעריות ובנדרים לפיכך אומרים לו אמור לה הוי ידעת שמשום שם רע אני מוציאך ומשום נדר אני מוציאך:

ח פיסקא ר' יהודה אומר כל נדר שידעו בו רבים לא יחזיר ושלא ידעו בו רבים יחזיר אמר ריב"ל מאי טעמא דרבי יהודה דכתיב (יהושע ט) לא הכום בני

---

געווים וועט מיך טרעפין אנס. האט רב עיליש גזאגט איך וועל גיין זעהן דיא טעכטער פון רב נחמן אויב זייא זענען נאך פרום וויא זייא זענען גיוועזן. ווען איך זייא אויך מיט געמען. האט רב עיליש גזאגט ווייבער אלין וואס זייא ווייסין שמועסין זייא איינע מיט דיא אנדערע אין בית הכסא. איז רב עיליש גיגאנגען צום בית הכסא האט ער גיהערט וויא זייא זאגין איינע צוא דיא אנדערע. דיא מענטשין וואס האבען אונז גיפאנגען זענען אויך אונזערע מאנען. אזוי וויא דיא מאנען וואס מיר האבען גיהאט אין נהרדעא. צו וואס זאלין מיר אנטלויפען פון דאנען. מיר וועלין זאגין צוא אונזערע פאנגער זייא זאלין אונז אוועק פירען ווייט פון דעם ארט. ווארום טאמער וועלין מענטשין הערין אונ וועלין וויסען אז מיר זענען דא וועלין זייא קומען אונז אויס לייזין פון דאנען: איז רב עיליש מיט דעם מענטש וואס האט פר שטאנען דיא פייגיל שפראך אנטלאפין גיווארין: צוא רב עיליש האט זיך גיטראפען אנס אונ ער איז אריבער גישוואומען דעם וואסער אויף אפראם. האט מען אים שוין ניט גיקענט חאפען. אונ דעם מענטש האט מען גיחאפט אונ מען האט אים גיהרגעט. דער נאך אז מען האט אוים גילייזט דיא טעכטער פון רב נחמן אונ זיי זענען צוריק גיקומען אהיים: הט מען גיזעהן אז זיי האבין אוים געמישט דיא הייסע גיקעכץ ווס אין די טעפ מיט די הענט דורך כישוף:

ז אמר. רבי אלעזר ברבי יוסי האט גזאגט פר ווס הט מען גזאגט אז איינער גט זיין ווייב ווייל זיא האט גיהאט אשלעכטין נאמען. מען האט איר חושד גיוועזן אז זיא איז מזנה. אדער ער האט איר גיגט ווייל אויף יעדער זאך פלעגט זיא באלד אנדר טאהן. טאר ניט דער מאן איר צוריק נעמען. דאס איז ווייל דיא יודישע טעכטער זאלין ניט זיין קיין זונות אונ זאלין ניט טאן קיין נדרים. ווארום זייא וועלין זעהן אז דורך דעם ווערין זייא גיגט: דריבער זאגט מען צו אים ער זאל זאגין צו זיין ווייב פאר דעם גט דוא זאלסט וויסען אז איך גט דיך ווייל דוא האסט אשלעכטין נאמען אדער ווייל דוא האסט גיטאהן נדרים. טאמער וועט זיא בעסער ווערין:

ח פיסקא: רבי יהודה זאגט דער נדר ווס פיל מענטשין ווייסען פון אים. זאל מען ניט חרטה האבען פון דעם נדר. אונ אויב עס ווייסין ניט פיל מענטשין פון דעם נדר. מעג מען חרטה האבען פון דעם נדר. רבי יהושע בן לוי האט גזאגט פר וואס האלט רבי יהודה אזו. ווארום עס שטייט אין פסוק די יודין האבען ניט גישלאגין דיא גבעונים ווייל דיא עלצטע פון די עדה האבען גישווארין זייא זאלין בלייבען לעבין. הט מען דאך גיקענט מתיר זיין דיא שבועת. נאר ווייל אלע יודין האבען גיוואוסט פון דער שבועה דריבער האט מען זייא ניט גיקענט מתיר זיין דיא

שבועה

בני ישראל כי נשבעו להם נשיאי העדה ורבנן התם מי חלה עלייהו שבועה כלל כיון דאמרו להו מארץ רחוקה באנו ולא באו לא חיילה עלייהו שבועה כלל והאי דלא קטלינהו משום קדושת השם:

(דף מז) **ריש** לקיש זבין נפשיה ללודאי שקל בהדיה חייתא וגלגלתא אמר גמירי דיומא בתרא כל דבעי מינייהו עבדו ליה כי היכי דליחול אדמיה יומא בתרא אמרו ליה מאי ניחא לך אמר להו בעינא אכמטינכו ואותבינכו וכל חד מנייכו אמחיה חייתא ופלגא קמטינהו ואותבינהו וכל חד מינייהו כד מחייה חדא חייתא נפק נשמתיה חרקינהו לשיניה א"ל אחוכי קא מחייכת בי אכתי פש לך גבי פלגא דחייתא קטלינהו כולהו נפק ואתא [יתיב] קאכיל ושתי אמרה ליה ברתיה לא בעית מידי למזגא עליה א"ל בתי כריסי כרי כי נח נפשיה שבק קבא דמוריקא קרא אנפשיה (תהלים מט) ועזבו לאחרים חילם:

## הניזקין פרק חמישי

(דף מז ע"ב) **א** **תניא** א"ר שמעון מפני מה אמרו הניזקין שמין להם בעידית מפני

---

נכס. והוה להו לאתשולי אשבועתייהו אי לאו משום שבודל נכרים: ורבנן. דאמרי יש לו הפרה: בתם. לאו משום שאין הפרה הוא דאפילו הפרה לא צריך דמי חיילה שבועה עלייהו כלל הלא בטעות סיתם: משום קדושת השם. בלא יאמרו הנכרים עברו על שבועתן:

לנודאי. אומה שאוכלים בני אדם: חייתא וגלגלתא. שק קטור ופקיע. ועגול (או) של אבן או של עופרת בתוכו: דיומא בתרא. כשהורגים אותו: דליחול אדמיה. שימחול על דמו: אקמטינכו ואותבינכו. לקשור אתכם ולהושיבכם: חייתא ופלגא. כלומר מכה ותצי מכה: יתיב קאכיל ושתי. כל ימיו כל מה שהיה משתכר לא היה מגמגם לכספיה ליום מחר: למזגא עליה. כר או כסת ליסן עליו:

כריסי כרי. בטני ובומן שבמעי הוא לי כר וכסת: מוריקא. כרכום:

---

**שבועה**. דיא רבנן זאגין דארטין ביי די גבעונים איז אויף די עלצטע גאר נים געווען קיין שבועה: ווייל די גבעונים האבין זייא גינארט: זייא האבען גזאגט מיר זענין גיקומען פון אוויטע לאנד: אונ זיי זענען גאר גיקומען פון אנאנטע לאנד. איז אויף דיא עלצטע גאר נים געווען קיין שבועה. נאר פאר וואס האבען דיא יודין נים גיהרגת די גבעונים. עס זאל גיהייליגט ווערין דער נאמען פון גאט. גוים זאלין נים זאגין יודין האלטען נים זייערע שבועות:

**ריש** לקיש האט זיך פאר קויפט צוא דיא לודאים. וואס זייא עסין מענטשין פלייש. האט ריש לקיש גינומען מיט זיך אזאק. אונ אין זאק האט ער אריין גילייגט אקייליכדיגען שטיין: ריש לקיש האט גזאגט מיר ווייסין אז דעם לעצטין טאג וואס זייא ווילען הרגנן דעם מענטשין וואס דער מענטש בעט ביי זייא געבין זייא אים. ער זאל זייא נאר מוחל זיין אויף זיין בלוט וואס מען וועט אים הרגנן. וויא עס איז גיקומען דער לעצטער טאג וואס מען האט שוין גיוארפט הרגנן דעם ריש לקיש. האבין דיא לודאים גזאגט צו ריש לקיש וואס ווילסטו זאל מען דיר טאהן. האט ריש לקיש צו זייא גזאגט איך וויל אייך בינדען אונ אייך זעצין: אונ צו יעדען פון אייך וועל איך שלאגין אקלאפ מיט אהאלבין קלאפ האט ער זייא גיבונדען אונ האט זייא גיזעצט. אונ ער איז צו גינאנגען צוא אייגעם אונ וויא ער האט אים גיגעבין אקלאפ מיט דעם זאק וואס איניווייניג איז גילעגין דער גרויסער שטיין. איז פון אים באלד ארויס גינאנגען דיא נשמה: האט ער פארקריצט מיט דיא ציין. האט ריש לקיש צו אים גזאגט דו לאכסט פון מיר: דיר קומט דאך נאך פון מיר אהאלבען קלאפ. אונ אזוי האט ער גיטאהן צוא יעדען בזונדער. ביז ער האט אלע אוים גיהרגת. איז ער ארויס גינאנגען פון זייא אונ איז גיקומען אהיים אונ האט זיך גיזעצט עסין אונ טרינקען: האט דיא טאכטער צוא איהם גזאגט טאטער ווילסטו אקישין צו לייגין זיך אביסול שלאפין. האט ריש לקיש צו איהר גזאגט מיין טאכטער מיין בויך איז מיין קישין. ווער האט גיהאט אגרויסין אונ אפעטין בויך. ווען ריש לקיש איז גישטארבין האט ער גילאזין אביסול זאפרען. האט ער גילייענט אויף זיך דעם פסוק זייא פאר לאזין צו פרעמדע זייער פארמעגין:

**א** **תניא**. מיר האבען גילערנט רבי שמעון האט גזאגט פאר וואס האט מען גזאגט אז

למשל

ספני הגולנים ומפני החמסנים כדי שיאמר אדם למה אני גוזל ולמה אני חומס למחר ב"ד יורדין לנכסי ונוטלין שדה נאה שלי וסומכין על מה שכתוב בתורה (שמות כב) מיטב שדהו ומיטב כרמו ישלם:

(דף נב) ב ההוא אפוטרופוס דהוה בשבבותיה דר"מ דהוה קא מזבין ארעתא וזבין עבדי ולא שבקיה רבי מאיר אחזו ליה בחלמא אני להרוס ואתה לבנות ואפ"ה לא אשגח אמר דברי חלומות לא מעלין ולא מורידין הנהו בי תרי דאגרי בהו שטן דכל בי שמשי הוו קא מנצו בהדי הדדי איקלע ר"מ להתם עכבינהו תלתא בי שמשי עד דעבד להו שלמא שמעיה דקאמר וי דאפקיה ר' מאיר להחוא גברא מביתיה:

(דף נה) ג ת"ר גזל מריש ובנאו בבירה ב"ש אומרים מקעקע כל הבירה כולה ומחזיר מריש לבעליו וב"ה אומרים אין לו אלא דמי מריש בלבד משום תקנת השבין:

(ע"ב) ד משנה לא היה סיקריקון ביהודה בהרוגי המלחמה:

גזלן. לא יהיב דמי הממון יהיב דמי: דכל בי שמשא. של ערב שבת: שמעיה. לשטן דקאמר ווי דהפקיה מביתיה: סיקריקון. נכרי רוצח שנתן לו ישראל קרקע בפדיון נפשו והאומר לו שא קרקע זו ואל תמיתני (וכוונת המשנה בכלל כי טיטוס המלך לישראל גזר בפולמוס שלו שלשה גזירות כנגד ישראל היושבים בארץ יהודה. גזירתא קמייתא כל דלא קטיל ליקטליה. מציעתא כל דקטיל לייתי ארבע זוזי. בתרייתא כל דקטיל ליקטלוהו הלכך קמייתא ומציעתא כיון דקטליה אגב אונסיה גמר ומקני. ופירוש לא היה סיקריקון שלא בא איש יהודי ולקח מן הגזלה

---

למשל ראובן האט גימאכן אשאדין צו שמעון. אויב ראובן בצאהלט דעם שאדין מיט פעלד מה ער געבין דיא בעסטע פון זייגע פעלדער. דאס האט מען גימאכט פאר דיא גזלנים אונ דיא חמסנים: נאמליך הייסט אז ער נעמט אוועק אן געלט. אונ אחמסן הייסט אז ער בצאהלט פאר דיא זאך. נאר יענער וויל ניט פאר קויפין. אונ ער נעמט אוועק ביא אים דיא זאך מיט גיוואלד] אמענטש זאל זאגין צו וואס זאל איך גזלנן אונ צו וואס זאל איך חמסנן. מארגין וועלין קומען בית דין אונ וועלין צו נעמען ביא מיר דיא בעסטע פעלד מיינע: אונ זיא וועלין זיך פארלאזין אויף דעם פסוק וואס שטייט אין דיא תורה דיא בעסטע פעלד אונ דעם בעסטין וויין גארטין זאל ער בצאהלין:

ב ההוא: עס איז אמאהל גיוועזן אפוטרופוס ואפאטער איבער דעם פארמעגין פון פרעמדע יתומים] וואס ער האט גיוואוינט נאנט פון רבי מאיר: אונ דער אפוטרופוס פלעגט פאר קויפין דיא פעלדער פון דיא יתומים אונ פאר דעם געלט פלעגט ער קויפין קנעכט. האט רבי מאיר אים ניט גילאזין. האט מען דעם אפוטרופוס געוויזען אין חלום ער זאל זאגין צו רבי מאיר איך צו ווארף אונ דו באהסט. פון דעסטוועגין האט דער אפוטרופוס ניט געקוקט דארויף. ער האט גזאגט דיא רייד פון דיא חלומות מאכין ניט בעסער אונ ניט ערגער: עס זענען אמאהל גיוועזן צוויא מענטשין וואס דער שטן האט זיך מיט זייא גירייצט. אלע פרייטאג צוא נאכט פלעגט ער מאכין אקריג צווישען דיא ביידע מענטשין אונ זייא פלעגין זיך קריגען. אמאהל איז רבי מאיר גיקומען אין דיא שטאט אונ איז איינגישטאנען ביא דיא צוויא מענטשין: אונ ער האט דארט פארטאכט דרייא פרייטאג צו נאכטין. ביז ער האט גימאכט שלום צווישען זייא. האט רבי מאיר גיהערט וויא דער שטן האט גזאגט וויא צו מיר רבי מאיר האט מיך ארויס געטריבען פון דער שטוב:

ג תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערונט אז איינער האט גיגזלת אבאלעק אונ האט אים איינגיבאהט אין זיין שטוב. דער נאך וויל דער גזלן תשובה טאהן אונ אוועק געבין וואס ער האט גיגזלת. בית שמאי זאגין ער זאל צו ווארפין דיא גאנצע שטוב אונ ער זאל אוועק געבין דעם באלעק צום בעל הבית וואס ער האט פון אים גיגזלת: אונ בית הלל זאגין דער גזלן דארף נאר בצאהלין פאר דעם באלעק. מען זאל וועלין תשובה טאהן. ווארום אז מען וועט זאגין מען דארף צו ווארפין דיא שטוב. אונ אוועק געבין דעם באלעק. וועט אים זיין אשאד וועט ער גאר ניט וועלין תשובה טאהן:

ד משנה. לא. עס איז ניט גיוועזן דער דין סיקריקון אין יהודה. ווען מען האט גיהרגת

הא"ר יוחנן מאי דכתיב (משלי כח) אשרי אדם מפחד תמיד ומקשה לבו וגו' אקמצא ובר קמצא חרוב ירושלים אתרנגולא ואתרנגולתא חרוב טור מלכא אשקא דריספק חרוב ביתר אקמצא ובר קמצא חרוב ירושלים דההוא גברא דרחמיה קמצא ובעל דבביה בר קמצא עבד סעודתא א"ל לשמעיה זיל אייתי לי קמצא אזל אייתי ליה בר קמצא אתא אשכחיה דהוה יתיב א"ל מכדי ההוא גברא בעל דבבא דההוא גברא הוא מאי בעית הכא קום פוק א"ל הואיל ואתאי שבקן ויהיבנא לך דמי מה דאכילנא ושתינא (דף נו) א"ל לא [א"ל] יהיבנא לך דמי פלגא דסעודתיך א"ל לא [א"ל] יהיבנא לך דמי כולה סעודתיך א"ל לא נקטיה בידיה ואוקמיה ואפקיה אמר הואיל והוו יתבי רבנן ולא מיחו ביה ש"מ קא ניחא להו איזיל איכול [בהו] קורצא בי מלכא: אזל א"ל לקיסר מרדו בך יהודאי א"ל מי יימר א"ל שדר להו קורבנא חזית אי מקרבין ליה:

אזל

שדה בנתן לו יהודי אחד בשביל שלא יהרגנו מקחו קיים. ואין בעל השדה יכול להוציא מידו מטעם אייב יימר שגזלה הימנו ביד הרגה דהגב אונסים פוגי. ומקני דכיון שאמר ליה שא קרקע זו והסתכי אקנייה נהליה (בבא בתרא):

מפחד. דואג לנפשות המולד שלא יארע תקלה בכך אם אעשה זאת: שקא דריספק. דוקן של מרכבת כשיט שקורין רייי"ט ובו"ל בלשון אשכנז וסיח כעין תגלה כדהמריקן כלוהו וזה כמו כי מעיילת לי כודנייתא בריספק: קמצא ובר קמצא. כך שם שני יהודים: דרחמיה קמצא. אוהבו היה שמו קמצא: א"ל לא. שבקינה לך: א"ל. איכו יהיבנא לך דמי פלגא כעודתך: איכול קורצא. מלשינות: קורבנא. קרבן להקריב על גבי המזבח דקיימא לן אף איש איש לרבות את הנכרים שנודרים

---

אין דער מלחמה. אז אגוי האט גיוואלט הרגנן איודין. אונ דער יוד האט גיזאגט צום גוי נאריר אפעלד אונ הרגה מיך ניט. דער נאך איז גיקומען איין אנדער יוד אונ האט גיקויפט דיא פעלד פון דעם גוי. מעג בלייבין דיא פעלד בייא דעם יוד וואס האט גיקויפט:

ה אמר. רבי יוחנן האט גיזאגט עס שטייט אין פסוק וואהל צוא דעם מענטש וואס ער שרעקט אייביג. אונ אז ער טוהט עפעס אזאך בעטראכט ער פריער וואס פון דער זאך קען ארויס קומען. אונ דער וואס מאכט הארט זיין הארץ. ער זארגט ניט אויף וואס עס וועט זיין וועט ער אריין פאלין אין אשלעכץ. דורך קמצא אונ בר קמצא איז חרוב גיווארין ירושלים. דורך אהאן מיט אהון איז חרוב גיווארין טור מלכא: דורך אוואגן פון אוואגין איז חרוב גיווארין דיא שטאט ביתר. דער ציילט דיא גמרא דורך קמצא אונ בר קמצא איז חרוב גיווארין ירושלים. וויא אזוי. עס איז גיוועזן אמענטש וואס זיין גוטער פריינד האט גיהייסין קמצא. אונ זיין שונא האט גיהייסין בר קמצא. דער מענטש האט גימאכט אסעודה. האט ער גיזאגט צו זיין בעדינער גיי ברייננ צוא דער סעודה קמצא. איז גיגאנגען דער בעדינער אונ ער האט גיבראכט צו דער סעודה דעם בר קמצא. וויא דער בעל הבית איז אריין גיקומען האט ער גיטראפין בר קמצא זיצט בייא דער סעודה. האט דער בעל הבית גיזאגט צו בר קמצא דו ביסט דאך מיינער אשונא וואס טוהסט דו דא. גיי ארויס. האט בר קמצא גיזאגט וייל איך בין שוין גיקומען לאז מיך זיצען אונ איך וועל דיר בצאהלין פאר מיין עסין אונ טרינקען. האט דער בעל הבית גיזאגט ניין. איך וועל דיך ניט לאזין דא זיצען: האט בר קמצא גיזאגט אז דו וועסט מיך לאזין דא זיצען. וועל איך דיר געבין העלפט געלט וויא פיל די סעודה קאסט דיך. האט דער בעל הבית גיזאגט ניין. איך וועל דיך ניט לאזין דא זיצען. האט בר קמצא גיזאגט אויב דוא וועסט מיך לאזין דא זיצען: וועל איך דיר געבין געלט וויא פיל דיא גאנצע סעודה קאסט דיך: האט דער בעל הבית גיזאגט ניין. אונ דער בעל הבית האט אן גינומען בר קמצא בייא דיא האנט אונ האט אים ארויס געפירט פון שטוב. האט בר קמצא גיזאגט וייל דא זענען גיזעסין דיא רבנן. אונ האבין ניט גישטערט דעם בעל הבית. איז דאך זייא ליב גיוועזן וואס מען האט מיך ארויס גיווארפין פון דער סעודה: וועל איך גיין צום מלך אונ וועל אויף זייא זאגין רכילות אונ וועל אויף זייא מסרין:

ו אזל. איז בר קמצא גיקומען צום קיסר אונ האט גיזאגט צו אים דיא יודין האבען שוין ניט מורא פאר דיר אונ דו ביסט שוין ניט זייער קיסר: זאגט דער קיסר ווערט זאגט דאס אז עס איז

אזוי

א״ר שדר בידי' עגלא תלת' בהדי דקאתי שדי ביה מומא בניב שפתים ואמרי לה בדוקין שבעין דוכתא דלדידן הוה מומא ולדידהו לאו מומא ה״ה סבור רבנן לקרוביה משום שלום מלכות אמר להו רבי זכריה בן אבקילוס יאמרו בעלי מומין קריבין לגבי מזבח סבור למקטליה דלא ליזיל ולימא אמר להו ר' זכריה יאמרו כמטיל מום בקדשים יהרג אמר ר' יוחנן ענותנותו של רבי זכריה בן אבקילוס החריבה את ביתנו ושרפה את היכלנו והגליתנו מארצנו ׃ שדר עלייהו נירון קיסר כי קאתי שדא גירא למזרח אתא נפל בירושלים למערב אתא נפל בירושלים לארבע רוחות העולם אתא נפל בירושלים א״ל לינוקא פסוק לי פסוקיך א״ל (יחזקאל כה) ונתתי את נקמתי באדום ביד עמי ישראל וגו' אמר קודשא בריך הוא בעי לחרובי ביתיה ובעי לכפורי ידיה בההוא גברא ערק ואזיל ואיגייר ונפק מיניה רבי מאיר ׃

שדריה עילוייהו לאכספסינוס קיסר אתא צר עלה תלת שני הוו בה הנהו תלתא עתירי . נקדימון בן גוריון . ובן כלבא שבוע . ובן ציצית הכסת . נקדימון

הדרים ובדנות כישראל : בניב שפתים . בשפה העליונה : לדידהו לאו הוי מומא . להקריב לגבוה בבמה דידהו אלא מחוסר אבר : בדוקין . פי״ה כמו בנוקה כדוק : יאמרו כמטיל מום בקדשים יהרג . שיהיו סבורים שבשביל שהטיל מום בקדשים ועבר י״ל מום לא יהיה בו הרג : ענותנותו . סבלנותו שסבל את זה ולא הרגו : שדא גירא למזרח . לנסות קסם כשהיה סמוך לירושלים : פסוק לי פסוקיך . זה מגמגם בלשונו ל״ג : ביד עמי ישראל . על ידי עמי ישראל : לכפורי ידיה . לנקות ידיו : נקדם .

---

אזוי . איך גלויב דיר ניט . האט בר קמצא גזאגט צום קיסר שיק צו זיי א קרבן וועסטו זעהן אז זייא וועלין אים ניט מקריב זיין . האט דער קיסר געשיקט דורך בר קמצא א פעטע קאלב מען זאל איר מקריב זיין פאר א קרבן . ווי בר קמצא האט געפירט די קאלב . האט ער געמאכט א פעלער אין דיא אויבערשטע ליפ פון די קאלב . אנדערע זאגין ער האט גימאכט א פעלער אין די ברעמען פון די אויגין . אין אזו א ארט וואס ביי אונז איז דס א פעלער . און ביי די גוים הייסט דאס ניט קיין פעלער . דיא רבנן האבען געוואלט מען זאל דיא קאלב מקריב זיין . מען זאל האבען שלום מיט דעם מלך . האט רבי זכריה בן אבקילוס גזאגט מען וועט זאגין מען מעג מקריב זיין א בהמה מיט א פעלער אויף דעם מזבח . האט מען געוואלט הרגנן דעם בר קמצא ער זאל ניט גיין זאגין צום קיסר אז מען האט ניט מקריב געווען זיין קרבן . האט רבי זכריה גזאגט מען וועט זאגין דער וואס מאכט א פעלער אין א קרבן זאל מען אים הרגנן . האט רבי יוחנן גזאגט וואס רבי זכריה בן אבקילוס האט ניט גילאזט הרגנן דעם בר קמצא דאס האט חרוב גימאכט דעם בית המקדש און עס האט פר ברענט דעם היכל און עס האט אונז פאר טריבען פון אונזער לאנד . דער קיסר פון רוים האט געשיקט אויף זייא דעם נירון קיסר . אז ער איז גיקומען נאנט פון ירושלים . האט ער גיווארפין א פייל אין מזרח זייט . איז דיא פייל גיפאלען אין ירושלים . דער נאך האט ער גיווארפין א פייל אין מערב זייט . איז דיא פייל גיפאלען אין ירושלים . און ער האט גיווארפען א פייל אין צפון זייט און אין דרום זייט און עס איז אליין גיפאלען אין ירושלים . נירון קיסר האט גזאגט צו א קינד זאג מיר דיין פסוק . האט דאס קינד גזאגט עס שטייט אין פסוק גאט האט גזאגט איך וועל געבין מיין נקמה אין אדום דורך מיין פאלק ישראל ; האט נירון קיסר גזאגט גאט וויל חרוב מאכען זיין הויז . דעם בית המקדש . און ער וויל אפ וואשען דיא הענט אן דעם מענטשין . און מיך דער נאך וועט גאט מיך שטראפין . איז ער אנטלאפין און האט זיך מגייר גיווען . און פון אים איז גיבארין רבי מאיר ׃

שדריה . האט דער קיסר פון רוים געשיקט אויף דיא יודין דעם אספסיינוס קיסר . איז אספסיינוס גיקומען און האט בעלאגערט אויף ירושלים דרייא יאהר . אין ירושלים זענען גיווען דרייא רייכע מענטשין . איינער האט גיהייסען נקדימון בן גוריון . דער אנדערער בן כלבא שבוע . דער דריטער בן ציצית הכסת . פאר וואס האט מען אים גירופען נקדימון בן גוריון . ווייל דיא זון האט אויף גישיינט פון זיינעט וועגין נאך ווייא עס שטייט אין מסכת תענית . פר

וואס

נקדימון בן גוריון . שנקדה לו חמה בעבורו . בן כלבא
שבוע שכל הנכנס לביתו כשהוא רעב ככלב יוצא
כשהוא שבע . בן ציצית הכסת שהיתה ציצתו נגררת
על גבי כסתות א"ד שהיתה כסתו מוטלת בין גדולי
רומי הד אמר להו אנא זייני להו בחטי ושערי וחד
אמר להו בדחמרא ומלחא ומשחא . וחד אמר להו
בדציבי . ושבחו רבנן לדציבי דרב חסדא כל אקלידי
הוה מסר לשמעיה בר מדציבי דאמר רב חסדא אכלבא
דחיטי בעי שתין אכלבי דציבי . הוה להו למיזן עשרים
וחד שתא הוו בהו הנהו בריוני אמרי להו רבנן ניפוק
ונעביד שלמא בהדייהו לא שבקינהו אמרי להו ניפוק
ונעביד קרבא בהדייהו אמרי להו רבנן לא מסתייע מלתא קמו קלנהו להנהו אמברי
דחטי ושערי והוה כפנא :

קדה . נקבה לשון מקדיח כאריה : נקדה לו חמה . זרחה כשביל כמסכת תענית : ציצתו . ציצית של טליתו : נגררת על גבי כרים וכסתות . כלא היה מהלך אלא על גבי מילת : וא"ד . בן ציצית שמו ולמה נקרא שמו הכסת שהיה כסתו כסא שלו מוטלת בין גדולי רומי כשהיה הולך ברומי להקביל פני קיסר : הוי לא . לבכך תלמא עתידי הטי וכעדי חמרא ומלחא וציבי למיזן כל בני העיר עשרים והד שנה : (אקלידי . מפתחות : אכלבא . אוצר) : בריוני . אנשים רקים ופוחזים למלחמה : אמרי להו . רבנן להנך בריוני : לא מסתייעא מילתא . לצאת : קמו . בריוני : קלנהו להנך אמברי . לאוצרות התבואה והמאכל כדי שילחמו :

ספידא . כלת : חיורתא . פת נקיה : גושקרא .

מרתא בת בייתוס עתירתא דירושלים הויא שדרתיה לשלוחה אמרה ליה זיל
אייתי לי סמידא אדאזל איזדבן אתא אמר לה סמידא ליכא חיורתא איכא
אמרה ליה זיל אייתי לי אדאזיל איזדבן אתא ואמר לה חיורתא ליכא גושקרא איכא
אמרה ליה זיל אייתי לי אדאזל איזדבן אתא ואמר לה גושקרא
ליכא

---

וואס האט מען אים גירופען בן כלבא שבוע . ווייל ווער עס איז אריין גיגאנגען אין זיין שטוב הונגעריג וויא א הונט ; איז ער ארויס גיגאנגען זאט . פאר וואס האט מען אים גירופען בן ציצית הכסת . ווייל זיינע ציצית האבען זיך גישלעפט אויף די זיידענע קאלדרעס וואס זענען גיווען אויס גישפרייט אויף דיא ערד און ער איז גיגאנגען אויף זייא . אנדערע זאגען ווייל זיין שטוהל אין רוים איז גיווען צווישען דיא גרעסטע מענטשען וואס אין רוים . איינער פון די דריי רייכע האט גיזאגט איך וועל שפייזען ירושלים מיט ווייץ און מיט גערשטען . דער אנדערער האט גזאגט איך וועל שפייזען ירושלים מיט וויין און מיט זאלץ און מיט בוימאייל . דער דריטער האט גזאגט איך וועל געבין האלץ פאר גאנץ ירושלים . און דיא רבנן האבען גילויבט דעם וואס האט צוא גזאגט האלץ צוא געבין . ווארום רב חסדא פלעגט אלע שליסלען געבין צוא זיין בעדינטען . נאר דעם שליסול פון האלץ פלעגט ער אים ניט געבין . ווארום רב חסדא האט גזאגט אויף איין שפייכלער ווייץ דארף מען זעכציג שפייכלער האלץ . דיא דריי רייכע מענטשין האבען גיקענט שפייזען ירושלים איין און צוואנציג יאהר . עס איז אבער גיווען אין ירושלים שלעכטע מענטשין וואס האבען נאר גיוואלט מלחמה . די רבנן האבען גזאגט צוא דיא שלעכטע מענטשין מיר וועלין ארויס גיין מאכען שלום מיט זייא ; האבען דיא שלעכטע מענטשין ניט גילאזין . האבען דיא שלעכטע מענטשין גזאגט צו די רבנן מיר וועלין ארוס גיין מאכען מיט זייא א מלחמה . האבען דיא רבנן גזאגט איר וועט ניט געוויגען דיא מלחמה . זענען גיגאנגען דיא שלעכטע מענטשין און האבען פאר ברענט אלע אוצרות פון ווייץ און גערשטין איז גיווארין א הונגער .

מרתא דיא טאכטער פון בייתוס איז גיווען דיא רייכסטע פון ירושלים . האט זיא געשיקט איר בעדינטען און האט גזאגט צוא אים גייא ברענג מיר פיינע מעהל . איידער ער איז גיגאנגען איז פאר קויפט גיווארין . איז ער גיקומען צוא מרתא און האט גזאגט פיינע מעהל איז ניטא . ווייסע מעהל איז דא . האט מרתא גזאגט צום בעדינטען גיי ברענג מיר דאס ווייסע מעהל . איידער ער איז גיגאנגען איז דיא ווייסע מעהל אויך פאר קויפט גיווארין . איז ער גיקומען צוא מרתא און האט גזאגט צו איר ווייסע מעהל איז שוין אויך ניטא ; שווארצע מעהל איז דא . האט

מרתא

ליבא קבהא דשערא איכא אמרה ליה זיל איתי לי אדאזל איזדבן הות שליפא כסאנא אמרה איפוק ואחזי אי משכחנא מידי למיכל איתיב לה פרתא בכרעה ומתה קרי עלה ר' יוחנן בן זכאי (דברים כו) הרכה בך והענוגה וגו' איכא דאמרי גרוגרת דרבי צדוק אכלה ואיסטניכא ומתה דרבי צדוק יתיב ארבעין שנין בתעניתא דלא ליחרוב ירושלים כי הוה אכיל מידי הוה כתחזי מאבראי וכי הוה בא"י מייתי ליה גרוגרת מייץ מיהו ושדי להו כי הוה [קא] ניחא נפשה אפיקתה לכל דהבא וכספא שדיתיה בשוקא אמרה האי למאי מיבעיא לי היינו דכתיב (יחזקאל ז) כספם בחוצות ישליכו:

**אבא** סיקרא ריש בריוני דירושלים בר אחתיה דרבי יוחנן בן זכאי הוה שלח ליה תא בצינעא לגבאי אתא א"ל עד אימת עבדיתו הכי וקטליתו ליה לעלמא בכפנא א"ל מאי אעביד דאי אמינא להו מידי קטלי לי א"ל חזי לי תקנתא לדידי דאיפוק אפשר דהוי הצלה פורתא אמר לו נקוט נפשך בקצירי וליתו כולי עלמא ולישיילו

פת קיבר פאונדיי"ל: פרתא. פרש של גללי בהמה: ומתה. מחמת איסטניסותא: גרוגרת. מאותם שנשארו לר' צדוק שמצץ את מימיה ומאכלה היא והכלתה לרעבונה ומרית החולי של רבי צדוק שנכנס בגרוגרת טעמה ומתה באסטניסות: הוה מתחזי. בגרוני: מאבראי. מחמת שהיה כחוש: כי הוה בחזי. כשגמר תעניותיו ורצה להברות עצמו: הוו מייתי ליה גרוגרת. התאנים יבשים מפני שלא היה יכול לבלוע דבר עבה והיה מוצץ את מימיהם ומשליך הגרוגרת:

אבא סיקרא. כך שמו: שלח ליה. ריב"ז את לגבאי בצנעה: אמר ליה. ריב"ז: עד אימת עבדיתו הכי. דלא שבקיתון לאשלומי: חזי לי תקנתא לדידי: שיניחני לצאת מן העיר: נקוט נפשך בקצירי. החזק עצמך כחולה הוצא קול שאתה

---

מרתא גזאגט צום בעדינטען גיי ברענג דיא שוואַרצע מעהל. איידער ער איז גיגאַנגען איז דיא שוואַרצע מעהל אויך פאַר קויפט גיוואָרין. איז ער גיקומען צוא מרתא אונ האָט גזאָגט צו איר שוואַרצע מעהל איז אויך ניטאָ. גערשטין מעהל איז דאָ. האָט מרתא גזאָגט צום בעדינטען גיי ברענג מיר דיא גערשטין מעהל. איידער ער איז גיגאַנגען איז דיא גערשטין מעהל אויך פאַר קויפט גיוואָרין. זיא איז גיוועזען אויס גיטאָהן דיא שיך האָט זיא גזאָגט איך וועל אַליין גיין זעהן טאָמער וועל איך געפינען עפּעס צום עסין. האָט זיך איר אָן גיקלעבט אַשטיקול בלאָטע אויף דעם פוס. איז זיא גישטאָרבין. ווייל זיא איז גיוועזען גאַנץ איידיל. האָט רבי יוחנן בן זכאי אויף איר גיליינט דעם פסוק דיא איידעלע וואָס אין דיר אונ דיא וואָס האָט גילעבט מיט פערגעניגען וועלין שטאַרבין פון צרות. אַנדערע זאָגין דעם פייג פון רבי צדוק האָט זיא גיגעסין. אונ חייל זיא איז גיוועזען איידיל דריבער איז זיא גישטאָרבען. וואָרום רבי צדוק האָט גיפאַסט פערציג יאָהר ירושלים זאָל ניט חרוב ווערין. אַז ער פלעגט עפּעס עסין פלעגט מען זעהן אויס וויינינ ווי דאָס עסין גייט אַריין אין האַלדז. דער נאָך ווי ער האָט אויף גיהערט צוא פאַסטען אונ ער האָט גיוואָלט גיזונד ווערין. פלעגט מען אים ברענגען טרוקענע פייגין אונ ער פלעגט אוס ציהען דיא זאַפט אונ דיא פייגין פלעגט ער אַוועק וואַרפען. אונ דיא מרתא האָט גיפונען די אַוועק גיוואָרפענע פייג אונ האָט אויף גיגעסין. פון דעם איז זיא גישטאָרבין. ווען מרתא איז גישטאָרבען האָט זיא אַרויס גינומען איהרע אַלע גאָלד אונ זילבער אונ האָט גיוואָרפען אין גאַס. אונ האָט גזאָגט צו וואָס דאַרף איך דאָס. דאָס איז וואָס עס שטייט אין פסוק זייער זילבער האָבען זייא גיוואָרפען אין די גאַסען:

אבא סקרא איז גיוועזען דער עלצטער פון דיא שלעכטע מענטשין וואָס זענען גיוועזען אין ירושלים. אונ ער איז גיוועזען דער זוהן פון רבי יוחנן בן זכאי׳ס שוועסטער. האָט רבי יוחנן געשיקט צו אבא סקרא קום צו מיר אין דער שטיל קיינער זאָל ניט וויסען איז אבא סקרא גיקומען צו רבי יוחנן. האָט רבי יוחנן גזאָגט צו אבא סקרא ביז וויא לאַנג וועט איר טאָהן אונ איר וועט ניט לאָזין מאַכען שלום. אונ איר וועט הרגנן דיא וועלט מיט הונגער. האָט אבא סקרא גזאָגט וואָס קען איך טאָהן. אַז איך וועל זייא עפּעס זאָגין וועלין זייא מיך הרגנן. האָט רבי יוחנן גזאָגט צו אבא סקרא זעה מיר עפּעס אַהילף אַז איך זאָל קענען אַרויס גיין פון שטאָט. טאָמער וועל איך עפּעס העלפין: האָט אבא סקרא גזאָגט צו

ולישיילו בך ואייתי מידי סריא ואגני גבך ולימרו דנח נפשיה וליעיילו בך תלמידך ולא ליעול בך אינש אחרינא דלא לירגשון בך דקליל את דאינהו ידעי דחייא קליל כמיתא עביד הכי נכנס בו ר' אליעזר מצד אחד ור' יהושע מצד אחד כי מטו לפתחא בעו למדקריה אמר להו יאמרו רבן דקרו בעו למדחפיה אמר להו יאמרו רבן דחפו פתחו ליה בבא נפק כי מטא להתם אמר שלמא עלך מלכא שלמא עלך מלכא אמר ליה מיחייבת תרי קטלי חדא דלאו מלכא אנא וקא קרית לי מלכא ותו אי מלכא אנא עד האידנא אמאי לא אתית לגבאי

ולה. ולישיילו בך. כמו שאלה גוסס: ואייתי מידי סריא. דבר מסריח כגון נבלה: ולגני גבך. ובשביל שמריח עמך שיאמרו מת הוא ומסריח כבר: וליעיילו בך תלמידך: יכנסו תחת כנפי מטתך ולא יניחו אחרים ליגע דאינהו ידעין דחייא קליל ממיתא: כשו. בך נגיחי: למדקריה. כנחיים שמא מערים הוא: אמר להו. תנא סיקרא: יאמרו. הרומיים עליכם בחפי' רבן דקרו: למדחפיה. אלו יאמרו: דלאו מלכא אנא. והעגלת כי: איברא מלכא את. מלך הגה עתיד להיות: והיה אדירו ממנו ומושלו מקרבו יצא. תנא הדיר הוא מושל: לבנון זה בית המקדש. שמלבין עונותיהם של ישראל: כרוך עליה. דבק והוא

א"ל דקאמרת לאו מלכא אנא (ע"ב) איברא מלכא את דאי לאו מלכא את לא מימסרא ירושלים בידך דכתיב (ישעיה י) והלבנון באדיר יפול ואין אדיר אלא מלך דכתיב (ירמיה ל) והיה אדירו ממנו וגו' ואין לבנון אלא בית המקדש שנאמר (דברים ג) ההר הטוב הזה והלבנון ודקאמרת אי מלכא אנא אמאי לא קא אתית לגבאי עד האידנא בריוני דאית בן לא שבקינן אמר לו אילו חבית של דבש ודרקון כרוך עליה לא היו שוברין את החבית בשביל

---

רבי יוחנן מאך דיך קראנק וועלין אלע קומען צו דיר מבקר חולה זיין, אונ מען זאל ברענגען אשטינקענדיגע זאך אונ מען זאל ליגען נעבען דיר: אונ מען זאל זאגען אז דו ביסט געשטארבין. אונ דייגע תלמידים זאלין אריין גיין צו דיר. טראגען דיך. ניט קיין אנדער מענטש. מען זאל ניט וועהן אז דוא ביסט גרינג. ווארום זייא ווייסין אז אלעבדיגער איז גרינגער וויא א טויטער. האט רבי יוחנן אזוי גיטאהן וויא אבא סקרא האט אים גיזאגט. אונ ער האט זיך גימאכט געשטארבין. איז אריין גינאנגען אים צו טראגען. רבי אליעזר פון איין זייט. אונ רבי יהושע פון אנדערין זייט. ווי זייא זענען גיקומען צום טויער פון שטאט. האבען דיא שלעכטע מענטשין אים גיוואלט שטעכין. ווייסען צו ער איז טאקי געשטארבין. האט אבא סקרא צו זייא גיזאגט דיא רוימער וועלין זאגין אפילו זייער רבי האבען זייא גי' טאכין. האבען דיא שלעכטע מענטשין אים גיוואלט ארויס שטויסין פון דער מטה: וויסען צו איז ער טאקי געשטארבין. האט אבא סקרא צו זייא גיזאגט דיא רוימער וועלין זאגין אפילו זייער רבי האבען זייא ארויס גיווארפין פון דער מטה. האט מען גיעפינט דעם טויער אונ מען האט אים ארויס גיטראגין. ווי רבי יוחנן איז גיקומען צו דיא רוימער האט ער גיזאגט צו אספסיינוס פריד זאל זיין אויף דיר מלך. פריד זאל זיין אויף דיר מלך. האט אספסיינוס גיזאגט צו רבי יוחנן דו האסט פארשולדיגט מען זאל דיך הרגענן פאר צווייא זאכין. איין מאהל איך בין ניט קיין מלך אונ דו האסט מיך גירופין מלך. אונ דיא אנדערע זאך. אויב איך בין יא אמלך פאר וואס ביסטו ביז איצט ניט גיקומען צו מיר. האט רבי יוחנן גיזאגט צו אספסיינוס: וואס דו זאגסט איך בין ניט קיין מלך. דו ביסט יא אמלך. ווארום אז דו וואלסט ניט גיוועזען אמלך וואלט ירושלים ניט איבער גיגעבין גיווארין אין דיין האנט. ווארום עס שטייט אין פסוק והלבנון באדיר יפול. דער לבנון וועט פאלין ביא אאדיר: אדיר מיינט מען אמלך. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק והיה אדירו ממנו. זיין מלך וועט זיין פון אים. אונ לבנון מיינט מען דעם בית המקדש. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ההר הטוב הזה והלבנון דער גוטער בארג אונ דער לבנון. אונ וואס דו האסט גיזאגט אויב איך בין אמלך פאר וואס ביסטו ביז איצט ניט גיקומען צו מיר. דיא שלעכטע מענטשין וואס זענען צווישען אונז האבען מיך ניט גילאזין. האט אספסיינוס גיזאגט צוא רבי יוחנן ווען איינער האט אפאס האניג אונ אשלאנג וויל זיך פאר וויקלען ארום דיא פאס. וואלט מען ניט צו

בראכען

בשביל דרקון אישתיק קרי עליה רב יוסף ואיתימא ר' עקיבא (ישעיה מד) משיב חכמים אחור ודעתם יסכל איבעי למימר ליה שקלינן צבתא ושקלינן ליה לדרקון וקטלינן ליה וחביתא שבקינן לה אדדבי אתא פריסתקא עליה מרומי א"ל קום דמית ליה קיסר ואמרי הנהו חשיבי דרומי לאותיבך ברישא הוה מסיים חד מסאנא בעי למסיימא לאחרינא לא עייל בעא למשלפיה לאידך לא נפק אמר מאי האי א"ל לא תצטער שמועה טובה אתיא לך דכתיב (משלי טו) ושמועה טובה תדשן עצם אלא מאי תקנתיה ליתי איניש דלא מיתבא דעתך מיניה ולחליף קמך דכתיב (שם יז) ורוח נכאה תיבש גרם עבד הכי עייל א"ל ומאחר דחכמיתו כולי האי עד האידנא אמאי לא אתית לגבאי א"ל ולא אמרי לך א"ל אנא נמי אמרי לך א"ל מיזל אזילנא ואינש אחרינא משדרנא אלא בעי מינאי [מידי] ואתן לך א"ל תן לי יבנה וחכמיה ושושילתא דרבן גמליאל ואסוותא דמסיין ליה לר' צדוק קרי עליה רב יוסף ואיתימא ר' עקיבא (ישעיה מד) משיב חכמים אחור ודעתם יסכל איבעי

אתריה: אין מיכרין את התבית. כדי שילך לו הדרקון כך היה לכם להמית הומת העיר ולפרוס בלא כדי להשליך אותם ברייני מתוכה: ותביתא שבקין לה. כך הייתם מלפים אולי נוכל להם ולהוציאם ממנה והיה העיר קיימת ונצלים עמך: פריסתקא. שליח: לא נפיק. שנתדשנו אבריו משמחת השמועה: ורוח נכאה תיבש גרם. כאשר תכאה רוחך מהמת השונא תיבש העלם שלך: תן לי יבנה. שלא תחריבנה ולא תהרוג חכמיה: ושושילתא דר"ג. משפחת נשיאת שלא תהרגם שלא תכלה מלכות בית דוד: ואסוותא. רופאים תן לי מאסיך שירפאו את ר' צדוק שלא היה יכול לבלוע אוכל לפי שנתקלקלו מעיו בתעניותיו:

ואמ

---

בראכין דיא פאס וועגן דעם שלאנג ער זאל אוועק גיין. אזוי האט איר גידארפט צו ברעכין דיא מאהער אונ ארויס ווארפין דיא שלעכטע מענטשין פון שטאט. האט רבי יוחנן געשוויגען. ער האט ניט גיוואכט צו ענפערין. האט רב יוסף אונ אנדערע זאגין רבי עקיבא האט גילייענט אויף אים דעם פסוק גאט קערט צוריק דיא חכמים אויף אינטער אונ ער פאר נארעשט זייער שכל רבי יוחנן האט אים גידארפט ענפערין מען נעמט אצוואנג אונ מען נעמט אראפ דעם שלאנג אונ מען הרגט אים אונ דיא פאס לאזט מען גאנץ. האבען מיר אויך גימיינט אזוי טאקע וועלין מיר אונז קענען שטארקין אויף דיא שלעכטע מענטשין. אונ דיא שטאט זאל בלייבין אין גאנצין. וועלין מיר מאכין שלום מיט דיר. דער ווייל איז גיקומען א שליח פון רוים אונ האט גזאגט צו אספסינוס דער קיסר איז גישטארבין. האבען דיא גרויסע לייט פון רוים גזאגט דו זאלסט זיין א קיסר. אספסינוס איז דאמאלס גיגאנגען אין איין שוך. האט ער גיוואלט אן טאהן דעם אנדערין שוך. איז דיא פוס ניט אריין גיגאנגען אין דעם שוך. האט ער גיוואלט אראפ ציהען דעם אנדערין שוך פון פוס. איז ער ניט אראפ גיגאנגען. האט אספסינוס גזאגט וואס קען דאס זיין. האט רבי יוחנן גזאגט דו זאלסט פון דעם קיין צער ניט האבען עס איז צו דיר גיקומען א גוטע הערונג. דו האסט גיהערט א גוטע זאך. אונ עס שטייט אין פסוק א גוטע הערונג מאכט פעט דעם ביין. האט אספסינוס גיפרעגט וואס זאל מען טאהן. האט רבי יוחנן גיזאגט מען זאל ברייגגען א מענטש וואס דוא האסט אים פיינט. אונ ער זאל פאר ביי גיין פאר דיר וועסטו טרויריג ווערין. אונ עס שטייט אין פסוק דאס טרויריגע הארץ מאכט טרוקען דעם ביין. האט מען אזוי גיטאהן איז אריין גיגאנגען דער פוס אין שוך. האט אספסינוס גזאגט צו רבי יוחנן אז איר זענט אזוי קלוג. פאר וואס ביסטו ביז איצט ניט גיקומען צוא מיר. האט רבי יוחנן גיזאגט צו אספסינוס איך האב דאך דיר שוין גזאגט. האט אספסינוס גיזאגט צוא רבי יוחנן איך האב דאך דיר אויך גיזאגט. האט אספסינוס גיזאגט צוא רבי יוחנן איך גיי אוועק פון ירושלים. איך וועל אהער שיקען איין אנדער מענטש. נאר בעט פון מיר עפעס וועל איך דיר געבין. האט רבי יוחנן גיזאגט צוא אספסינוס גיב מיר דיא שטאט יבנה. דוא זאלסט איר ניט חרוב מאכין. אונ דיא חכמים וואס אין יבנה זאלסטו ניט הרגנען. אונ דיא גאנצע משפחה פון רבן גמליאל זאלסט דוא אויך גיט הרגענען. אונ דוא זאלסט מיר געבין פון דייגע דאקטוים זייא זאלין היילין דעם רבי צדוק. האט רב יוסף אונ אנדערע זאגין רבי עקיבא האט גילייענט אויף אים דעם פסוק גאט קערט צוריק דיא חכמים

אויף

למימר ליה לשבקינהו הדא זימנא והוא סבר דלמא כולי האי לא עביד והצלה פורתא נמי לא הוי:

י אסוותא דמסיין ליה לר' צדוק מאי ה"א יומא קמא אשקוהו מיא דפארי לכחר מיא דסיפוקא למחר מיא דקמחא עד דרווח מעיה פורתא פורתא:

יא אזל שדריה לטיטוס הרשע ואמר (דברים לב) אי אלהימו צור חסיו בו זה טיטוס הרשע שחירף וגידף כלפי מעלה מה עשה תפש זונה בידו ונכנס לבית קדשי הקדשים והציע ספר תורה ועבר עליה עבירה ונטל סייף וגידר את הפרוכת ונעשה נס והיה דם מבצבץ ויוצא וקסבר הרג את עצמו שנאמר (תהלים עד) שאגו צורריך בקרב מועדיך שמו אותותם אותות אבא חנן אומר (שם פט) מי כמוך חסין יה מי כמוך חסון וקשה שאתה שומע ניאוצו וגידופו של אותו רשע ושותק דבי ר' ישמעאל תנא (שמות טו) מי כמוך באלים ה' מי כמוך באלמים מה עשה נטל את הפרוכת ועשאו כמין גרגותני והביא כל הכלים שבמקדש והניחן בהן והושיבן בספינה לילך ולהשתבח בעירו שנאמר (קהלת ח) ובכן ראיתי רשעים קבורים ובאו וממקום קדוש יהלכו וישתכחו בעיר אשר כן עשו אל תקרי קבורים אלא קבוצים אל תקרי וישתכחו אלא וישתבחו

**פירוש:** יכול סבר. ר' יוחנן: כולי האי. דלישבק לירושלים לא עביד לי והשתא דאפילו הצלה פורתא לא עבד סלקא בעיניה מידיה כאי דתיבעי הצלה פורתא: מיא דפארי. מים שנשרו בהם סובין: מיא דסיפוקא. סובין גסין וקמח מעורב בהן: שאגו צורריך בקרב מועדיך. בבית שאתה מתוועד בו: כמו אותותם אותות. אמרו בסימנין סימן דם זה של מי הוא אם לא שהרגנו את עצמו: [עצמו]. כינוי כלפי מעלה: חסין. מהאפק: כמין גרגותני. כלי גדול ששולכין בו יין מגת לבור וקורין קולדויי"ר: וישתכחו בעיר אשר כן עשו.

---

אויף איינטער אונ ער פאר נארעשט זייער שכל. רבי יוחנן האט גידארפט בעטין ביא אספסינוס ער זאל אפ לאזין דאס מאהל. ער זאל ניט חרוב מאכין ירושלים. אונ רבי יוחנן האט גיטראכט טאמער אזוי פיל וועט אספסינוס ניט וועלין טאהן: וועט ער דער נאך אויף אביסל אויך ניט קענען בעטין:

י אסותא: דיא דאקטורים וואס האבין גיהיילט רבי צדוק. מיט וואס האט מען אים גיהיילט. דעם ערשטין טאג האט מען אים גיגעבין טרינקען וואסער וואס אין זייא האט זיך גיווייקט קלייען. אויף מארגין האט מען אים גיגעבין טרינקען וואסער וואס אין זייא האט זיך גיווייקט גראבע קלייען געמישט מיט מעהל. אויף מארגין האט מען אים גיגעבין טרינקען וואסער געמישט מיט פראסטע מעהל. ביז דייגע גידערים זענען ביסלאכווייז ברייטער גיווארין:

יא אזל. איז אספסינוס אוועק גיגאנגען אין רוים אונ האט געשיקט דעם טיטוס הרשע. אונ טיטוס האט גיזאגט אויף דיא יודין אזוי וויא עס שטייט אין פסוק וואו איז זיין גאט: וואו איז דער שטארקער גאט וואס דיא יודין האבין זיך בשיצט אויף אים. אונ ער האט גילעסטערט געגין גאט. וואס האט טיטוס גיטאהן. ער האט גינומען א זונה אונ איז מיט איר אריין גיגאנגען אין קדשי קדשים: אונ ער האט אויס גישפרייט א ספר תורה. אונ ער האט אויף איהר מזנה גיוועזן. אונ ער האט גינומען א שווערד אונ האט גישטאכין אין דעם פרוכת. איז גיווארין א נס אונ עס איז ארויס גיגאנגען בלוט פון פרוכת. האט ער גימיינט ער האט גיהרגת גאט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דיינע בליידיגער האבין געשריגען אין דיין בית המקדש. זייא האבין גזאגט אז זייערע צייכין זענען אמתי צייכנים. אבא חנן זאגט דעם פסוק ווער איז נאך אזוי שטארק וויא דו. דו הערסט דיא לעסטערונג פון דעם רשע אונ דו שווייגסט. דבי רבי ישמעאל האבין גילערנט עס שטייט אין פסוק מי כמוך באלים ה' ווער קען נאך אזוי שווייגין וויא דו קענסט. וואס האט טיטוס גיטאהן. ער האט גינומען דעם פרוכת אונ האט אים גימאכט אזוי וויא א זאק. אונ ער האט גיבראכט אלע כלים פון בית המקדש אונ האט זייא אריין גילייגט אין דעם זאק וואס ער האט גימאכט פון דעם פרוכת. אונ אין נאך אנדערע זעק אונ האט זייא אריין גילייגט אין א שיף: ער זאל גיין זיך בערימען אין זיין שטאט וואס פאר א שיינע כלים אונ גרויס רייכקייט וואס ער האט גיבראכט. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק איך האב גיזעהן

וישתבחו א"ר קבורים ממש דאפילו מילי דמיטמרי אגליין ליה. עמד עליו נחשול שבים לטבעו אמר כמדומה אני שאלהיהם של אלו אין גבורתו אלא במים בא פרעה טבעו במים בא סיסרא טבעו במים אף הוא עומד עלי לטובעני במים אם גבור הוא יעלה ליבשה ויעשה עמי מלחמה יצתה בת קול ואמרה [לו] רשע בן רשע בן בנו של עשו הרשע בריה קלה יש לי בעולמי ויתוש שמה אמאי קרי לה בריה קלה דמעיילנא אית לה ומפקנא לית לה עלה ליבשה ותעשה עמה מלחמה עלה ליבשה בא יתוש ונכנס בחוטמו ונקר במוחו שבע שנים יומא חד הוה קא חליף אבבא דבי נפחא שמע קול ארזפתא אישתיק אמר איכא תקנתא בכל יומא מייתו נפחא ומחו קמיה לעכו"ם יהיב ליה ד' זוזי לישראל א"ל מסתייך דקא חזית בסנאך עד תלתין יומין עביד הכי מכאן ואילך כיון דדש דש. תניא א"ר פנחס בן עריבא אני הייתי בין גדולי רומי וכשמת פצעו את מוחו ומצאו בו כצפור דרור משקל ב' סלעים. במתניתא תנא כגוזל בן שנה משקל ב' לטרין אמר אביי נקטינן פיו של נחושת וצפרניו של ברזל

קבורים אלא שאינם חיים: מילי דמיטמרן. מטמון ממונם של ישראל: נחשול. רוח סערה: סיסרא. נאמר קישון גרפם: מעיילנא. פה לאכילה: מפקנא. מוצא דרך בית הרעי: ארזפתא. קורנס: אשתיק. נשתתק יתוש מלנקר מפני קול הקורנס: כיון דדש דש. משהרגיל היתוש ולמד בקול הקורנס הכיר בו ולא היה ניזוק: צפור דרור. ארונדיל"א:

---

רשעים קבורים ובאו וממקום קדוש יהלכו וישתכחו בעיר אשר כן עשו. זאלסט ניט לייענען קבורים נאר קבוצים און זאלסט ניט לייענען וישתכחו נאר וישתבחו. זאגט דער פסוק איך האב געזעהן רשעים זענען פארזאמלט און קומען און זיי גייען פון א הייליגען ארט און זייא בערימען זיך אין שטאט אז זייא האבען אזוי געטאהן. אנדערע זאגען מען זאל לייענען אין פסוק קבורים. בגראבען. ווארום אלע בגראבענע און בהאלטענע זאכען זענען באוויזען געווארין צוא טיטוס. דיא טיטוס איז געפארין אויף דיא שיף מיט דיא כלים פון בית המקדש. איז אויף געשטאנען אויף אים א וואל וואסער פון ים און האט אים געוואלט דער טרינקען. האט טיטוס געזאגט מיר דוכט אז דער גאט פון יודין האט ניט מער שטארקייט נאר מיט וואסער. איז געקומען פרעה האט ער אים דער טרונקען אין וואסער. איז געקומען סיסרא האט ער אים דער טרונקען אין וואסער. מיך וויל ער אויך דער טרינקען אין וואסער. אויב ער איז שטארק זאל ער גיין אויף דיא טריקעניש און זאל מאכען מיט מיר א מלחמה. איז ארויס גיגאנגען א קול פון הימעל און האט געזאגט צו טיטוס. דוא ביסט א רשע און דיין פאטער איז א רשע און דוא ביסט א אייניקיל פון עשו הרשע איך האב אויף מיין וועלט א גרינגע בשעפעניש א קליינע. איר נאמען איז יתוש: פאר וואס רופט מען איר א גרינגע בשעפעניש. אמויל צום עסין האט זיא: און דאס עסין גייט ניט ארויס פון איר. דוא טיטוס גייא ארויף אויף דיא טריקעניש און מאך א מלחמה מיט דעם יתוש. איז טיטוס ארויף גיגאנגען אויף דיא טריקעניש. איז גיקומען דער יתוש און איז אריין גיגאנגען אין דיין נאז: און האט אים געפיקט אין מוח זיבען יאהר. אמאהל איז טיטוס גיגאנגען פאר דיא טיר פון א שמיד וואקאוואלו. האט דער יתוש דער הערט דעם קול פון דעם האמער. איז ער שטיל געווארין. האט טיטוס געזאגט עס איז דא א היקף: אלע טאג האט מען גיבראכט א שמיד וואקאוואלו. און ער האט גיקלאפט מיט דעם האמער נעבין טיטוס: א גוישען שמיד האט טיטוס געצאהלט פיר גילדין א טאג. צו א אידישען שמיד האט טיטוס ניט געצאהלט. ער האט געזאגט צום יודין גענוג פאר דיר וואס דוא זעהסט דיא צרות פון דיין שונא. ביז דרייסיג טעג האט טיטוס אזוי גיטאהן. ער האט גירופען שמידען זייא זאלין פאר אים קלאפען מיט דיא האמערס. און דער יתוש פלעגט שטיל ווערין. נאך דרייסיג טעג איז דער יתוש געוואוהנט געווארין מיט דעם קלאפין. פלעגין דיא האמערס קלאפין און ער פלעגט אויך פיקען. מיר האבען גילערנט רבי פינחס בן עריבא האט געזאגט איך בין געוועזן צווישען דיא גרעסטע פון רוים. און אז טיטוס איז געשטארבין האט מען צוא שפאלטין דיין מוח און

בנגידא. לשון: במאי דפסיק אנפשיה. מיקלי ומבדרי קיטמא:
טור מלכא. מדינה ששמה הר המלך: נפלו. בני סמדרי ביהודים עלייהו דרומאי: מחונהו. סכום: גונדא. גדוד: סוס כהן. ביהודים: לישקול

ברזל כי הוה קא מיית אמר להו לקליוה להוא גברא ולבדרו לקטמיה אשב ימי דלא לשכחי' אלהא דיהודאי ולוקמיה בדינא:

יב אונקלוס בר קלוניקוס בר אחתיה דטיטוס הוה בעי לאגיורי אזל אסקיה לטיטוס בנגידא אמר ליה מאן חשיב בההוא עלמא א"ל ישראל מהו לאדבוקי בהו א"ל מילייהו נפישין ולא מצית לקיומינהו זיל איגרי בהו בהאי עלמא והוית רישא דכתיב (איכה א) היו צריה לראש אויביה שלו וגו' כל המיצר לישראל נעשה ראש א"ל דיניה דההוא גברא במאי א"ל (דף נז) במאי דפסק אנפשיה כל יומא מכנשי ליה לקטמיה ודייני ליה וקלו ליה ומבדר אשב ימי אזל אסקיה לבלעם בנגידא אמר ליה מאן חשיב בההוא עלמא א"ל ישראל מהו לאדבוקי בהו א"ל (דברים כג) לא תדרוש שלומם וטובתם כל הימים. תניא אמר רבי אלעזר בוא וראה כמה גדולה כחה של בושה שהרי סייע הקב"ה את בר קמצא והחריב את ביתו ושרף את היכלו:

יג אתרנגולא ואתרנגולתא חרב טור מלכא דהוו נהיגי כי הוו מפקי חתנא וכלתא מפקי קמייהו תרנגולא ותרנגולתא כלומר פרו ורבו כתרנגולים יומא חד הוה קא חליף גונדא דרומאי שקלינהו מנייהו נפלו עלייהו מחונהו אתו אמרו ליה לקיסר

---

מען האט גיפונען אינווייניג איתוש גרוים וויא אוואלד פויגיל. ער האט גיוואויגין צוויי טאלער. אין אברייתא האבען מיר גילערונט דער יתוש איז גיוועזן גרוים וויא א טויב וואס איז אלט א יאהר. ער האט גיוואוגין צוויי פונט. אביי זאגט מיר האבען גילערונט דיא טויל פון דעם יתוש איז גיוועזן קופער. זיינע נעגיל איז גיוועזן אייזין. אז טיטוס איז גישטארבין האט ער גיזאגט צוא זיינע מענטשין מען זאל אים פאר ברענגען און מען זאל פאר שפרייטען זיינע אש אויף זיבען ימים. דער גאט פון דיא יודין זאל אים נישט קענען געפינען צוא שטעלין אים צום משפט:

יב אונקלוס דער זוהן פון קלוניקוס דער זוהן פון טיטוס אשוועסטער. האט זיך גיוואלט מגייר זיין. איז אונקלוס גיגאנגען און האט מיט כישוף אויף גיבראכט זיין פעטער טיטוס. האט אונקלוס גיזאגט צו טיטוס ווער איז גרוים אויף יענע וועלט. האט טיטוס גיזאגט דיא יודין. האט אונקלוס גיפרעגט ביי טיטוס זאל איך מיך בהעפטין צוא דיא יודין. האט טיטוס גיזאגט זייא האבען פיל דינים דוא וועסט זייא ניט קענען מקיים זיין. גייא רייץ דיך מיט דיא יודין אויף דער וועלט. און טוה זייא שלעכטס וועסטו גרוים ווערין. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק היו צריה לראש איביה שלו. דער וואס האט מצער גיוועזן יודין איז גיווארין א עלצטער. און ווער עס האט פיינט גיהאט יודין איז גיזעצין רוהיג און פרייליך. האט אונקלוס גיזאגט צו טיטוס מיט וואס משפט מען דיך. האט טיטוס גיזאגט אזוי וויא איך האב אויף מיר גיפסקנט. אלע טאג נעמט מען צוא זאמען מיינע אש. און מען מאכט מיך צוריק פאר אמענטש. און מען משפט מיך און מען פאר ברענט מיך און מען פאר שפרייט מיינע אש אויף זיבען ימים. דער נאך איז גיגאנגען אונקלוס און האט אויף גיבראכט בלעם מיט כישוף: האט אונקלוס גיזאגט צוא בלעם ווער איז גרוים אויף יענער וועלט. האט בלעם גיזאגט דיא יודין. האט אונקלוס גיפרעגט ביי בלעם זאל איך מיך בהעפטין מיט דיא יודין. האט בלעם גיזאגט צוא אונקלוס דוא זאלסט קיין מאהל ניט פארשטין זייער פרידען און ניט זייער גוטץ. מיר האבען גילערונט רבי אלעזר האט גיזאגט קום זעה וויא גרויס איז דיא עבירה אז מען פר שעמט אמענטשין ווארום גאט האט גיהאלפין דעם בר קמצא ער זאל חרוב מאכען זיין שטוב און זאל פאר ברענגען זיין היכל:

יג אתרנגולא. וועגין אהאן און אהון איז חרוב גיווארין טור מלכא. וויא אזוי. עס איז ביי זייא גיוועזן אמנהג אז מען פלעגט פירען א חתן מיט א כלה צו דער חופה. פלעגט מען טראגן פאר

לקיסר מרדו בך יהודאי אתא עלייהו הוה בהו ההוא בר דרומא דהוה קפיץ מילא וקטיל בהו שקליה קיסר לתאגיה ואותביה אארעא אמר רבוניה דעלמא כולה אי ניחא לך לא תמסריה להוא גברא לדידיה ולמלכותיה בידיה דחד גברא אכשליה פומא לבר דרומא ואמר (תהלים ס) הלא אתה אלהים זנחתנו ולא תצא אלהים בצבאותינו דוד נמי אמר הכי דוד אתמוהי קא מתמה על לבית הכסא אתא דרקונא שמטא לכרכשיה ונח נפשיה אמר הואיל ואתרחיש לי ניסא הא מנא אשבקינהו שבקינהו ואזל אזדקור ואכלו ושתו וארליקו שרגי עד דאתחזי בליוני דנושפנקא בר זוק מילא אמר מיחדי קא חדו בי יהודאי הדר אתא עלייהו א"ר אסי תלת מאה אלפי שליפי סייפא עלו לטור מלכא וקטלו בה תלתא יומין ותלתא לילותא ובהך גיסא הלולי וחנגי ולא הוו ידעי הני בהני:

אזדקור. לשמוע: עד דאתחזי. עד כי הגיע כליוני דנושפנקא. מי שהיתה לו מורה נסבתו היה מכירם רחוק מיל מן העיר מגודל הנרות:

(איכה ב) יד בלע ה' ולא חמל את כל נאות יעקב כי אתא רבין א"ר יוחנן אלו ששים רבוא

---

פר זייא אהאן מיט אהון. פאר אסימן זייא זאלין זיך פרוכטבאהרין אונ מערין אזו ווי די הינער. אמאהל איז פר בייא גינאנגען אחיל פון רוים. האבען די חיל אוועק גינומען פון זיי דעם האן מיט די הון. זעהען דיא יודין גיפאלען אויף דעם חיל אונ האבען זייא גישלאגען. איז דער חיל גיקומען צום קיסר אין רוים אונ האבען גזאגט צו אים דיא יודין ווילען דיך גיט פאר אקיסר. איז דער קיסר פון רוים גיקומען אויף זיי. עס איז גיוועזען ביי די יודין איינער. ער האט גיהייסין בר דרומא. ער פלעגט טאהן אשפרונג ווייט צוויי טויזענד איילין. אונ ער האט גיהרגעט פון דיא רוימער. האט דער קיסר אראפ גינומען זיין קרוין פון ק.פ אונ האט זיא גילייגט אויף דיא ערד. אונ ער האט גיזאגט צו גאט דוא ביסט דער האר פון דיא גאנצע וועלט: אויב דיר איז ליב זאלסטו ניט געבין מיך מיט מיין קעניגרייך אין דיא האנט פון דעם איין מענטשין. הט דעם בר דרומא גישטרויכעלט זיין מויל אונ ער הט גזאגט צו גאט דעם פסוק הלא אתה אלהים זנחתנו ולא תצא אלהים בצבאותינו. פרעגט דיא גמרא דוד הט דאך אויך גזאגט דעם פסוק. ענטפערט דיא גמרא דוך האט זיך גיוואונדערט. גאט האסטו דען אונז פאר לאזין. אונ דוא וועסט ניט ארויס גיין מיט אונזער חיל. אבער דער בר דרומא האט גזאגט צו גאט דוא מעגסט אונז שוין פאר לאזין דוא בדארפסט שוין ניט גיין מיט אונזער חיל. איך וועל זייא שוין העלפין. דריבער איז גאט אין כעס גיווארין. אונ דער בר דרומא איז אריין גינאנגען אין בית הכסא איז גיקומען אשלאנג אונ האט ארויס גישלעפט פון אים דיא קישקעס. איז ער גישטארבען. האט דער קיסר גזאגט ווייל גאט האט מיר גיטאהן אנס. וועל איך זייא היינטיגען מאהל לאזין. האט דער קיסר זייא גילאזין אונ איז אוועק גינאנגען. האבען זייא גישפרונגען אונ האבען גיגעסין אונ גיטרונקען אונ האבען אן גיצונדען אזוי פיל ליכט. אז דיא מענטשין וואס זענען גיוועזען ווייט פון שטאט אותיות שבת [צוויי] טויזענד איילין האבען גיקענט זעהן דיא צורות פון זייערע פינגערלאך פון דיא ליכטיגקייט וואס איז גיוועזען אין שטאט. האט דער קיסר גזאגט דיא יודין פרייען זיך ווס איך בין אוועק גינאנגען פון זייא: איז ער צוריק גיקומען אויף זייא. רבי אסי זאגט דריי מאהל הונדערט טויזענד זעלנער מיט ארוס גיצויגענע שווערדין זענען אריין גינאנגען אין טור מלכא. אונ זייא האבען גיהרגעט אין דיא יודין דריי טעג אונ דריי נעכט אין איין זייט שטאט. אונ אין דיא אנדערע זייט שטאט הט מען גימאכט חתונות אונ מען האט גיטאנצט. אונ דיא מענטשין פון דער זייט שטאט האבען ניט גיוואוסט וואס עס טוהט זיך אין די אנדערע זייט שטאט: אזו גרוס איז די שטאט גיוועזען:

יד בלע. אין פסוק שטייט גאט האט פאר דארבין אונ האט ניט רחמנות גיהאט אויף די אלע וואהנונג פון יעקב. אז רבין איז גיקומען הט ער גזאגט פון רבי יוחנן וועגין דאס מיינט מען דיא זעכציג רבוא וארבוא איז צעהן טויזענד שטעט וואס ינאי המלך הט גיהאט אויף דעם הר המלך

ווארום

רבוא עיירות שהיה לו לינאי המלך בהר המלך דאמר רב יהודה אמר רב אסי ששים רבוא עיירות היה לו לינאי המלך בהר המלך וכל אחת ואחת היו בה כיוצאי מצרים חוץ מג' שהיו בהם כפלים כיוצאי מצרים אלו הן כפר ביש כפר שחלים כפר דכריא כפר ביש דלא יהבי ביתא לאושפיזא כפר שחלים שהיתה פרנסתן מן שחלים כפר דכריא א"ר יוחנן שהיו נשותיהם יולדות זכרים תחלה ויולדות נקבות באחרונה ופוסקות. אמר עולא לדידי חזיא לי ההוא אתרא ואפילו שתין רבוותא קני לא מחזיק א"ל ההוא צדוקי לר' חנינא שקורי משקריתו א"ל (דניאל יא) ארץ צבי כתיב בה מה צבי זה אין עורו מחזיק את בשרו אף א"י בזמן שיושבין עליה רווחא ובזמן שאין יושבין עליה גמרא:

**פירוש**

שחלים. מין מאכל הוא במסכת ע"ז: כדוא אהרא. הר המלך: משקריתו. דאמריתו ס' רבוא עיירות היו בהר המלך וה"א אינו מחזיק אפילו כ' רבוא קנים: גמדא. דעריי"ת בלע"ז כמו גמוד מסאני: אין עורו מחזיק את בשרו. משהופשט הוא כווץ ואין יכול להחזיר ולכסותו בו: דשמיע ליה. מה מעשיהם אם צדיקים אם רשעים: בארוס וארוסתו. מאותה העיר: שכשפט.

**מר רב** מניומי בר חלקיה ורב חלקיה בר טוביה ורב הונא בר חייא הוו יתבי גבי הדדי אמרי איכא דשמיע ליה מלתא ככפר סכניא של מצרים לימא פתח חד מינייהו ואמר מעשה בארוס וארוסתו שנשבו לבין הנכרים והשיאום זה לזה אמרה לו בבקשה ממך אל תגע בי שאין לי כתובה ממך ולא נגע בה עד יום מותו וכשמת אמרה להם ספדו לזה שכבש ביצרו יותר מיוסף דאילו ביוסף לא הות אלא חדא שעתא והאי

---

ווארום רב יהודה האט געזאגט רב אסי האט געזאגט זעכציג רבוא שטעט האט ינאי המלך געהאט אויף דעם הר המלך. אונ אין יעדער שטאט איז געוועזן מענטשן אזוי פיל וויא עס איז געוועזן די יודין וואס זענען ארוס פון מצרים. נאר אין דריי שטעט איז געוועזן מענטשן צוויי מאל אזוי פיל ווי די יודין וואס זענען ארויס געגאנגען פון מצרים. דאס זענען די דריי שטעט. כפר ביש. כפר שחלים. כפר דכריא. פאר וואס האט מען גירופען די שטאט כפר ביש. ווייל זייא זענען געווען שלעכטע מענטשען: אז עס איז געקומען א פרעמדער מענטש: פלעגט קיינער אים. ניט אריין געבען אין שטוב צום געכטיגען. כפר שחלים האט מען גירופען. ווייל זייער הגדיל איז געווען מיט שחלים. דאס איז א מין עסין. כפר דכריא פר וואס האט מען גירופען. האט רבי יוחנן געזאגט ווייל זייערע ווייבער פלעגען געבארין צוא ערשט זכרים דער נאך נקבות: אונ פלעגין שוין ניט מער האבען קיין קינדער. עולא האט געזאגט איך האב געזעהן דעם ארט הר המלך. אפילו זעכציג רבוא שטעקלאך קען מען אויף דארט ניט שטעלין. א אפיקורוס האט געזאגט צו רבי חנינא איר זאגט ליגען. איר זאגט אז אויף דעם הר המלך איז געווען זעכציג רבוא שטעט. אפילו זעכציג רבוא שטעקלאך קען אויף דארטען ניט שטיין. האט רבי חנינא געזאגט צום אפיקורוס ביי ארץ ישראל שטייט ארץ צבי. דיא לאנד איז אזוי וויא א הערש. אזוי וויא דער הערש אז מען ציהט אראפ פון אים דיא פעל. אונ מען זאל וועלין די פעל צוריק ארויף ציהען אויף אים. וועט מען ניט קענען. ווייל דיא פעל ווערט באלד איין גיצויגען אונ קלענער. אזוי איז ארץ ישראל. ווען דיא יודין זענען געזעסין אף איר. איז זיא געווען ברייט. אונ אז דיא יודין זיצען ניט אויף איר איז זיא איינגיצויגין גיווארין:

מר רב מניומי בר חלקיה אונ רב חלקיה בר טוביה אונ רב הונא בר חייא זענען גיזעסען איינער נעבין אנדערין. האבען זייא געזאגט אויב איינער פון אונז ווייס עפעס צו דער ציילען פון דעם דארף סכניא של מצרים. זאל ער זאגין: האט איינער אן גיהויבען צוא זאגין. עס האט גיטראפען א חתן אונ א כלה זענען גיפאנגען גיווארין צווישען גוים: האבען דיא גוים גיגייט דעם חתן ער זאל חתונה האבין מיט דיא כלה. נאך דער חתונה האט דיא כלה געזאגט צום חתן איך בעט דיך דוא זאלסט מיך ניט אן רירען. ווארום איך האב ניט קיין כתובה פון דיר: אונ דער מאן האט איר ניט אן גערירט ביז ער איז גישטארבין. אונ אז ער איז גישטארבין האט דאס ווייב געזאגט צו דיא חכמים איר מעגט אים מספיד זיין: ווארום ער האט זיך גישטארקט אויף דעם יצר הרע. מער וויא יוסף. ווארום יוסף האט זיך גישטארקט אויף זיין יצר הרע

נאר

והאי כל יומא ויוכא ואילו יוסף לאו בחדא מטה והאי בחדא מטה ואילו יוסף לאו אשתו והאי אשתו פתח אידך ואמר מעשה ועמדו ארבעים מודיות בדינר נחסר השער מודיא אחת ובדקו ומצאו אב ובנו שבאו על נערה מאורסה ביה"כ והביאום לב"ד וסקלום וחזר השער למקומו פתח אידך ואמר מעשה באדם אחד שנתן עיניו באשתו לגרשה והיתה כתובתה מרובה מה עשה הלך וזימן את שושביניו והאכילם והשקם שיכרם והשכיבם על מטה אחת והביא לובן ביצה והטיל ביניהם והעמיד להם עדים ובא לב"ד היה שם זקן אחד מתלמידי שמאי הזקן ובבא בן בוטא שמו אמר להם כך מקובלני משמאי הזקן לובן ביצה מ:לד מן האור ושכבת זרע דוהה מן האור בדקו ומצאו כדבריו והביאוהו לב"ד והלקוהו והגבו כתובתה ממנו. א"ל [אביי] לרב יוסף ומאחר דהוו צדיקי כולי האי מ"ט איענשו א"ל משום דלא איאבול על ירושלים דכתיב (ישעיה סו) שמחו את ירושלים וגילו בה כל אוהביה שישו אתה משוש כל המתאבלים עליה:

זלזל כילרו ולא תמבו אלא נתגבה עליו: סחסר השער. נתיקרה התבואה: לובן ביצה. שהוא דומה לשכבת זרע להוציא קול שבא על אשתו: כולר. דערלי"ש מתייבש [ומגליד]: שכבת זרע דוהה מן האור. נכנס ונבלע בבגד ואינו מגליד:

אשקא

---

נָאר אֵיין מָאהל. אוּנ עֶר הָאט זִיךְ גֶישְׁטַארְקְט אוֹיף זֵיין יֵצֶר הָרָע אַלֶע טָאג. אוּנ יוֹסֵף אִיז נִיט גֶיוֶועזֶען מִיט פּוֹטִיפֶרַע אִין אֵיין בֶּעט. אוּנ עֶר אִיז גֶיוֶועזֶען מִיט מִיר אִין אֵיין בֶּעט. אוּנ פּוֹטִיפֶרַע אִיז נִיט גֶיוֶועזֶען אַוַוייבּ פוּן יוֹסֵף. אוּנ אִיךְ בִּין גֶיוֶועזֶען זֵיין וַוייבּ. נָאר וַוייל מִיר הָאבֶּען נִיט גֶיהַאט קֵיין כְּתוּבָּה. דְרִיבֶּער הָאט עֶר מִיךְ נִיט בּוֹעֵל גֶיוֶועזֶען. הָאט דֶער אַנְדֶערֶער אָן גֶיהוֹיבֶּן צוּא זָאגִין. אַמָאהל אִיז גֶיוֶועזֶען פֶערְצִיג מָאס תְּבוּאָה פַאר אַגִילְדִין. אִיז טַייעֶרֶער גֶיוָוארִין מִיט אֵיין מָאס מֶען הָאט נָאר גֶיגֶעבִּין נַיין אוּנ דְרַייסִיג מָאס פַאר אַגִילְדִין. הָאט מֶען גֶיזוּכְט פַאר וָואס אִיז טַייעֶרֶער גֶיוָוארִין. הָאט מֶען גֶיפוּנֶען אַז אַפָאטֶער מִיט אַזוּהן הָאבֶּען בּוֹעֵל גֶיוֶועזֶען אַמֵיידִיל אַרוּסָה אוּם יוֹם כִּפּוּר. הָאט מֶען זַייא גֶיבְּרַאכְט צוּא בֵּית דִין אוּנ מֶען הָאט זֵיי בֶּעוָוארְפִין מִיט שְׁטֵיינֶער בִּיז זַייא זֶענֶען גֶישְׁטָארְבִּין. אִיז צוּרִיק וָועלְוָועלְדֶער גֶיוָוארִין. אוּנ מֶען הָאט וַוייטֶער פַאר קוֹיפְט פֶערְצִיג מָאס פַאר אַגִילְדִין. הָאט דֶער דְרִיטֶער אָן גֶיהוֹיבֶּען צוּא זָאגִין. אַמָאהל הָאט גֶיטְרָאפֶען אַמֶענְטְשׁ הָאט גֶיוָואלְט גֶטִין זֵיין וַוייבּ; דִיא הָאט אָבֶּער גֶיהַאט אַגְרוֹיסֶע כְּתוּבָּה וָואס הָאט עֶר גֶיטָאהן. אִיז עֶר גֶיגַאנְגֶען אוּנ הָאט פַאר בֶּעטִין צוּא זִיךְ זַיינֶע גוּטֶע פְרַיינְד. אוּנ עֶר הָט זֵיי גֶיגֶעבִּין עֶסִין אוּנ טְרִינְקֶען אוּנ הָאט זַייא אַיינְגֶעשִׁיכֶּרְת אוּנ הָאט זַייא גֶעלֵייגְט אַלֶע אוֹיף אֵיין בֶּעט. וואו זֵיין וַוייבּ אִיז גֶילֶעגִין. אוּנ עֶר הָאט גֶינוּמֶען אַוַוייסֶל פוּן אַאֵיי אוּנ הָאט אַרוֹיף גֶיגָאסֶען אוֹיפֶען בֶּעט צְוִוישֶען זֵיין וַוייבּ אוּנ דֶעם גוּטֶען פְרַיינְד. אוּנ עֶר הָאט גֶזָאגְט אַז דָאס אִיז שִׁכְבַת זֶרַע; אוּנ עֶר הָאט גֶישְׁטֶעלְט עֵדוּת אַז זַייא הָאבֶּען גֶיזֶעהֶן דִיא שִׁכְבַת זֶרַע. אִיז עֶר גֶיקוּמֶען צוּא בֵּית דִין אוּנ הָאט גֶזָאגְט אַז זֵיין וַוייבּ הָאט מְזַנֶה גֶיוֶועזֶען מִיט דֶעם גוּטֶען פְרַיינְד זַיינֶעם. קוּמְט אִיר נִיט קֵיין כְּתוּבָּה; אִיז דָארְט גֶיוֶועזֶען אַאַלְטֶער מַאן פוּן דֶעם אַלְטֶען שַׁמַאיס תַּלְמִידִים. עֶר הָאט גֶיהֵייסֶען בָּבָא בֶּן בּוּטָא. הָאט בָּבָא גֶזָאגְט צוּא זַייא אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶילֶערְנְט פוּן שַׁמַאי הַזָקֵן אַז עֶס אִיז פַאר גָאסֶען וַוייסֶל פוּן אַאֵיי אוֹיף אַקְלֵייד; זָאל מֶען הַאלְטֶען פַייעֶר אִיבֶּער דִיא וַוייסֶל וֶועט דִיא וַוייסֶל פַאר טְרִיקִינְט וֶוערִין אוּנ עֶס וֶועט זִיךְ אָפּ טֵיילִין פוּן דֶעם קְלֵייד. אוּנ אוֹיבּ שִׁכְבַת זֶרַע אִיז פַאר גָאסֶען אוֹיף אַקְלֵייד. אוּנ מֶען הַאלְט פוּן הוֹיבִּין פַייאֶר. וֶוערְט דִיא שִׁכְבַת זֶרַע אַיינְגֶיזַאפְּט אִין דִיא קְלֵייד. דְרִיבֶּער קֶען מֶען דָאךְ בַּאלְד וִויסֶען וָואס דָאס אִיז. שִׁכְבַת זֶרַע אָדֶער וַוייסֶל פוּן אַאֵיי. הָאט מֶען גֶיפְּרוּבְט אוּנ מֶען הָאט גֶיזֶעהֶן אַז דָאס אִיז וַוייסֶל פוּן אַאֵיי. הָאט מֶען אִים גֶיבְּרַאכְט צוּא בֵּית דִין אוּנ מֶען הָאט אִים גֶישְׁלָאגִין מַלְקוּת. אוּנ מֶען הָאט אָפּ גֶינוּמֶען פוּן אִים אִיר כְּתוּבָּה. אַבַּיֵי הָט גֶזָאגְט צוּ רַב יוֹסֵף אַז זַייא זֶענֶען גֶיוֶועזֶען אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע צַדִיקִים. פַאר וָואס זֶענֶען זַייא גֶישְׁטְרָאפְט גֶיוָוארִין. הָאט רַב יוֹסֵף גֶזָאגְט וַוייל זַייא הָאבֶּען נִיט גֶיטְרוֹיעֶרְט אוֹיף יְרוּשָׁלַיִם. אַזוֹי וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אִיר זָאלְט אַייךְ פְרֵייעֶן מִיט יְרוּשָׁלַיִם.

איר

**טז אשקא** דריספק חרוב ביתר דהוו נהיגי כי הוה מתיליד ינוקא שתלי ארזא ינוקתא שתלי תורניתא וכי הוה מנסבי קייצי להו ועבדי להו גננא יומא חדא הוה קא חלפא ברתי' דקיסר איתבר שקא דריספק קצו ארזא ועיילו לה אתו נפול עלייהו מחונהו אתו אמרו ליה לקיסר מרדו בך יהודאי אתא עלייהו (איכה ב) גדע בחרי אף כל קרן ישראל א"ר זירא א"ר יוחנן אלו פ' אלף קרני מלחמה שנכנסו לכרך ביתר בשעה שלכדוה והרגו בה אנשים ונשים וטף עד שהלך דמם ונפל לים הגדול ושמא תאמר קרובה היתה רחוקה היתה מיל תניא רבי אליעזר הגדול אומר שני נחלים בבקעת ידים אחד מושך אילך ואחד מושך אילך ושיערו חכמים שני חלקים מים ואחד דם במתניתא תנא שבעה שנים בצרו אומות העולם את כרמיהם מדמם של ישראל בלא זבל:

(ע"ב) **יז א"ר** חייא בר אבין א"ר יהושע בן קרחה סח לי זקן א' מאנשי ירושלים בבקעה זו הרג נבוזראדן רב טבחים מאתים ואחת עשרה רבוא ובירושלים הרג צ"ד רבוא על אבן אחת עד שהלך דמן ונגע בדמיו של זכריה לקיים מה שנאמר (הושע ד) ודמים

טורניתא פי"ן: גנתא. הופה: קרני מלחמה. ראשי גייסות תוקפי קרן ומתאספים אליהם בני אדם: ושמא תאמר קרובה היתה. ליס: בקעת ידים. שם מקום: ואחד דם. מהרוגי ביתר: של זכריה. בן יהוידע הכהן שהרגוהו שרי יהודה במצות יואש כשהוכיחם על יואש ועשוהו אלוה

---

איר זאלט אייך פרייען מיט איר (מיט ירושלים) אלע וואס האבען איר ליב. איר זאלט אייך פרייען אפרייד מיט ירושלים אלע וואס האבען געטרויערט אויף איר:

**טז** אשקא. דורך אזאנט פון אוואגען איז חרוב געווארען די שטאט ביתר. ביי זיי איז געוועזען דער מנהג אז עס פלעגט געבארען ווערען איינגעל פלעגט מען פלאנצען אטעגענבוים אזבר. אז אמיידעל פלעגט געבארען ווערען פלעגט מען פלאנצען אבוים אזקבה. און אז אחתן מיט אכלה פלעגען חתונה האבען. פלעגט מען אפ האקען די צוויי בוימער און מען האט געמאכט פון זיי ארופה. אמאהל איז געפארען די טאכטער פון קיסר. איז צו בראכען געווארען אזאנט פון איר וואגען. האט מען אפ געהאקט אשטיקעל פון אטעגענבוים און מען האט אריין געזעצט אין איר וואגען. זענען די יודען ארויף געפאלען אויף איהרע בעדינטע און האבען זיי געשלאגען. זענען זיי געקומען צום קיסר און האבען געזאגט די יודען ווילען דיך ניט דינען. איז דער קיסר געקומען אויף זיי. עס שטייט אין פסוק ער האט פר שניטען מיט כעס די גאנצע שטארקייט און שיינקייט פון יודען. רבי זירא האט געזאגט אז רבי אבא האט געזאגט פון רבי יוחנן וועגען דאס מיינט מען די אכציג טויזענד עלצטע פון דעם חיל וואס בלאזען מיט טרומייטען דאס חיל זאלען זיך פרזאמלען וואס זענען אריין געגאנגען אין די שטאט ביתר ווען מען האט איר איין גענומען און זיי האבען דארט געהרגת מאנסלייט און ווייבער און קליינע קינדער ביז די בלוט איז געגאנגען צום ים הגדול און אריין געגאסען געווארען אין ים. טאמער וועסטו זאגען אז פון די שטאט ביתר צום ים הגדול איז נאנט. ניין. עס איז ווייט אתחום שבת. צוויי טויזענד איילן. מיר האבען געלערענט רבי אליעזר הגדול זאגט צוויי טייכען זענען דא אין דעם ארט בקעת ידים. די וואסער פון איין טייך ציהט זיך אין דעם זייט. און די וואסער פון אנדערען טייך ציהט זיך אין איין אנדער זייט. האבען די חכמים בערעכענט אז אין יעדער טייך איז דא צוויי טייל וואסער און איין טייל בלוט. אין אברייתא האבען מיר געלערענט זיבען יאהר האבען די פעלקער געמיסט זייערע פעלדער און וויין גערטנער מיט יודישע בלוט אן מיסט:

**יז** אמר. רבי חייא בר אבין האט געזאגט פון רבי יהושע בן קרחה וועגען אאלטער מאן פון די מענטשען פון ירושלים האט מיר געזאגט אין דעם טאהל האט נבוזראדן רב טבחים געהרגת צוויי הונדערט מיט עלף רבוא (א רבוא איז צעהן טויזענד) יודען. און אין ירושלים האט ער געהרגת פיר און ניינציג רבוא יודען אויף איין שטיין. ביז זייער בלוט איז געגאנגען און האט אן גערירט

די"א

דמים בדמים נגעו. אשכחיה לדמיה דזכריה דהוה קא מירתח וסליק ואמר להו מאי האי אמרו לו דם זבחים דאשתפוך אייתי דמא ולא אידמי אמר להו אי אמריתו לי מוטב ואי לאו מסריקנא לבשרייכו במסרקי דפרזלא.

ודגנוהו בעזרה. שטר פירטתא. שטר צוואה שפירש מה תהא על נכסיו: גר תושב הוי. שלא הדיר עליו שלא מצות אלא ע״ז שנאמר כי לא יעשה עוד עבדך וגו׳: וסיינו דכתיב. לתעים דזכריה: של נחית

אמרי ליה מאי נימא לך נביא הוה בן דהוה קא מוכח לן במילי דשמיא קמינן עלויה וקטלינן ליה והא כמה שנין דלא קא נייח דמיה. אמר להו אנא מפייסנא ליה אייתי סנהדרי גדולה וסנהדרי קטנה קטיל עילויה ולא נח בחורים ובתולות קטל עילויה ולא נח אייתי תינוקות של בית רבן קטל עילויה ולא נח. א״ל זכריה זכריה טובים שבהם אבדתי ניחא לך דאבדינהו לכולהו כדאמר ליה הכי נח. בההיא שעתא הרהר תשובה בדעתיה אמר ומה יהם [אם] על נפש אחת כך ההוא גברא דקטל כל הני נשמתא על אחת כמה כמה ערק אזל שדר [שטר] פירטתא בביתיה ואיגייר. תנא נעמן גר תושב היה נבוזראדן גר צדק היה. מבני בניו של המן למדו תורה בבני ברק. מבני בניו של סיסרא למדו תינוקות בירושלים. מבני בניו של סנחרב למדו תורה ברבים מאן אינון שמעיה ואבטליון

---

דיא בלוט פון זכריה הנביא. צוא מקיים זיין וואס עס שטייט אין פסוק בלוט צוא בלוט האבען אן גערירט: נבוזראדן הט געפונען דיא בלוט פון זכריה קאכט ארויף אין דיא היך. האט נבוזראדן געפרעגט ביי דיא יודין וואס איז דאס פאר א בלוט. האבען דיא יודין גזאגט צוא איהם דאס איז דיא בלוט פון קרבנות וואס איז אויס געגאסען געווארין. האט ער געבראכט בלוט פון בהמות אונ האט אריין געגאסען אין דיא בלוט. אונ דיא בלוט איז ניט געשווייגען געווארין. האט נבוזראדן גזאגט צו דיא יודין אויב איר וועט מיר זאגין וואס דיא בלוט איז. איז גוט. אונ אויב איר וועט ניט זאגין וועל איך רייסען אייער פלייש מיט אייזערנע קאמען. האבען דיא יודין גזאגט צו נבוזראדן וואס זאלין מיר דיר זאגין. א נביא איז געווען ביי אונז וואס ער פלעגט אונז שטראפין מיר זאלין פרום ווערין. זענען מיר אוף געשטאנען אוף איהם אונ מיר האבען איהם גיהרגעט. אונ דאס איז שוין פיל יאהר אונ דיא בלוט רוהט ניט. האט נבוזראדן גזאגט צו דיא יודין איך וועל איהם איבער בעטין. האט ער געבראכט דיא סנהדרי גדולה וואיין אונ זיבעציג דיינים אונ דיא סנהדרי קטנה וודריי אונ צוואנציג דיינים. אונ האט זייא גיהרגעט אויף דיא בלוט. אונ דיא בלוט האט ניט גירוהט. מען האט געבראכט בחורים אונ בתולות אונ מען האט זייא גהרגעט אויף דיא בלוט. אונ דיא בלוט האט ניט גירוהט. מען האט געבראכט קליינע קינדער פון חדר אונ מען האט זייא גיהרגעט אויף דיא בלוט. אונ דיא בלוט האט ניט גירוהט. הט נבוזראדן גזאגט צו דיא בלוט. זכריה זכריה דיא בעסטע פון דיא יודין האב איך שוין גיהרגעט. דו ווילסט איך זאל אלע הרגען. ווייא נבוזראדן הט אזו גזאגט איז דיא בלוט באלד שטיל געווארין. אין דער צייט האט נבוזראדן גיטראכט תשובה צו טאהן. ער האט גזאגט. מאמאך דיא יודין וואס זייא האבען נאר גיהרגעט איין מענטש. זענען זייא אזו געשטראפט געווארין. איך וואס איך האב גיהרגעט אזו פיל מענטשין וועל איך דאך געוויס געשטראפט ווערין. איז נבוזראדן אנטלאפען אונ האט געשריבען אבריף אהיים וואס מען זאל טאהן מיט זיין פאר מעגין. אונ ער הט זיך מגייר געווען: מיר האבען גילערענט נעמן האט זיך נאר מגייר געווען ער זאל ניט דינען עבודה זרה. אבער דיא מצות פון דער תורה האט ער ניט געהיט. אונ נבוזראדן האט זיך מגייר געווען אונ איז געווארין איוד אזוי וויא אלע יודין. דיא אייניקלאך פון המן האבען זיך מגייר געווען אונ האבען גילערענט תורה אין בני ברק. דיא אייניקלאך פון סיסרא האבען זיך מגייר געווען אונ האבען גילערנט תורה מיט קינדער אין ירושלים. דיא אייניקלאך פון סנחריב האבען זיך מגייר געווען אונ האבען גילערנט תורה מיט פיל מענטשין. ווער זענען געווען די אייניקלאך פון סנחריב וואס האבען זיך מגייר געווען. דס איז שמעיה אונ אבטליון. אוף דיא בלוט פון

ואבטליון והיינו דכתיב (יחזקאל כד) ונתתי את דמם על צחיח סלע לבלתי הכסות:

**יה הקול** (בראשית כז) קול יעקב והידים ידי עשו הקול זה אדריינוס קיסר שהרג באלכסנדריא של מצרים ששים רבוא על ששים רבוא כפלים כיוצאי מצרים קול יעקב זה אספסיינוס קיסר שהרג בכרך ביתר ה׳ רבוא ואמרי לה ארבעת אלפים רבוא. והידים ידי עשו זו המלכות שהחריבה את בתינו ושרפה את היכלנו והגליתנו מארצנו. ד״א הקול קול יעקב אין לך תפלה שמועלת שאין בה מזרעו של יעקב והידים ידי עשו אין לך מלחמה שנוצחת שאין בה מזרעו של עשו והיינו דא״ר אלעזר (איוב ה) בשוט לשון תחבא בחרחורי לשון תתחבא:

**יט אמר** רב יהודה אמר רב מ״ד (תהלים קלז) על נהרות בבל שם ישבנו גם בכינו בזכרנו את ציון מלמד שהראהו הקב״ה לדוד חורבן בית ראשון וחורבן בית שני חורבן בית ראשון שנא׳ על נהרות בבל שם ישבנו גם בכינו בית שני דכתיב (סס)

צחית סלע. על חלקת אבן חלקה שלא יבלע בארץ בן היה דמו של זכריה על הגפה ולא נבלע:
צחיח. בעיעות כתרגומו:
הקול קול. מתה וכדי עולה מיעקב ראה יצחק בנבואה מפלה זו של ביתר: והיינו דא״ר אלעזר. הא דאמריק לעיל שע״י לשון הרע הרב בבית וסרגו כמה רבבות: בחרחורי לשון. במריבה לשון כמו אל תתחר: שוט לשון. שבט מכה:

---

זכריה שטייט אין פסוק איך וועל געבן זייער בלוט אויף אטרוקענעם שטיין. דיא בלוט זאל ניט צו גידעקט ווערין. זיא זאל ניט איין גיזאפט ווערין:

**יה הקול**. אין פסוק שטייט דר קול איז פון יעקב אונ דיא הענט זענען פון עשו. דס מיינט מען יצחק האט גיוואוסט דורך זיינע נביאות אונ ער האט גיהערט דם געוויין פון יעקב וואס ער וועט אמאהל וויינען דורך דיא הענט פון עשו. דורך אנדריינוס קיסר וואס ער האט ניהרגת אין אלכסנדריה פון מצרים הונדערט מיט צוואנציג רבוא יודין. צוויי מאהל אזו פיל ווי עס זענען ארוס גיגאנגען פון מצרים. נאך האט יעקב געוויינט דורך אספסינוס קיסר וואס ער האט גיהרגת אין דיא שטאט ביתר פיר הונדערט רבוא יודין. אנדערע זאגין פיר טויזענד רבוא יודין: דיא הענט פון עשו וואס האבען גיטאהן. דאס מיינט מען דיא מלוכה וואס הט חרוב גמאכט אונזער בית המקדש אונ הט פר ברענט אונזער היכל אונ האט אונז פר טריבען פון אונזער לאנד. נאך הט מען גילערונט דעם פסוק הקול קול יעקב: אלע תפלות פון אלע מענטשין העלפין ניט. סיידין דיא קינדער פון יעקב. דיא יודין. בעטין אויך מיט דיא תפלה: ווערט מען גיענפערט. אונ אין פסוק שטייט והידים ידי עשו. די הענט זענען פון עשו. אז מיר זעהן אפאלק הט איין גינומען אמלחמה: דאס איז ווייל צווישען דעם תיל זענען גיוועין דיא קינדער פון עשו. ווייל דיא קינדער פון עשו האבען מיט גיהאלפען צו דער מלחמה. ווס מען הט פריער גזאגט אז דורך דיא לשון הרע פון בר קמצא איז חרוב גיווארין דער בית המקדש. אונ עס זענען גיהרגת גיווארין אזו פיל טויזענדער יודין. דאס איז אזו וויא רבי אלעזר האט גזאגט. עס שטייט אין פסוק אז דער צונג שלאגט זאלסטו דיך בעהאלטין. דם מיינט מען ביי די קריג פון צונג. אז מענטשין קריגען אונ ריידין איינר אויף דעם אנדערין. זאלסטו דיך בעהאלטין. ווארום דם גרעסטע שרעקין קומט ארוס פון לשון הרע:

**יט אמר**. רב יהודה הט גזאגט פון רבס וועגין. עס שטייט אין פסוק ביי דיא טייכען פון בבל דארט זענען מיר גיזעסען אונ מיר האבען גיוויינט אז מיר האבען דער מאנט דיא שטאט ציון. דער פסוק דער ציילט אונז אז גאט האט געוויזען צוא דוד המלך דעם חורבן פון ערשטין בית המקדש אונ דעם חורבן פון אנדערין בית המקדש: אויף דעם חורבן פון ערשטין בית המקדש שטייט אין פסוק ביא דיא טייכען פון בבל דארט זענען מיר גיזעסין אונ מיר האבען געוויינט. ווארום דער ערשטער בית המקדש איז חרוב גיווארין פון בבל. אויף דעם חורבן פון אנדערין בית המקדש שטייט אין פסוק נאט דוא זאלסט נידיינקן צוא דיא קינדער פון

אדום

(שם) וזכור ה' לבני אדום את יום ירושלים האומרים ערו ערו עד היסוד בה. אמר רב יהודה אמר שמואל ואי תימא רבי אמי ואמרי לה בטתניתא תנא מעשה בד' מאות ילדים וילדות שנשבו לקלון הרגישו בעצמם למה הם מתבקשים אמרו אם אנו טובעים בים אנו באים לחיי העוה"ב דרש להם הגדול שבהם (שם סח) אמר ה' מבשן אשיב אשיב ממצולות ים מבשן אשיב מבין שיני אריות אשיב ממצולות ים אלו שטובעין בים כיון ששמעו ילדות כך קפצו כולם ונפלו לתוך הים נשאו ילדים ק"ו בעצמם ואמרו מה הללו שדרכן לכך כך אנו שאין דרכנו לכך עאכ"ו אף הם קפצו לתוך הים ועליהם הכתוב אומר (שם מד) כי עליך הורגנו כל היום נחשבנו כצאן טבחה. ורב יהודה אמר זו אשה ושבעה בניה אתיוהו לקמא קמיה דקיסר אמרו ליה פלח לעבודה זרה אמר להו כתוב בתורה (שמות כ) אנכי ה' אלהיך אפקוהו וקטלוהו אתיוהו לאידך לקמיה דקיסר אמרו ליה פלח לעבודה זרה אמר להו כתוב בתורה (שם) לא יהיה לך אלהים אחרים על פני אפקוהו וקטלוהו אתיוהו לאידך ואמרו ליה פלח לעבודה זרה אמר להו כתוב בתורה (שם לד) לא תשתחוה לאל אחר אפקוהו וקטלוהו אתיוהו לאידך אמרו ליה פלח לעבודה זרה

לקלון. ילדים למשכב זכור וילדות לפלגשים: כשן. בין שן טעריקין: שדרכן לכך. להשמיש ולין קלונן מרובה כקלון שלנו: זו אשה. הורגנו כל

---

אֱדוֹם דֶעם טָאג וָואס זַייא הָאבֶּען חָרוּב גִימַאכְט יְרוּשָׁלַיִם. וָואס זַייא הָאבֶּען גִזָאגְט אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערִין מֶען זָאל וִויסְט מַאכֶען יְרוּשָׁלַיִם בִּיז צוּם פוּנְדַאמֶענְט. וָוארוּם דֶער אַנְדֶערֶער בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז חָרוּב גִיוָוארִין פוּן אֱדוֹם. רַב יְהוּדָה הָט גִזָאגְט פוּן שְׁמוּאֵלְס וֶועגִין. אַנְדֶערֶע זָאגִין דָאס הָט רַבִּי אַמִי גִזָאגְט. אַנְדֶערֶע זָאגִין דָאס הָאט מֶען אִין אַבְּרַיְיתָא גִירֶערוּנְט. עֶס הָאט אַמָאהל גִיטְרָאפֶען אַז פִיר הוּנְדֶערְט יוּנְגֶע קִינְדֶער זְכָרִים אוּנ נְקֵבוֹת זֶענֶען גִיפַאנְגֶען גִיוָוארִין מֶען זָאל מִיט זַייא מְזַנֶה זַיין. אוּנ מֶען הָאט זַייא גֶעפִירְט אִין אַשִׁיף אוֹיף דֶעם יַם. פָארֶענְדִיג אוֹיף דֶעם יַם הָאבֶּען זַייא פַאר שְׁטַאנֶען צוּ וָואס מֶען פִירְט זַייא. הָאבֶּען דִיא קִינְדֶער גִיפְרֶעגְט אֵיינֶער בַּייא דֶעם אַנְדֶערִין אוֹיבּ מִיר וֶועלִין אוּנְז דֶער טְרַיינְקֶען אִין יַם. וֶועלִין מִיר קֶענֶען הָאבֶּען עוֹלָם הַבָּא. הָט דֶער עֶלְטֶערֶער קִינְד פוּן זַייא גִידַרְשְׁנְט עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק גָאט הָאט גִזָאגְט מִבָּשָׁן אָשִׁיב אָשִׁיב מִמְצוּלוֹת יָם. מִבָּשָׁן אָשִׁיב אִיז טַייטְשׁ. מִבֵּין שִׁינֵי אֲרָיוֹת אָשִׁיב. אַפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ ווָס אִיז צוּרִיסֶען גִיוָוארִין פוּן דִיא צֵיין פוּן אַלֵייבּ. וֶועט עֶר אוֹיךְ קוּמֶען צוּ עוֹלָם הַבָּא. אָשִׁיב מִמְצוּלוֹת יָם. אַפִילוּ דֶער וָואס וֶוערְט דֶער טְרוּנְקֶען אִין דִיא טִיף פוּן יַם. וֶועט עֶר אוֹיךְ קוּמֶען צוּ עוֹלָם הַבָּא: וִויא דִיא מֵיידְלַאךְ הָאבִּין דָאס גִיהֶערְט. זֶענֶען אַלֶע גִישְׁפְּרוּנְגֶען אִין יַם אוּנ זֶענֶען דֶער טְרוּנְקֶען גִיוָוארִין: הָאבִּין דִיא זְכָרִים גִזָאגְט מַאדְאךְ דִיא מֵיידְלַאךְ וָואס זֶענֶען בַּשַׁאפִין גִיוָוארִין מֶען זָאל זַייא בּוֹעֵל זַיין. הָאבִּין נִיט גִיוָואלְט מֶען זָאל מִיט זַייא מְזַנֶה זַיין. מִיר וָואס זֶענֶען נִיט בַּשַׁאפִין גִיוָוארִין מֶען זָאל אוּנְז בּוֹעֵל זַיין. גֶעווִיס אַז מִיר דַארְפִין נִיט וֶועלִין מֶען זָאל מִיט אוּנְז מְזַנֶה זַיין. זֶענֶען דִיא זְכָרִים אוֹיךְ אַרַיין גִישְׁפְּרוּנְגֶען אִין יַם אוּנ זֶענֶען דֶער טְרוּנְקֶען גִיוָוארִין: אוֹיף זַייא זָאגְט דֶער פָּסוּק כִּי עָלֶיךָ הוֹרַגְנוּ כָּל הַיּוֹם אוֹיף דִיר גָאט וֶוערִין מִיר גִיהַרְגֶעט אַגַאנְצִין טָאג מִיר זֶענֶען גִירֶעכוּנְט אַזוֹי וִויא דִיא שֶׁעפְּסִין צוּם שֶׁעכְטִין. רַב יְהוּדָה זָאגְט דֶער פָּסוּק כִּי עָלֶיךָ הוֹרַגְנוּ מֵיינְט דִיא אִשָׁה מִיט אִירֶע זִיבֶּען קִינְדֶער. מֶען הָאט גִיבְּרַאכְט דֶעם עֶרְשְׁטִין קִינְד פַאר דֶעם קֵיסָר. הָאט מֶען גִזָאגְט צוּם קִינְד דִין דִיא עֲבוֹדָה זָרָה: הָאט דֶער קִינְד גִזָאגְט צוּ זַייא עֶס שְׁטֵייט אִין דִיא תּוֹרָה אִיךְ בִּין דַיין גָאט. הָאט מֶען אִים אַרוֹיס גֶעפִירְט אוּנ מֶען הָאט אִים גִיהַרְגֶעט. דֶער נָאךְ הָאט מֶען גִיבְּרַאכְט דֶעם אַנְדֶערִין קִינְד פַאר דֶעם קֵיסָר. הָאט מֶען גִזָאגְט צוּ אִים דִין דִיא עֲבוֹדָה זָרָה. הָאט דֶער קִינְד גִזָאגְט צוּ זַייא עֶס שְׁטֵייט אִין דֶער תּוֹרָה דוּ זָאלְסְט נִיט הָאבִּין קֵיין אַנְדֶערֶע גֶעטֶער פַאר מִיר. הָאט מֶען אִים אַרוֹיס גֶעפִירְט אוּנ מֶען הָאט אִים גִיהַרְגֶעט. דֶער נָאךְ הָאט מֶען גִיבְּרַאכְט דֶעם דְרִיטֶען קִינְד פַאר דֶעם קֵיסָר. הָאט מֶען גִזָאגְט צוּ אִים דִין דִיא עֲבוֹדָה זָרָה. הָאט דֶער קִינְד גִזָאגְט

צו

כיוס : באמנת . ייהבת : גושפנקא . הוהמי פלורתי סביע בו כדי שתהא נכלה מבחהם לה : הורמנא דמלכא . שלטנות המלך קבל עליו לעשות

זרה א"ל כתוב בתורה (שם כב) זובח לאלהים יחרם אפקוהו וקטליהו אתיוהו לאידך אמרו ליה פלח לעבודה זרה א"ל כתוב בתורה (דברים ו) שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד אפקיה וקטלוהו אתיוהו לאידך אמרו ליה פלח לעבודה זרה א"ל כתוב בתורה (שם ד) וידעת היום והשבות אל לבבך כי ה' הוא האלהים בשמים ממעל ועל הארץ מתחת אין עוד אפקוהו וקטלוהו אתיוהו לאידך אמרו ליה פלח לעבודה זרה אמר להו כתוב בתורה (שם כו) את ה' האמרת היום וגו' וה' האמירך היום כבר נשבענו להקב"ה שאין אנו מעבירים אותו באל אחר ואף הוא נשבע לנו שאין מעביר אותנו באומה אחרת א"ל קיסר א שדי לך גושפנקא וגחין ושקליה כי היכי דלימרו קבל עליה הורמנא דמלכא אמר ליה הבל עליך קיסר חבל עליך קיסר על כבוד עצמך כך על כבוד הקב"ה עאכ"ו אפקוהו למקטליה אמרה להו אימיה יהבוהו ניהלי ואינשקיה פורתא אמרה להו בני לכו ואמרו לאברהם אביכם אתה עקדת מזבח אחד ואני עקדתי שבעה מזבחות אף היא עלתה לגג ונפלה ומתה יצתה בת קול ואמרה (תהלים קיג) אם הבנים שמחה. ריב"ל אמר

זו

---

צו זייא עס שטייט אין דיא תורה דו זאלסט דיך ניט בוקן צו איין אנדער גאט. האט מען אים ארויס געפירט אונ מען האט אים גיהרגת. דער נאך האט מען גיבראכט דעם פערטן קינד פאר דעם קיסר. האט מען גזאגט צו אים דין דיא עבודה זרה. האט דער קינד גזאגט צו זייא עס שטייט, אין דיא תורה דער וואס שעכט צו דיא עבודה זרה זאל פארוויסט ווערין. האט מען אים ארויס געפירט אונ מען האט אים גיהרגת. דער נאך האט מען גיבראכט דעם פינפטין קינד פאר דעם קיסר. האט מען גזאגט צו אים דין דיא עבודה זרה האט דער קינד גזאגט צו זייא עס שטייט אין דיא תורה הערט איר יודין גאט איז אונזער גאט אונ ער איז איינער. האט מען איהם ארויס געפירט אונ מען האט איהם גיהרגת. דער נאך האט מען גיבראכט דעם זעקסטין קינד פאר דעם קיסר. האט מען גזאגט צו אים דין דיא עבודה זרה. האט דער קינד גזאגט צו זייא עס שטייט אין דער תורה דו זאלסט היינט וויסען אונ דו זאלסט צוריק קערין צו דיין הארץ אז גאט איז אלאט אויף דעם הימעל פון הויבין אונ אויף דער ערד אונטען אונ מער קיין גאט איז ניטא. האט מען אים ארויס געפירט אונ מען האט אים גיהרגת. דער נאך האט מען גיבראכט דעם זיבעטין קינד פאר דעם קיסר. האט מען גזאגט צו אים דין דיא עבודה זרה. האט דער קינד גזאגט צו זייא עס שטייט אין דער תורה דו האסט היינט גילויבט גאט. אונ גאט האט היינט דיך גילויבט. מיר האבין גישוואוירן צו גאט אז מיר זאלין אים ניט אום טאהשין אויף קיין אנדער גאט. אונ גאט האט גישווארין צו אונז אז ער זאל אונז ניט אום טאהשין אויף קיין אנדער פאלק. האט דער קיסר גזאגט צום קינד איך וועל אראפ ווארפין מיין פינגעריל וואס אויף דיים פינגעריל איז דא מיין צורה. אונ דו וועסט דיך איינבייגין אונ וועסט נעמען דעם פינגעריל. וועט מען זאגין אז דו האסט גינומען אויף זיך מיין גיוועלטיגקייט אונ דו בוקסט דיך צו מיר וועסטו מיך שוין פאלגין אונ וועסט דיך בוקין צו דיא עבודה זרה אויך: האט דער קינד גזאגט צום קיסר וויא אויף דיר קיסר. אז דו זארגסט אזוי פיל אויף דיין כבוד וויא פיל דארף איך זארגין אויף דעם כבוד פון גאט. האט מען אים געפירט צום הרגנן. האט דיא מוטער צו זייא גזאגט גיט מיר אים איך וועל אים אביסל קושען. האט דיא מוטער גזאגט צו אירע קינדער. מיינע קינדער גייט זאגט צו אייער פאטער אברהם דו האסט גיוואלט שעכטין נאר איין זוהן פון גאטס וועגין. אונ איך האב גישאכטין זיבען זיהן פון גאטס וועגין: אונ דיא מוטער איז ארויף גיגאנגען אויף דעם דאך אונ איז אראפ גיפאלין אונ גישטארבין. איז ארוים גיגאנגען אקיל פון הימעל אונ האט גזאגט דיא מוטער מיט דיא קינדער וועלין זיך פרייען. רבי יהושע בן לוי האט גזאגט דער פסוק כי עליך הורגנו מיינט

דיא

זו מילה שניתנה בשמיני רבי שמעון בן לקיש אמר אלו תלמידי חכמים שמראין הלכות שחיטה בעצמם דאמר רבא כל מלי ליחזי איניש בנפשיה בר משחיטה וד"א. רב נחמן בר יצחק אמר אלו תלמידי חכמים שממיתין עצמן על ד"ת כר"ש בן לקיש דארשב"ל אין ד"ת מתקיימין אלא במי שממית עצמו עליה שנא' (במדבר יט) זאת התורה אדם כי ימות באהל:

(דף נח) **אמר** רבה בר בר חנה א"ר יוחנן ארבעים סאה קצוצי תפילין נמצאו בראשי הרוגי ביתר ר' ינאי ברבי ישמעאל אומר שלש קופות של ארבעים ארבעים סאה במתניתא תנא ארבעים קופות של ג' ג' סאין ולא פליגי הא דרישא הא דדרעא אמר רבי אסי ד' קבין מוח נמצאו על אבן אחת עולא אמר ט' קבין אמר רב כהנא ואיתימא שילא בר מרי מאי קראה (תהלים קלז) בת בבל השדודה אשרי שישלם לך וגו' אשרי שיאחז ונפץ את עולליך אל הסלע (איכה ד) בני ציון היקרים המסלאים בפז מאי מסולאים בפז אילימא דהוו מחפי

בפיזא

מנוהו: זו מילה. הורגנו כל היום דזמנין דמייתי בר משתיטה. שמא יתחנו בגרונו: וד"א. גרעם מרלאות נגעים מפני שמסוכן לקפוץ עליו: קצוצי תפילין. דסוסי תפילין הון מן גרמטה קרוים קציצה כדאמרי' במס' סוכה אותו גרמטה ואתה אותו בקציצה: ולא פליגי. רבה בר בר חנה וכפי ינאי ומתניתא: דדרעא. מ' סאה ודרישא ספם גדולים ד' בתים בכל קציצה הוי ג' זמני מ' סאה ואם תאמר ד' לא היה בבית אחד של זרוע גדול מאחד מבתי הראש לפי שבאין כל ארבע פרשיות בבית אחד ובכל ראש פרשה אחת בבית אחד וכו"פ דפוס של ראש מתוך שצריך לחלק הבתים ולהיות ריוח ביניהם וקבועים על מושב אחד הולך כמושב לבית כתב והוי על אחד ג' שבזרוע: ד' קבין.

במוכן

די מצוה פון מילה וואס דאס קינד ווערט גימלת דעם אכטן טאג. עס איז דאך אסכנה טאמער וועט ער שטארבען. רבי שמעון בן לקיש זאגט דער פסוק כי עליך הורגנו מיינט די תלמידי חכמים וואס ווייזן אויף זיך די דינים פון שחיטה. ווארום רבא האט גזאגט אלץ מעג אמענטש ווייזן אויף זיך גאר ניט וויא מען שעכט און ניט קרעץ. ווארום שעכטין קען אמאהל זיין ער זאל זיך איינגידין אין האלז. און קרעץ איז אויך אסכנה עס זאל קומען אויף אים. פון דעסטוועגין ברייגען די תלמידי חכמים זיך אליין אין אסכנה. און ווייזן אויף זיך וויא אזוי מען שעכט. צו לערנען דעם דין פון גאנצן וועגין. רב נחמן בר יצחק זאגט דער פסוק כי עליך הורגנו מיינט די תלמידי חכמים וואס זיי טייטן זיך פון וועגין די תורה. אזוי וויא רבי שמעון בן לקיש האט גזאגט די תורה האלט זיך גאר ביי דעם מענטש וואס טייט זיך פון וועגין איר. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זאת התורה אדם כי ימות באהל די תורה האלט זיך גאר ביי דעם מענטש וואס ביי אים איז רעכט צו שטארבן אין בית המדרש וועגין איר:

**אמר**. רבה בר בר חנה האט גזאגט פון רבי יוחנן וועגין פערציג מאס מיט פארין תפילין האט מען גיפונען אויף די קעפ פון די גיהרגעטע מענטשן וואס מען האט גיהרגעט אין ביתר: רבי ינאי ברבי ישמעאל זאגט דריי קאסטנס וואס אין יעדער קאסטן איז גיווען פערציג מאס מיט פארין תפלין. אין אברייתא האבען מיר גילערנט פערציג קאסטנס אין יעדער קאסטן איז גיווען דריי מאס מיט פארין תפלין. זאגט די גמרא רבה מיט רבי ינאי און מיט די ברייתא קריגען ניט. ווארום רבי ינאי מיט די ברייתא איז איין רעכענונג. און רבה מיט זיי קריגען אויך ניט. ווארום רבה שמועסט פון די תפילין וואס אויף די האנט. ווייל זיי זענען קליין דריבער איז פון זיי גאר דא פערציג סאה. און רבי ינאי מיט די ברייתא שמועסן פון די תפלין וואס אויף דעם קאפ. ווייל זיי זענען גרוים פאר נעמען זיי דריי מאל פערציג סאה. רבי אסי זאגט פיר קבין מוח ומארך פון קאפ האט מען גיפונען אויף איין שטיין. נב כהנא זאגט אנדערע זאגין שילא בר מרי האט גזאגט דאס ווייזען מיר פון דעם פסוק דא גי ויהט בבל וואהל צוא דעם וואס וועט דיר בצאהלין פאר דעם שלעכטן וואס דוא האסט אונז גיטאהן. וואול צוא דעם וואס וועט נעמען דיינע יונגע קינדער און וועט צוא שפאלטען זייער קאפ אויף דעם שטיין אזו וויא דוא האסט גיטאהן צוא די יודין. אין פסוק שטייט די

טייערע

בפ"זא והאמרי דבי רבי שילא תרתי מתקלי איסתירי פיזי נחות בעלמא חדא ברומי וחדא בכולי עלמא אלא שהיו מגנין את הפז ביופיין מעיקרא הוו חשובי דרומאי נקטי בליוני דגושפנקא ומשמשי ערסי הו מכאן ואילך מייתי בני ישראל ואסרי בכרעי דפורייהו ומשמשי אמר ליה חד לחבריה הא היכא כתיבא א"ל (דברים כח) גם כל חלי וכל מכה אשר לא כתוב בספר התורה הזאת אמר כמה מרחקנא מדוכתא פלן אמר ליה אינגד פוסתא ופלגא א"ל אי מטאי לגביה לא איצטריכי לך. אמר רב יהודה אמר שמואל משום רבן שמעון בן גמליאל מאי דכתיב (איכה ג) עיני עוללה לנפשי מכל בנות עירי ארבע מאות בתי כנסיות היו בכרך ביתר ובכל אחד ואחד היו בה ת' מלמדי תינוקות וכל אחד ואחד היו לפניו ת' תינוקות של בית רבן וכשהיה אויב נכנס לשם היו דוקרין אותן בחוטריהן וכשגבר אויב ולכדום כרכום בספריהם והציתום באש:

כא ת"ר מעשה ברבי יהושע בן חנניא שהלך לכרך גדול שברומי א"ל תינוק אחד יש בבית האסורים

פירוש

בעלמא ביה ריחן: איסטרי. סלעים: שהיו מגנין את הפז ביופיין. וכיום המכוערים לשון סולו לרוכב אלא הכולה: כתם אופיר מכוערים היו ביופי מן הפז: בליוני דגושפנקא. טבעות נאות שבחותמיהם כדי שם. עברה כנגדן: כמה מרחיקנא מסכולא דוכתא. שלא הגעתי ללמוד אותו פסוק: אינגד. מכה: פוסתא ופלגא. דף ומגי:

על

---

טייערע קינדער פון ציון המסלאים בפז. וואס מיינט מען המסלאים בפז. זאלין מיר זאגין מען מיינט זיי זענען געווען בערעכט מיט פז (טייערע גאלד) דבי רבי שילא האבען דאך געזאגט צוויי שטיקער פז אזו גרוים וויא צוויי טאלער האט אדאם גענידערט אויף דער וועלט. איין שטיק איז געבליבען אין רוים. אונ איין שטיק איז געבליבען אין דיא גאנצע וועלט. וויא אזוי האבען געקענט זיין דיא קינדער בערעכט מיט פז. נאר מען מיינט דיא קינדער פון ציון זענען געווען אזו שיין. אז זיי האבען פאר מיאוסט דעם פז. זייא זענען געווען שענער וויא פז. פריער איידער דער בית המקדש איז חרוב געווארין. פלעגין דיא גרויסע לייט פון רוים האלטען אין האנט פינגערלאך אונ אויף דיא פינגערלאך איז געווען שיינע צורות אונ דיא ווייבער פלעגין קוקען אויף די צורות ווען דיא מאנען פלעגין זייא בועל זיין. זייא זאלען האבען שיינע קינדער. נאך דעם חורבן פלעגין זייא ברייננען יודישע קינדער אונ פלעגין זייא צוא בינדען ביי דיא פיס פון בעט. אונ דיא ווייבער פלעגין קוקען אויף דיא קינדער ווען דיא מאנען פלעגין זייא בועל זיין. זייא זאלין האבען אזעלכע שיינע קינדער וויא דיא יודישע זענען. דיא תלמידים פון רבי שילא האבען געזאגט איינער צום אנדערין וואו שטייט דיא שטראף אין דיא תורה. האט דער אנדערער געענטפערט עס שטייט אין פסוק אלע קראנקייט אונ אלע מכות וואס עס שטייט נים אין דער תורה וועט זיי אויך גאט ברייננען אויף דיא יודין. נאר וייל דאס איז אמיאוסע זאך דריבער שטייט דאס נים אין דער תורה. האט דער חבר געזאגט וויא ווייט בין איך פון דעם פסוק. האט דער אנדערער געענטפערט אביסעל. אבלאט מיט אהאלבע בלאט: האט דער חבר געזאגט אז איך וואלט געהאלטען ביי דעם פסוק וואלט איך דיך נים געדארפט דוא זאלסט מיר זאגין. איך וואלט אויך געוואוסט אזו וויא דו. רב יהודה האט געזאגט פון שמואלס וועגין. אונ שמואל האט געזאגט פון רבן שמעון בן גמליאלס וועגין עס שטייט אין פסוק עיני עוללה לנפשי מכל בנות עירי. מיין אויג מאכט מיך פר מיאוסין פון וויינען מער פון אלע מיינע שטאט מענטשין. איך וויין מער וויא זייא אלע. וואָרום פיר הונדערט שולען זענען געווען אין די שטאט ביתר. אונ אין יעדער שוהל איז געווען פיר הונדערט מלמדים. אונ יעדער מלמד האט געלערנט מיט פיר הונדערט תלמידים. אונ אז אשונא איז אריין געקומען צו זייא אין שוהל האבען זייא אים צוא שטאכען מיט זייערע טייטלען. אונ אז דער פיינד האט זיך געשטארקט אונ האט זייא איין גענומען האט ער זייא איין געוויקעלט אין זייערע ספרים אונ האט זיי פר ברענט אין פייער. נאר איך בין געבליבען. אונ האב דאס אלץ געזעהן דריבער וויין איך מער וויא אלע:

כא תנו רבנן. דיא רבנן האבען געלערנט עס דאס אמאהל געטראפען רבי יהושע בן חנניא

האסורים יפה עינים וטוב רואי וקווצותיו סדורות לו תלתלים הלך ועמד על פתח בית האסורים אמר (ישעיה מב) מי נתן למשסה יעקב וישראל לבוזזים ענה אותו תינוק ואמר (שם) הלא ה׳ זו חטאנו לו ולא אבו בדרכיו הלוך ולא שמעו בתורתו אמר מובטחני בו שמורה הוראה בישראל העבודה שאיני זז מכאן עד שאפדנו בכל ממון שפוסקים עליו אמרו לא זז משם עד שפדאו בממון הרבה ולא היו ימים מועטים עד שהורה הוראה בישראל ומנו רבי ישמעאל בן אלישע. אמר רב יהודה אמר רב מעשה בבנו ובבתו של רבי ישמעאל בן אלישע שנשבו לשני אדונים לימים נזדווגו שניהם במקום אחד זה אמר יש לי עבד שאין כיפיו בכל העולם וזה אמר יש לי שפחה שאין בכל העולם כולו כיפית אמרו בוא ונשיאם זה לזה ונחלק בולדות הכניסם לחדר זה ישב בקרן זוית זה וזו ישבת בקרן זוית זה זה אומר אני כהן בן כהנים גדולים אשא שפחה וזאת אומרת אני כהנת בת כהנים גדולים אנשא לעבד ובכו כל הלילה כיון שעלה עמוד השחר הכירו זה את זה ונפלו זה על זה וגעו בבכיה עד שיצאה נשמתם ועליהן קונן ירמיה (איכה א)

על אלה אני בוכיה עיני יורדה מים:

כב א״ר שמעון בן לקיש מעשה באשה אחת וצפנת בת פניאל שמה צפנת שהכל צופים ביפיה

---

חנניא איז גיגאנגען אין אגרויסע שטאט אין רוים. האט מען אים גזאגט אקינד זיצט אין אסטראג. אונ ער האט שיינע אויגין. אונ ער איז שיין גיוואקסין. אונ מיט שיינע האר. איז רבי יהושע גיגאנגען אונ האט זיך גישטעלט ביי דיא טיר פון דעם אסטראג. אונ האט גזאגט דעם פסוק ווער האט גיגעבין יעקב זאל זיין גירויבט. אונ ישראל זאל זיין גירויבט. האט דער קינד גיענטפערט דאס האט גיטאהן גאט ווייל מיר האבען גזינדיגט צוא אים. אונ דיא יודין האבען ניט גיוואלט גיין אין דיא וועגין פון גאט. אונ זייא האבען ניט גיהערט זיין תורה. האט רבי יהושע גזאגט איך בין פאר זיכערט אויף דעם קינד אז ער וועט פסקנן שאלות ביי יודין. איך שווער איך זאל ניט אוועק גיין פון דאנען ביז איך וועל אים אויס לייזין פאר וויא פיל געלט מען וועט גאר וועלין פאר אים. מען האט גזאגט רבי יהושע איז טאקי ניט אוועק גיגאנגען פון דארט ביז ער האט אים אויס גילייזט פאר פיל געלט. אונ אין אקורצע צייט האט דער קינד גיפסקנט שאלות ביי יודין. דער קינד איז גיוועזן רבי ישמעאל בן אלישע. רב יהודה האט גזאגט פון רבס וועגין אזוהן אונ אטאכטער פון רבי ישמעאל בן אלישע זענען גיפאנגען גיווארין צוא צוויא גוים. אמאהל זענען דיא צוויי גוים צו זאמען גיקומען אויף איין ארט. דער גוי האט גזאגט איך האב אקנעכט וואס עס איז ניטא אין דער גאנצער וועלט אמענטש וואס זאל זיין אזוי שיין וויא ער איז. אונ דער אנדערער גוי האט גזאגט איך האב אדינסט וואס עס איז ניטא אין דער גאנצער וועלט אמענטש וואס זאל זיין אזוי שיין וויא זיא איז: האבען דיא ביידע גוים גזאגט מיר וועלין חתונה מאכען דעם קנעכט מיט דיא דינסט: אונ מיר וועלין אונז צו טיילין מיט דיא קינדער. האט מען גיבראכט דעם קנעכט מיט דיא דינסט אין אבאזונדער שטוב. דער קנעכט איז גיזעסין אין איין ווינקיל: אונ דיא דינסט איז גיזעסין אין אנדערין ווינקיל. דער קנעכט האט גזאגט איך בין אכהן דער זוהן פון אכהן גדול. וועל איך נעמען אדינסט: אונ זי האט גזאגט איך בין אטאכטער פון אכהן גדול. וועל איך נעמען אקנעכט: אונ זייא האבען ביידע גיוויינט אגאנצע נאכט. וויא דער מארגין שטערין איז אויף גיגאנגען. האבען זייא דער קענט איינער דעם אנדערין. אז זייא זענען שוועסטער אונ ברודער. זענען זייא גיפאלען איינער אויף דעם אנדערין. אונ זייא האבען געשריגען אונ גיוויינט ביז זייערע נשמות זענען ארויס גיגאנגען. אונ זענען גישטארבין. אויף זיי האט ירמיה הנביא גיקלאגט אויף די צוויי מענטשין וויין איך מיינע אויגין נידערין טרערין אזו וויא וואסער:

כב אמר. רבי שמעון בן לקיש האט גזאגט אאשה וואס האט גיהייסען צפנת בת פניאל.

צפנת

פי' כמה שמך תמכר . וסיק גנבתך : עלי ועליך : בפני ההלל בקך : שוליא דנגרי הוה . לא היה רבו לגמרי אלא רבו נאמנים בל נגרים : שוליא . כנדרי"ן : סולק נטום . כנג : קידם . בשמים :

ביפיה בת פניאל בתו של כ"ג ששימש לפני ולפנים שנתעלל בה שבאי כל הלילה למחר הלבישה שבעה חלוקים והוציאה למכרה בא אדם אחד שהיה מכוער ביותר א"ל הראני את יפיה א"ל ריקה אם אתה רוצה ליקח קח שאין כיפיה בכל העולם כולו א"ל אעפ"כ הפשיטה ששה חלוקין וז' קרעתו ותפלשה באפר אמרה לפניו רבש"ע אם עלינו לא חסת על קרושת שמך הגבור למה לא תחוס ועליה קונן ירמיה (ירמיה ו) בת עמי חגרי שק התפלשי באפר אבל יחיד עשי לך מספד תמרורים כי פתאום יבא השודד עלינו עליך לא נאמר אלא עלינו כביכול עלי ועליך [בא שודד] :

**כג אמר** רב יהודה א"ר ס"ד (מיכה ב) ועשקו גבר וביתו איש ונחלתו מעשה באדם אחד שנתן עיניו באשת רבו ושוליא דנגרי הוה פעם אחת הוצרך רבו ללות א"ל שגר אשתך אצלי ואלונה לך שיגר אשתו אצלו שהה עמה שלשה ימים קידם ובא אצלו אמר ליה אשתי ששגרתי לך היכן היא א"ל אני פטרתיה לאלתר ושמעתי שהתינוקות נתעללו בה בדרך אמר לו מה אעשה אמר לו אם אתה שומע לעצתי נרשה

---

צפנת האט מען איר גערופין ווייל אלע האבען גיקוקט אויף איר שיינקייט . בת פניאל . דיא טאכטער פון אבהן גד"ל וואס ער האט גיטאהן דיא עבודה אין קדשי קדשים : האט איר אנוי גיפאנגען אונ האט מיט איר מזנה גיוועזן אגאנצע נאכט צוא מארגין האט ער איר אן גיטאהן זיבען קליידער אונ האט איר געפירט אין גאס צום פאר קויפען . איז גיקומען אמענטש וואס איז גיוועזן זייער מיאוס . אונ האט גזאגט צום גוי וויז מיר איר שיינקייט . האט דער גוי גזאגט צא אים דוא נאר אויב דוא ווילסט איר קויפען קויף . אזו שיין וויא זיא איז . איז ניטא אין דער גאנצער וועלט . האט דער מיאוסער גזאגט פון דעסטוועגין וויל איך איר זעהן . האט דער גוי אראפ גיצויגען פון איר זעקס קליידער . אונ דיא זיבעטע קלייד האט זיא אליין צעריסען אונ זיא האט זיך גיווארפען אין אש . אונ זיא האט גזאגט פאר גאט רבונו של עולם אויב דוא האסט אויף אונז ניט רחמנות . פאר וואס זאלסטו ניט רחמנות האבען אויף דיין היילינגען נאמען דעם שטארקין . אונ אויף איר האט גיקלאגט ירמיהו הנביא מיין פאלק טוה אן אזאק וויקול דיך איין אין אש . מאך דיר אטרויער וויא אויף אבן יחיד וואס שטארבט . מאך דיר אביטערע קלאג . ווארום פלוצלונג וועט קומען ארויבער אויף אונז . עס שטייט ניט אויף דיר וועט קומן ארויבער , נאר עס שטייט אויף אונז וועט קומען ארויבער . כביכול אויף גאט אונ אויף דיא יודין וועט קומען דער רויבער :

**כג** אמר : רב יהודה האט גזאגט פון רבם וועגין עס שטייט אין פסוק זייא האבען גירויבט דעם מענטש מיט זיין שטוב ומיט זיין ווייב אונ דעם מענטש מיט זיין אר מעגין . אמענטש האט אמאהל געארבייט ביא אבעל הבית דער בעל הבית איז גיוועזן אסטאלער . איז אים גיפעלין דיא דיא ווייב פון זיין בעל הבית . אמאהל האט דער בעל הבית גידארפט בארגין געלט . האט דער ארבעטער גזאגט צום בעל הבית . שיק דיין ווייב צו מיר וועל איך איר בארגין . דער בעל הבית האט געשיקט דיא ווייב צום ארבעטער אונ דער ארבעטער האט איר פאר האלטען ביא זיך דריי טאג . אויף דעם פערטין טאג איז דער בעל הבית אויף גישטאנען גאנץ פריא אונ איז גיגאנגען צום ארבעטער אונ פרעגט ביי אים וואו איז מיין ווייב וואס איך האב צו דיר געשיקט ? האט דער ארבעטער גזאגט איך האב איר באלד אוועק געשיקט מיט געלט . נאר איך האב גיהערט אז יונגע מענטשין האבען מיט איר מזנה גיוועזן אין וועג . זאגט דער בעל הבית וואס זאל איך טאהן . האט דער ארבעטער גזאגט אויב דוא וועסט פאלגין מיין עצה גט איר ; האט דער בעל הבית גזאגט זיא האט אגרויסע כתובה . האט דער ארבעטער גזאגט איך וועל דיר

בי"נן

גרשה א"ל כתובתה מרובה א"ל אני אלוך ותן לה כתובתה עמד זה וגרשה הלך הוא ונשאה כיון שהגיע זמנו ולא היה לו לפורעו א"ל בוא ועשה עמי בחובך והיו הם יושבים ואוכלים ושותין והוא היה עומד ומשקה עליהם והיו דמעות נושרות מעיניו ונופלות בכוסיהם ועל אותה שעה נתחתם גזר דין ואמרי לה על שתי פתילות בנר אחד:

(דף נט) **כד אמר** רבה בריה דרבא ואיתימא רבי הלל בריה דרבי וולס מימות משה ועד רבי לא מצינו תורה וגדולה במקום אחד ולא והא הוה יהושע הוה אלעזר והא הוה אלעזר הוה פנחס והא הוה פנחס הוו זקנים והא הוה שאול הוה שמואל והא נח נפשיה כולהו שני קאמרי והא הוה דוד הוה עירא היאירי והא נת נפשיה כולהו שני קאמרינן והא הוה שלמה הוה שמעי בן גרא. והא קטליה כולהו שני קאמרינן

שתי פתילות בנר אחד. אשת איש: במקום אחד. שהא תורתם וגדולתם של ישראל במקום אחד שאין בישראל גדול בתורה ובעושר כמותו: והא הוה אלעזר. יחיד לאחר שנפטר יהושע: והא הוה פנחס. לאחר אלעזר תורה וגדולה שהיה כה"ג אחר אביו: הוו זקנים. שקבלו מיהושע והאריכו ימים אחריו כדכתיב אשר האריכו ימים אחרי יהושע: שאול. גדול בתורה היה אלא שלא למד לאחרים כדאמרינן בעירובין שאול לא גלי מסכתא להכי כתיב ביה בכל אשר יפנה ירשיע: והא נח נפשיה. דשמואל קודם שאול: כולהו שני. משעמד בגדולה הא תורה וגדולה במקום אחד וזה בתחלת גדולתו לא היה יחיד בתורה: עירא היאירי. גדול בתורה היה כדאמרינן במ"ק דהוה

---

פארגין געלט אונ גיב איר דיא כתובה. האט דער בעל הבית איר געגט. אונ דער ארבעטער הט מיט איר חתונה גיהאט. וויא עס איז גיקומען דיא צייט וואס דער בעל הבית האט גידארפט בצאהלין דעם חוב צום ארבעטער. אונ דער בעל הבית האט ניט גיהאט צו בצאהלין. הט דער ארבעטער גזאגט צום בעל הבית קום ארבעט ביי מיר פאר דעם חוב. דער ארבעטער מיט זיין ווייב זענען גיזעסין אונ האבען גיגעסין אונ גיטרונקען. אונ דער בעל הבית האט גימוזט שטיין אונ זייא בעדינען אונ דער לאנגען צום טרינקען. אונ דיא טרערין זענען גיפאלען פון זיינע אויגען אין זייער טרינקען. אויף דער צייט איז גיחתמת גיווארין דער גזר דין צו שרעבין אויף די יודין. אנדערע זאגין דער גזר דין איז גיחתמת גיווארין חייל עס זענען גיוועז צוויי קנייטלאך אין איין רער. איין ווייב הט גיהאט צוויי מאנען:

**כד** אמר. רבה דער זוהן פון רבא האט גיזאגט. אנדערע זאגין רבי הלל דער זוהן פון רבי וולס האט גזאגט פון משה רבינו ביז רבי געפינט מען ניט. עס זאל זיין בייא איין מענשין תורה אונ רייכקייט. עס זאל ניט זיין צווישען אלע יודין קיין גרעסערער פון איהם אין תורה אונ ניט אין רייכקייט. פרעגט דיא גמרא עס איז דאך גוועזן יהושע וואס בייא איהם איז גיוועזן תורה אונ רייכקייט. איז גיוועזן אלעזר וואס ביי איהם איז אויך גיוועזן תורה אונ רייכקייט. איז דאך יהושע ניט גוועזן איינער. פרעגט דיא גמרא דער נאך וויא יהושע איז גישטארבין איז דאך גיוועזן אלעזר איינער. איז אבער גיוועזן פינחס וואס ביי איהם איז אויך גיוועזן תורה אונ רייכקייט. פרעגט דיא גמרא דער נאך וויא אלעזר איז גישטארבין. איז דאך גיוועזן פינחס איינער. זענען אבער גיוועזן דיא זקנים בייא זייא איז אויך גיוועזן תורה אונ רייכקייט. פרעגט דיא גמרא בייא שאול המלך איז דאך גיוועזן תורה אונ רייכקייט צוא זאמען. איז דאך גיוועזן שמואל הנביא. בייא איהם איז אויך גוועזן תורה אונ רייכקייט. פרעגט דיא גמרא שמואל איז דאך גשטארבין פאר שאול. איז דאך שאול געבליבען איינער. ענפערט דיא גמרא מען מיינט ער זאל זיין איינער מיט תורה אונ רייכקייט זיין גאנץ לעבין. אונ שאול איז דאך גוועזן איינער נאר זיינע לעצטע יאהרין. פרעגט דיא גמרא ביי דוד המלך איז דאך גוועזן תורה אונ רייכקייט צו זאמען. ענפערט דיא גמרא איז דאך גיוועזן עירא היאירי. בייא איהם איז אויך גוועזן תורה אונ רייכקייט. פרעגט דיא גמרא עירא היאירי איז דאך גשטארבין. איז דאך געבליבען דוד אליין. ענפערט דיא גמרא מען מיינט ער זאל זיין איינער מיט תורה אונ רייכקייט זיין גאנץ לעבין. אונ דוד איז דאך גוועזן איינער נאר זיינע לעצטע יאהרין. פרעגט דיא גמרא ביי שלמה המלך איז דאך גוועזן תורה אונ רייכקייט צו זאמען. ענפערט דיא גמרא איז דאך גוועזן שמעי בן גרא.

ביי

מתני' לגו לרבנן על גבי כרים וכסתות: חזקיה. מלך יהודה גדול בתורה היה כדאמרינן בחלק: שבנא. גדול בתורה היה כדאמרינן בסנהדרין שבנא הוה דריש בתליסר רבוותא חזקיה בחד סרי רבוותא: הא איקטיל. סנחריב הרגו כדאמרי' (בפ' חלק): ויאמר לאשר על המלתחה. ביהוא כתיב: דבר המלול ונמתח. בגדי פשתן הם שהוטן נמתח ע"י מלילה במולל באצבעותיו כשהוא טוה: כהן קורא ראשון וכו'. כי היכי דלא ליתו לאינצויי הקינו להו רבנן הא סידרא דכיון דתקינהא רבנן היא לא מצינו לבטויי ולמימר אנא קריגא ברישא: ויתנה. שיקראו גם כהנים וכולן בני לוי: וקדשתו. כי את להם וגו': לפתוח ראשון. לכל דבר כבוד בין בתורה בין בישיבה הוא

קאמרינן. והא הוה חזקיה הוה שבנא. הא איקטיל כולהו שני קאמרינן. והא הוה עזרא הוה נחמיה בן חכליה א"ר אחא בריה דרבא אף אני אומר מימות רבי ועד רב אשי לא מצינו תורה וגדולה במ"א ולא והא הוה הונא בר נתן שאני הונא בר נתן דמיכף הוה כייף ליה לרב אשי:

(ע"כ י) כה ויאמר לאשר על המלתחה וגו' מאי מלתחה א"ר אבא בר יעקב [אמר ר' יוחנן] דבר הנמלל ונמתח:

כו משנה אלו דברים אמרו מפני דרכי שלום כהן קורא ראשון ואחריו לוי ואחריו ישראל מפני דרכי שלום: גמ' (ע"ג) מה"מ אמר רב מתנה דאמר קרא (דברים לא) ויכתוב משה את התורה הזאת ויתנה אל הכהנים בני לוי אטו אנן לא ידעינן דכהנים בני לוי נינהו אלא כהן ברישא והדר לוי. ועוד האריכו בראיות מפסוקים:

כז תנא דבי ר' ישמעאל (ויקרא כא) וקדשתו לכל דבר שבקדושה לפתוח ראשון ולברך ראשון וליטול

---

ביא איהם איז אויך גוועז תורה אונ רייכקייט. פרעגט דיא גמרא שלמה האט דאך געהרגעט דעם שמעי בן גרא. ענטפערט דיא גמרא מען מיינט ער זאל זיין איינער מיט תורה אונ רייכקייט זיין גאנץ לעבין. אונ ביז שלמה האט נהרג'ת דעם שמעי איז ער דאך ניט גוועזן איינער. פרעגט דיא גמרא ביי חזקיה המלך איז דאך גוועזן תורה אונ רייכקייט צו זאמען. ענטפערט די גמרא איז דאך גוועזן שבנא. ביי איהם איז אויך גוועזן תורה אונ רייכקייט. פרעגט דיא גמרא מען האט דאך נהרג'ת דעם שבנא. ענטפערט דיא גמרא מען מיינט ער זאל זיין איינער מיט תורה אונ רייכקייט זיין גאנץ לעבין. אונ ביז מען האט נהרג'ת דעם שבנא איז דאך חזקיה ניט גוועזן איינער. פרעגט דיא גמרא ביא עזרא הסופר איז דאך גוועזן תורה אונ רייכקייט צו זאמען. ענטפערט דיא גמרא עזרא איז ניט גוועזן איינער. וואררום עס איז געוועזן נחמיה בן חכליה ביא אים איז אויך געוועזן תורה אונ רייכקייט צו זאמען. רב אחא בריה דרבא זאגט איך וועל אויך זאגין פון רבי ביז רב אשי געפינט מען ניט תורה מיט רייכקייט ביי איינעם. פרעגט דיא גמרא ביי הונא בר נתן איז דאך גוועזן תורה מיט רייכקייט צו זאמען. ענטפערט דיא גמרא הונא בר נתן איז גוועזן אונטערטעניג אונטער רב אשי:

כה ויאמר. אין פסוק שטייט יהוא האט גזאגט צו דעם וואס האט צו שאפין איבער די מלתחה. וואס איז מלתחה. האט רבי אבא בר יעקב גזאגט פון רבי יוחנן וועגין דאס מיינט מען פלאקסענע קליידער. ווען מען שפינט די פאדים רייבט מען דעם פאדים צווישען די פינגער אז מען ציהט איהם אויס ער זאל זיין לאנג ומלתחה איז צוויא ווערטער. מל. רייבין תחה. ציהען

כו משנה. אלו. דיא זאכין האבין דיא חכמים גזאגט פון וועגין עס זאל זיין שלו"ם. ווען מען לייענט אין דיא ספר תורה. דעם ערשטין זאל מען אויף רופין א כהן. דעם אנדערין א לוי. דעם דריטען א ישראל. מען זאל ניט קריגען אין שוהל ווער וועט זאגין מען זאל מיך אויף רופין דעם ערשטין. זאגט דיא גמרא פון וואנען ווייסין מיר אז אזוי דארף מען לייענען: האט רב מתנה גזאגט עס שטייט אין פסוק משה האט געשריבען די תורה אונ האט זיא גיגעבין צו דיא כהנים די קינדער פון לוי. ווייסין מיר דען ניט אז דיא כהנים זענין דיא קינדער פון לוי. נאר משה האט גיגעבין דיא תורה פריער זאל אין איהר לייענען דער כהן אונ נאך דער לוי:

כז תנא. דבי רבי ישמעאל האט גילערנט עס שטייט אין פסוק וקדשתו דוא זאלסט היילינען

ולימול מנת יפה ראשון א"ל אביי לרב יוסף מפני דרכי שלום דאורייתא היא א"ל דאורייתא ומפני דרכי שלום כל התורה כולה נמי מפני דרכי שלום היא דכתיב (משלי ג) דרכיה דרכי נועם וכל נתיבותיה שלום אלא אמר אביי לכדמר דתניא ב' ממתינין זה לזה בקערה שלשה אין ממתינין הבוצע הוא פושט ידו תחלה וכו':

(דף ס) כת רבי יוחנן ור"ל מעייני בספרי דאגדתא בשבתא [והא לא ניתן ליכתב אלא כיון דלא אפשר (תהלים קיט) עת לעשות לה' הפרו תורתך וכו'. אין כותבין איתיביה אף היא עשתה טבלא של זהב שפרשת סוטה כתובה עליה אר"ל משום ר' ינאי באל"ף בי"ת] א"ר יוחנן משום רבי בנאה התורה מגלה מגלה ניתנה שנאמר (שם מ) אז אמרתי

ידבר ברחש: ולכהן ראשון. בסעודה: וליטול מנה יפה ראשון: אם בא לחלוק עם ישראל בכל דבר לאחר שיחלקו בשוה אומר לו ברור וטול איזה מה שתרצה: א"ל דאורייתא הוא. ותורה אמרה כן משום דרכי שלום: אלא אמר אביי. דרכי שלום דקתני מתני': לכדמר. [אתא] רבה בר מתנא שהיה רבו: אין ממתינין. אין צריכין להמתין: הבוצע. כגון בעל הבית שהוא מברך המוציא ואפי' הוא קטן: הוא פושט ידו. בקערה תחלה ללפת בו את פרוסת המוציא:

[והא לא ניתן ליכתב. שום דבר גמרא והלכה ואגדה כדאמרינן לקמן אלה אתה כותב וכו':
כיון דלא אפשר. מלכתוב שנתמעט הלב והתורה משתכחת: עת לעשות לה'. אם בא עת לעשות תקנה לשם שמים הפרו דברי תורה לשמה שצריכה: אף היא. הילני המלכה במס' יומא: פרשת סוטה. לכתוב משם פרשיות לסוטות הבאות: באל"ף בי"ת. כלומר ראשי תיבות]: אז אמרתי. כך אמר דוד אז אמרתי כשערבו עלי שאול ודואג לפוסלני מלבוא בקהל והועד בבהמ"ד עמוני ולא עמונית כדאמרי' ביבמות: הנה באתי. עכשיו באתי לבלל:

הֵיילִיגְען דֶעם כֹּהֵן · צוּ יֶעדֶער זַאךְ וָואס עֶס אִיז נָאר אַכָּבוֹד : זָאל זַיין דֶער כֹּהֵן דֶער עֶרְשְׁטֶער · אַז עֶס זִיצְען אַפַּארזַאמְלוּנְג מֶענְטְשִׁין : זָאל דֶער כֹּהֵן זַיין דֶער עֶרְשְׁטֶער צוּם רֵיידֶען · בַּייא אַסְעוּדָה זָאל דֶער כֹּהֵן בֶּענְטְשִׁין אוֹיף דֶעם כּוֹס · אוֹיבּ אַכֹּהֵן מִיט אַלֵוִי אָדֶער מִיט אַיִשְׂרָאֵל הָאבֶּען שׁוּתָּפוּת אַזַאךְ · זָאל מֶען דִיא זַאךְ צוּ טֵיילֶען גְלַייךְ : אוּנ דֶער יִשְׂרָאֵל אָדֶער דֶער לֵוִי זָאגְט צוּם כֹּהֵן נֶעם דוּא צוּא עֶרְשְׁט וֶועלְכִין חֵלֶק דוּא ווִילְסְט : הָאט אַבַּיֵי גְזָאגְט צוּ רַב יוֹסֵף פַר וָואס זָאגְט דִיא מִשְׁנָה אַז פוּן שָׁלוֹם וֶועגִין אִיז דֶער כֹּהֵן דֶער עֶרְשְׁטֶער · דִיא תּוֹרָה זָאגְט דָאךְ אַז דֶער כֹּהֵן זָאל זַיין דֶער עֶרְשְׁטֶער צוּא יֶעדֶער זַאךְ · אַזוֹ וִויא דְבֵי רַבִּי יִשְׁמָעֵאל הָאט גִילֶערְנְט פוּן וְקִדַּשְׁתּוֹ. הָט רַב יוֹסֵף גְזָאגְט דִיא תּוֹרָה הָאט טַאקִי גְזָאגְט דֶער כֹּהֵן זָאל זַיין דֶער עֶרְשְׁטֶער ; נָאר פַאר וָואס הָאט דָאס דִיא תּוֹרָה גְזָאגְט ; עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם · הָאט אַבַּיֵי גְזָאגְט אַלֶע מִצְוֹת פוּן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה אִיז דָאךְ נָאר פוּן שָׁלוֹם וֶועגִין · אַזוֹ וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק דִיא וֶועגִין פוּן דִיא תּוֹרָה וֶועגֶען זִים : אוּנ אִירֶע אַלֶע וֶועגִין בְּרֵיינְגֶען שָׁלוֹם · הָאט אַבַּיֵי גְזָאגְט דִיא מִשְׁנָה מֵיינְט אַזוֹ וִויא רַבָּה הָט גְזָאגְט · וָוארוּם מִיר הָאבֶּען גִילֶערְנְט אַז צְוֵויי עֶסִין פוּן אֵיין שִׁיסְל · זָאל וַוארְטֶען אֵיינֶער אוֹיף דֶעם אַנְדֶערִין · אַז דְרַייא עֶסִין פוּן אֵיין שִׁיסְל · דַארְפִין זַיי נִיט וַוארְטֶען אֵיינֶער אוֹיף דֶעם אַנְדֶערִין · דֶער וָואס הָט גִימַאכְט הַמּוֹצִיא זָאל עֶר פְרִיעֶר אָן הֵייבֶּען עֶסִין פוּן דִיא שִׁיסֵל · דֶער נָאךְ זָאגְט דִיא גְמָרָא וַוייטֶער אַזוֹ מֵיינְט דִיא מִשְׁנָה וָואס דֶער כֹּהֵן לֵייעֶנְט צוּ עֶרְשְׁט דָאס הָאט דִיא תּוֹרָה גִיהֵייסֶען פוּן וְקִדַּשְׁתּוֹ · אוּנ וָואס עֶס שְׁטֵייט מִפְּנֵי דַרְכֵי שָׁלוֹם מֵיינְט מֶען דֶער כֹּהֵן טָאר נִיט מְכַבֵּד זַיין אַיין אַנְדֶערִין · פוּן שָׁלוֹם וֶועגִין · וָוארוּם מֶען וֶועט זִיךְ קְרִיגֶען · יֶעדֶער וֶועט וֶועלִין דֶער כֹּהֵן זָאל אִים מְכַבֵּד זַיין :

כת רַבִּי יוֹחָנָן אוּנ רֵישׁ לָקִישׁ הָאבֶּען גִילֶערְנְט שַׁבָּת אִין דֶעם סֵפֶר אַגָדְתָּא · פְרֶעגְט דִיא גְמָרָא מֶען טָאר דָאךְ נִיט שְׁרַייבֶּען קֵיין גְמָרָא אוּנ קֵיין אַגָדְתָּא · נָאר וַוייל מֶען קֶען נִיט גִידֵיינְקִין אוֹיס וֵוייניג · וֶועט דִיא תּוֹרָה פַאר גֶעסִין וֶוערִין · דְרִיבֶּער מֶעג מֶען שְׁרַייבֶּען · אַזוֹ וִויא עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אַז עֶס קוּמְט אַצַייט וָואס מֶען דַארְף טָאהְן פוּן גָאטְס וֶועגִין מֶעג מֶען שְׁטֶערִין אַדִין פוּן דֶער תּוֹרָה · פְרֶעגְט דִי גְמָרָא מֶען טָאר נִיט שְׁרַייבֶּען · מִיר הָאבֶּען דָאךְ גִילֶערְנְט הִילָנִי הַמַּלְכָּה הָאט גִימַאכְט אַגָאלְדֶענֶע בְּלֶעךְ וָואס אוֹיף אִיר אִיז גִיוֶועןְ גֶעשְׁרִיבֶּען דִיא פַּרְשָׁה פוּן דֶער סוֹטָה · הָאט רֵישׁ לָקִישׁ גְזָאגְט פוּן רַבִּי יַנָאִים וֶועגִין עֶס אִיז גִיוֶועןְ גֶעשְׁרִיבֶּען מִיט אוֹתִיּוֹת · יֶעדֶער אוֹת אִיז גִיוֶועןְ אַאָנְהֵייבּ וָוארְט · אוּנ מֶען הָאט פוּן דֶעם אוֹת גִילֵייעֶנְט אַגַאנְצֶען וָוארְט · רַבִּי יוֹחָנָן הָט גְזָאגְט פוּן רַבִּי בְּנָאָה וֶועגִין דִיא תּוֹרָה אִיז גִיגֶעבִּין גִיוָוארִין בִּיסְלַאכְוַוייז · מֶען הָאט אָפּ

געשריבען

אמרתי הנה באתי במגלת ספר כתוב עלי. רשב"ל אומר תורה חתומה ניתנה שנאמר (דברים לא) לקוח את ספר התורה הזה ואידך נמי הכתיב לקוח ההוא לבתר דאדבק ואידך נמי הכתיב במגלת ספר כתוב עלי ההוא דכל התורה כולה אקרי מגלה דכתיב (זכריה ה) ויאמר אלי מה אתה רואה ואומר אני רואה מגלה עפה אי נמי לכדרבי לוי דאר"ל ח' פרשיות נאמרו ביום שהוקם בו המשכן אלו הן. פרשת כהנים. ופרשת לוים. ופרשת טמאים. ופרשת שלוח טמאים.

ופרשת

כתוב עלי. מאז ניתן התורה שנזכרתי בה ואת שתי בנותיך הנמצאות בזכות דוד שעתיד לצאת מרות המואביה ונעמה העמונית אמו של רחבעם כתיב בספר במגלות וכתיב התם מצאתי דוד עבדי אלמא מגלה איקרי משום דמתחלה נכתבה מגלת בראשית והדר מגלת נח והדר מגלת אברהם והיינו דקאמר במגלת אברהם כתוב עלי: חתומה. גמורה מסויימת ושלמה: א"נ לכדר' לוי. איקרי מגילה לפי שמונה פרשיות שהוצרכו ליום נאמרו ונכתבו ונמכרו בו ביום ונכתבה כל אחת במגלה לבדה לפי שמובדלות ורחוקות זו מזו הלכך קרי לכולה נמי מגילה משום דכשחזר והשלימה הוצרך לכתוב מבראשית עד פרשת כהנים לבד ודילג פרשת כהנים שכתובה כבר וכתב מפרשת כהנים עד פרשת שילוח טמאים וכן כולם: פרשת כהנים. אמור אל הכהנים שהלכות כהנים כתובות בה לא יטמא לא יקח מום בו לא יגש ומפני שבו ביום הוזקקו לעבודה הוצרכו קדושתם להודיעם: פרשת לוים. קח את הלוים דבהעלותך שבה הלכות לוים וי"א ואל הלוים תדבר ואינו כן כי מה ענינם אצל הקמת המשכן דמעשר ראשון לא נהג עד סוף כ"ד שנה ועוד פרשת מעשר איקרי: פרשת לוים. הוצרכו לנו ביום שנזקקו לשיר: פרשת טמאים. ויהי אנשים אשר היו טמאים לנפש אדם משום הלכות הפסח והמשכן הוקם באחד בניסן והוזהרו להם פרשת שלוח טמאים ויצלחו מן המחנה שבו ביום הוקבע ג' מחנות מחנה שכינה מחנה לויה ומחנה ישראל והוזקקו להבדלה ומתוך כך הוזקקו טמאים ליצלח הוציאו וצריכין בטה ולא יוכלו ליכנס למשכן כיון יעשו פסחיהם וגו' לפי יכולים היו ליטהר עד ט"ו ולא הוזקקו לפסח שני אלא אם כן לא יטהרו: ופרשת שלוח טמאים. וישלחו מן המחנה שבאותו היום הוקבעו המחנות ובמגלגלין הפרשה בכל כלוך

גשריבן די סדרה בראשית אונ מען האט איר געגעבן צוא די יודין . דער נאך די סדרה נח · דער נאך די סדרה לך : אונ אזוי ווייטער ביז די גאנצע תורה . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דוד המלך האט גזאגט בייא דער צייט ווען מען האט גזאגט אויף מיר אז איך טאר ניט קומען צווישען יודין . ווייל איך בין גיבארין פון מואב . האב איך דאמאלס גזאגט איך בין גיקומען מיט אמגלה ומיט אסדרה פון תומ״ש . מיט די סדרה לך · וואס דארט איז געשריבן אויף מיר . ווארום עס שטייט אין פסוק ואת שתי בנותיך הנמצאות . דיינע צווייא טעכטער וואס זענין גיפונען : אונ בייא דוד שטייט מצאתי דוד עבדי . איך האב גיפונען מיין קנעכט דוד . ווא האב איך אים גיפונען אין סדום בייא די טעכטער פון לוט . אונ ווייל דאס איז גיוועזן פון גאט אז איך זאל גיבארין ווערין פון מואב . געווים מעג איך קומען צווישען יודין . אונ ווייל דוד האט גיבריינגט נאר איין סדרה איז דאך די תורה גוועזן יעדער סדרה באזונדער . רבי שמעון בן לקיש זאגט די תורה איז אפ געשריבן גיווארין אין גאנצין . דער נאך איז זיא גיגעבין גיווארין צו די יודין . ווארום עס שטייט אין פסוק מען זאל נעמען די ספר תורה מיינט מען אגאנצע ספר תורה : פרעגט די גמרא אויף רבי ינאה עס שטייט דאך מען זאל נעמען די ספר תורה . ענטפערט די גמרא דער פסוק שמועסט דער נאך וויא מען האט צוא זאמען גינייט אלע סדרות אונ עס איז גיווארין אגאנצע ספר תורה . איז דאך אקשיא אויף רבי שמעון בן לקיש וואס דוד האט גזאגט במגלת ספר . ענטפערט די גמרא די גאנצע תורה ווערט אויך גירופין מגלה . אזוי וויא עס שטייט אין פסוק זכריה הנביא האט גזאגט דער מלאך האט גזאגט צו מיר וואס זעהסטו . האב איך גזאגט איך זעה המגלה צו זאמען גילייגט . אונ דאס מיינט מען די תורה . אדער מען מיינט אזוי וויא רבי לוי האט גזאגט דעם טאג וואס דער משכן איז אויף גישטעלט גיווארין . זענען גזאגט גיווארין אכט פרשיות פון די תורה . אונ ווייל די פרשיות זענען וויט איינע פון די אנדערע . האט מען געשריבען יעדער פרשה אויף אבזונדער פארמעט : דריבער ווערט גירופען יעדער פרשה מגלה . אונ אז מען האט דער נאך דער שריבן די איבעריגע תורה . האט מען דאך אויך גימוזט שרייבען שטיקער ווייז . ווארום די אכט פרשיות האט מען דאך שוין נאך אמאהל ניט געשריבען . איז אויס גיקומען אז די גאנצע תורה איז געשריבען גיווארין בזונדערע שטיקער . דריבער ווערט די גאנצע תורה גירופען מגלה . אפילו דער נאך וויא זיא איז שוין בהעפט גיווארין . דאס זענען די אכט פרשיות . די פרשת כהנים (דאס איז אמר אל הכהנים) . די פרשת לוים (דאס איז קח את הלוים וואס שטייט אין די סדרה בהעלותך) . די פרשת טמאים (דאס איז ויהי אנשים

אשר

ופרשת אחרי מות . (ע"ב) ופרשת שתויי יין . ופרשת נרות . ופרשת פרה אדומה . אמר ר' אלעזר תורה רובה בכתב ומעוטה על פה שנאמר (הושע ח) אכתב לו רובי תורתי כמו זר נחשבו ור' יוחנן אמר רובה על פה ומעוטה בכתב שנאמר (שמות לד) כי על פי הדברים האלה ואידך נמי הכתיב אכתב לו רובי תורתי ההוא אתמוהי קא מתמה אכתב לו רובי תורתי והלא כמו זר נחשבו ואידך נמי הכתיב כי ע"פ הדברים האלה ההיא משום דתקיפו למיגמרינה . דרש רבי יהודה בר נחמני מתורגמני' דרשב"ל כתיב כתב לך את הדברים האלה וכתיב כי על פי הדברים האלה הא כיצד דברים שבכתב אי אתה רשאי לאמרם על פה ודברים שבע"פ אי אתה רשאי לאמרם בכתב [דבי] ר' ישמעאל תנא אלה אתה כותב ואי אתה כותב הלכות .

אמר

מפעות הותרו זבין ומצורעים ליכנס לשם : ופרשת אחרי מות . אע"פ שהיא של יה"כ בו ביום נאמרה כדכתיב אחרי מות ומפני שמתו בני אהרן בשביל ביאה שלא לצורך נאמרה אותה אזהרה לאהרן ואל יבא בכל עת אל הקדש : ופרשת שתויי יין . לפי שמאותו היום ואילך נאסרו דהא בביאת אהל מועד קאי רחמנא . ופרשת נרות . בהעלותך לפי שבו ביום התחילו להדליק : ופרשת פרה אדומה . לפי שביום שמחרת נשרפה הפרה להיות מטהרים לפסחיהם וקודם לכן לא יכלו לעשותה דבעינן והזה אל נכח פני אהל מועד דהכי אמרינן במסכת מגלה ירושלמית באחד בניסן הוקם המשכן ובשני בו נשרפה הפרה : רובה בכתב . רוב התורה תלוי במדרש הכתוב ללמדה בכלל ופרט וגזרה שוה ושאר מדות שהתורה נדרשת בהם : ומיעוטה על פה . שאין רמז ללמוד לה בתורה אלא למשה נאמרה על פה : כי על פי וגו' . על שבעל פה נכרת ברית אלמא איהי הואי רובה : אתמוהי קמתמה . וכי רובי תורתי היה לי לכתוב להם והלא באותם שכתבתי להם כמו זר נחשבו : כתיב כתב לך את הדברים האלה . אלמא נכתבה : וכתיב על פי הדברים האלה . אלמא לא נכתבה : דברים . שאמרתי לך בכתב אי אתה רשאי למוסרם לישראל ע"פ : ודברים שבע"פ אי אתה רשאי

---

אשר היו טמאים לנפש אדם וואס שטייט אין דיא סדרה בהעלותך . דיא פרשת שלוח טמאים (דאס איז וישלחו מן המחנה וואס שטייט אין דיא סדרה נשא) . אונ די סדרה אחרי מות (איז נאך יום כפור) . אונ דיא פרשה אכהן זאל ניט טרינקען וויין וואס שטייט אין די סדרה שמיני . אונ דיא פרשה פון דיא מנורה אן צינדען . דאס איז בהעלותך את הנרות . אונ דיא פרשה פרה אדומה . רבי אלעזר זאגט דיא תורה איז דאס מערסטע טייל געגעבין געווארין געשריבען . אפילו דיא זאכען וואס זענען ניט ארויס געשריבען געווארין . ווערין זייא אפ געלערנט פון דיא געשריבענע . פון אקל וחומר . פון אגזרה שוה . אונ פון דיא איבעריגע דרייצעהן מדות וואס דיא תורה ווערט גידרשת . אונ אביסעל איז געלערנט געווארין אויסווייניג . וואס גאט האט גזאגט צוא משה רבינו אויף דעם בארג סיני אויסווייניג . אזו וויא עס שטייט אין פסוק איך וועל שרייבען צוא אים דאס מערסטע פון מיין תורה . עס איז ביי אים ווי פרעמד . וועהן מיר אז דאס מערסטע תורה איז געשריבען . אונ רבי יוחנן זאגט דאס מערסטע תורה איז גזאגט געווארין צוא משה אויף דעם בארג סיני אויס ווייניג . אונ אביסעל איז געשריבען . אזו וויא עס שטייט אין פסוק כי על פי הדברים האלה . איך האב מיט דיר כורת ברית געווען אויף דיא רייד וואס זענען גזאגט געווארין אויס ווייניג . איז דאך אקשיא אויף רבי יוחנן עס שטייט דאך אין פסוק איך וועל אים שרייבען דאס מערסטע תורה . נאר מען קען זאגן דער פסוק וואונדערט זיך . האב איך דען גידארפט שרייבען דאס מערסטע תורה . אז דאס ביסעל וואס איך האב געשריבען איז אויך ביי אים אזוי וויא פרעמד . איז דאך אקשיא אויף רבי אלעזר עס שטייט דאך אין פסוק כי על פי הדברים האלה . דאס מיינט מען דיא מצות וואס זענען שווער אפ צוא לערנען פון פסוק האט מען געלערנט מיט משה אויס ווייניג . רבי יהודה בר נחמני דער מתורגמן פון רבי שמעון בן לקיש האט גידרשת עס שטייט אין פסוק כתב לך את הדברים האלה . דוא זאלסט שרייבען דיא רייד . איז דיא תורה געשריבען . אונ עס שטייט כי על פי הדברים האלה . דורך דיא רייד וואס איז גזאגט געווארין אויס ווייניג . נאר אזוי האט גאט גזאגט צוא משה . דיא זאכען וואס איך האב דיר געשריבען טארסטו ניט זאגין צו דיא יודין אויס ווייניג . אונ דיא זאכען וואס איך האב דיר גזאגט אויס ווייניג . טארסטו זייא ניט געבין צוא דיא יודין געשריבען . דבי רבי ישמעאל האט געלערנט עס שטייט אין פסוק כתב לך את הדברים האלה . דוא זאלסט דיר שרייבען דיא רייד . דיא רייד פון דער תורה מעגסטו

דיר

אמר רבי יוחנן לא כרת הקב"ה ברית עם ישראל אלא בשביל דברים שבע"פ שנא' כי על פי הדברים האלה כרתי אתך ברית ואת ישראל:

**כט פיסקא** מערבין בבית ישן מפני דרכי שלום מ"ט אילימא משום כבוד והא האי שיפורא דהוה מעיקרא בי רב יהודה ולבסוף בי רבה ולבסוף בי רב יוסף ולבסוף בי אביי ולבסוף בי רבא אלא משום חשדא:

(דף ס:) **ל פיסקא** עני המנקף בראש הזית מה שתחתיו גזל מפני דרכי שלום] תנא אם ליקט ונתן ביד ה"ז גזל גמור. רב כהנא הוה קאזיל להוצל חזייה לההוא גברא דהוה שדי אופיי ונתרן

## פירוש

רשאי לכותבן. מכאן אתה למד שהתלמוד לא ניתן ליכתב אלא מפני שהתורה משתכחת: מערבין בבית ישן. בני חצר שרגילין ליתן עירוב החצר בבית אחד אין משנין את מקומם ליתנו בבית אחר מפני דרכי שלום: אילימא משום כבוד. של בעל בית: והא האי שיפורא. של הקעת ע"ש דמעיקרא הוי. בי רב יהודה. שהיה ראש ישיבה בפומבדיתא: ולבסוף. כשנפטר ומלך רבה נתנוהו בביתו וכשמת רבה מלך רב יוסף וכשמת מלך אביי והדר מלך רבא ורב שרירא גאון פי' בכתב תשובתו שיפורא שופר של נדבה שהיו נותנין לתוכו נדבה כשלוחה לבני הישיבה כמו י"ג שופרות היו במקדש: משום חשדא. שהוא רגיל העירוב בתוך ביתו כבית אם באת לשנות את מקומו הנכנסין לאותו בבית ולא יראו שם את העירוב יחשדו את בני החצר שמטלטלין בלא עירוב: [המנקף. חובט]: אם ליקט ונתן. ע"ג קרקע ביד העני ומטי לידיה גזל גמור הוא: אופיי.

---

דיר שרייבען: אבער דינים דאס איז גמרא טארטשו ניט שרייבען: רבי יוחנן זאגט גאט האט נאר כורת ברית גיווען מיט דיא יודין. וועגין דיא דינים וואס זעגען גזאגט גיווארין אויסוויניג. אזו וויא עס שטייט אין פסוק כי על פי הדברים האלה. וועגין דיא רייד וואס זענען גזאגט גווארין אויס וויניג. האב איך כורת ברית גיוועזן מיט דיר אונ מיט די יודין:

**כט** פיסקא. מערבין. אהויף וואס מען מאכט; זעגע פרייטאג ערובי חצרות; מען נעמט צו זאמען פון יעדער בעל הבית אשטיקעל ברויט אונ מען לייגט אריין אין איין שטוב; אז מען איז שוין גיוואונט פון אלאנגע צייט צוא האלטען דעם עירוב ביא איין בעל הבית. טאר מען ניט לייגין דעם עירוב ביא איין אנדער בעל הבית. עס זאל ניט זיין קיין קריג. נאר עס זאל זיין שלום; זאגט דיא גמרא וואס מיינט מען וועגין שלום. מיר זאלין זאגין וועגין כבוד. ווייל עס איז ניט שיין פאר דעם בעל הבית וואס מען נעמט צו פון אים דעם עירוב. דריבער וועט ער זיך קומען קריגען. מיר האבען דאך גילערונט דר קאסטן וואס אין אים איז גילעגין די געלט פון נדבות וואס מען פלעגט געבין אויף דר ישיבה. איז ער פריער גישטאנען ביי רב יהודה. אז רב יהודה איז געשטארבין איז ער געשטאנען ביא רבה. אז רבה איז געשטארבען איז ער געשטאנען ביא רב יוסף; אז רב יוסף איז געשטארבען איז ער געשטאנען ביי אביי; אז אביי איז געשטארבען איז ער געשטאנען ביא רבא. אונ מען האט ניט געקוקט אויף דעם כבוד פון דיא פריערדיגע. נאר מען מיינט וועגין חשד. ווייל מען איז גיוועזן גיוואונט אז ביי דעם בעל הבית אין שטוב ליגט דער עירוב; אז מען וועט לייגען דעם עירוב אין איין אנדער שטוב. דיא מענטשין וואס וועלין אריין קומען צום ערשטין בעל הבית אונ זייא וועלין ניט געפינען דעם עירוב. אונ זייא וועלין ניט וויסען אז דער עירוב ליגט אין איין אנדער שטוב. וועלין זייא חושד זיין אז דיא מענטשין פון הויף האבען ניט געמאכט קיין ערובי חצרות; קען מען קומען צו אקריג:

**ל** פיסקא; עני. אז אארעם מאן שטייט אויף דעם שפיץ אייל בערבוים אונ האקט אראפ דיא איילבירטען. אונ זייא פאלען אראפ אויף דיא ערד. אז איינער נעמט צו די איילבירטען פון דער ערד; איז ער אגזלן. אזו האבען דיא רבנן גזאגט. מען זאל ניט קומען קריגען איינער מיט דעם אנדערין. מיר האבען גילערונט אויב דער ארעם מאן האט גינומען דיא איילבירטען פון בוים אונ האט זייא גילייגט מיט דיא הענט אויף דיא ערד. אז איינער נעמט זייא צוא פון דיא ערד. איז ער אאמתר גזלן. רב כהנא איז אמאהל גיגאנגען צוא דיא שטאט הוצל. האט ער גיזעהן וויא אמענטש ווארפט שטעקקאך אויף אטייטעל בוים אונ דיא טייטלען פאלען אראפ פון בוים. איז גיגאנגען רב כהנא אונ האט צו זאמען געקליבען דיא אראפ גיפאלענע טייטלען

אונ

נתרן תמרי אזיל קבנקיט ואכיל א"ל חזי מר דבידאי שדיתינהו א"ל מאתריה דרבי יאשיה את קרי עליה (משלי י) וצדיק יסוד עולם:

**לא ת"ר** מפרנסים עניי נכרים עם עניי ישראל ומבקרים חולי נכרים עם חולי ישראל וקוברים מתי נכרים עם מתי ישראל מפני דרכי שלום:

(דף, סג) **לב רב** הונא ורב חסדא הוו יתבי חליף ואזיל גניבא א"ל חד לחבריה ניקום מקמיה דבר אוריין הוא א"ל מקמי פלגאה ניקום אדהכי אתא איהו לגבייהו אמר להו שלמא עלייכו מלכי שלמא עלייכו מלכי אמרו ליה מנא לך דרבנן איקרי מלכים אמר להו דכתיב (משלי ח) בי מלכים ימלוכו וגו אמרו ליה ומנא לך דכפלינן שלמא למלכא אמר להו דאמר רב יהודה אמר רב מנין שכופלים שלום למלך שנא' (ד"ה א' יב) ורוח לבשה את עמשי ראש השלישים לך דויד ועמך בן ישי שלום שלום לך וגו אמרו ליה לטעום מר מידי אמר להו הכי אמר רב יהודה אמר רב אסור לו לאדם שיטעום כלום עד שיתן מאכל לבהמתו שנא' (דברים א) ונתתי עשב בשדך לבהמתך והדר ואכלת ושבעת:

מקלות: בדי יאשיה. מהול הם: מאתריה דרבי יאשיה את. לפיכך אתה בקי בדינין לפי שאתה חרש כרכים ומודיען:
עם מתי ישראל. לא בקברי ישראל אלא מתעסקין בהם אם מצאום הרוגים עם ישראל:
בר אוריין. בן תורה: פלגאה. חולק על החכמים שהיה מנעז למר עוקבא שהיה אב בית דין כדאמרינן בפ"ק:

הכי

תניא

---

און האט זיא געוואלט עסין. האט דער מענטש גזאגט צו רב כהנא דער רבי זעהט אז איך וואַרף אַראָפּ דיא טייטלען מיט דיא הענט. זענען דיא טייטלען מייגע. טאַרסטו זייא ניט נעמען. האט רב כהנא גזאגט צוא דעם מענטש דוא ביסט פון דיא שטאָט וואו רבי יאשיה וואונט. דריבער ווייסטו דיא דינים. ווייל רבי יאשיה לערנט אייך. האט רבי כהנא גילייענט אויף רבי יאשיה דעם פסוק וצדיק יסוד עולם. דער צדיק איז דער פונדאמענט פון דער וועלט:

**לא** תנו רבנן. דיא רבנן האבען גילערנט מען שפייזט גוישע אָרעמע לייט צו זאמען מיט יודישע אָרעמע לייט: מען דאַרף גיין מבקר חולה זיין צוא קראַנקע גוים און זייא געבין וואס עס פעלט זייא. אַזוי וויא מען איז מבקר חולה יודישע קראַנקע. מען העלפט בגראָבין דיא גוישע מתים. אַזוי וויא מען בגראָבט דיא יודישע מתים. עס זאָל זיין שלום צווישען גוים מיט יודין:

**לב** רב הונא און רב חסדא זענען גיזעסען. איז פאַר ביי גיגאַנגען גניבא. האט אייגער גזאגט צום אַנדערין לאָמיר אויף שטיין פאַר אים וואָרום ער איז אַלמדן: האט דער אַנדערער גזאגט פאַר דעם קריגער וועלין מיר אויף שטיין: דער ווייל איז גניבא גיקומען צו זייא. האט גניבא צוא זייא גזאגט פריד אויף אייך מלכים. פריד אויף אייך מלכים. האבען זייא גזאגט צוא אים פון וואַנען ווייסטו אַז רבנן ווערין גערופין מלכים. האט גניבא צוא זייא גזאגט עס שטייט אין פסוק דיא תורה זאָגט דורך מיר קעניגען אַלע מלכים. האבען זייא גזאגט צוא גניבא פון וואַנען ווייסטו אַז צוא אַמלך זאגט מען צוויי מאָהל שלום. האט גניבא צו זייא גזאגט. רב יהודה האט גזאגט פון רבם ווענין פון וואַנען ווייסען מיר אַז צו אַמלך זאגט מען צוויי מאָהל שלום. וואָרום עס שטייט אין פסוק אַגייסט פון שטאַרקייט האט אָן גיקליידט דעם עמשי וואס ער איז גיוועזן דער עלצטער פון דיא שטאַרקע צוא דיר דוד און מיט דיר דער זוהן פון ישי שלום שלום צוא דיר. האבען זייא גזאגט צו גניבא עס עפעס; האט גניבא גזאגט אַזוי האט גיזאגט רב יהודה פון רבם ווענין אַמענטש טאָר ניט פאַר זוכען קיין עסין ביז ער גיט עסין צו זיין בהמה. אַזוי וויא עס שטייט אין פסוק איך וועל געבין גראָז אין דיין פעלד צוא דיין בהמה. דער נאָך וועסטו עסין און וועסט זאט זיין:

תניא

# האומר פרק ששי

(דף סז) **א תניא** איסי בן יהודה היה מונה שבחן של חכמים. ר' מאיר חכם וסופר. ר' יהודה חכם לכשירצה. רבי טרפון גל של אגוזים. רבי ישמעאל חנות מיוזנת. ר"ע אוצר בלום. רבי יוחנן בן נורי קופת הרוכלים. רבי אלעזר בן עזריה קופה של בשמים. משנת רבי אליעזר בן יעקב קב ונקי. רבי יוסי נימוקו עמו. רבי שמעון טוחן הרבה ומוציא קמעא. תנא משכח קמעא ומה שמוציא אינו מוציא אלא סובין. וכן אמר רבי שמעון לתלמידיו בני שנו מדותי.

חכם וסופר. כדאמריק בסוטה המ תי לו לבלר אני: חכם לכשירצה. כשהיה רוצה להיות מתון ומתיישב בדבריו היה חכם: גל של אגוזים. מפרש באבות דר' נתן מה גל של אגוזים אדם נוטל אחת מהן וכן נקבלות ונופלות זו על זו כולם כך ר' טרפון בא תלמיד ושואלו דבר היה מביא לו ראיה מקרא מדרש משנה הלכה ואגדה הכל ביחד: חנות מיוזנת. פי מוכן כמו תמיד שאין התגרי צריך לומר ללוקחין המתינו ואביא לכם כן צריך אדם ללמוד מפיו מזומן לו והלמודו ערוך בפיו: אוצר בלום. כך מפורש באבות דר' נתן למה היה ר' עקיבא דומה לעני בעל קופתו יוצא לשדה מצא שעורים קצר והן כם מצא חטים נתן בם וכן פולין וכן עדשים וכשבא לביתו בורר כל מין ומין לעצמו כך ר"ע כשלמד מרבו שמע דבר מקרא מרבותיו ואחריו הלכה ואחריו מדרש ואחריו אגדה נתן לבו לחזור עליהם ועורכן ע שהיו סדורים בפיו ולא אמר תלמוד מקרא לעצמה מדרש לעצמו אלא כשנעשה חכם גדול עשה כל התורה מטבעות מטבעות סדר מדרש ספרא וספרי לבדם והלכות לעצמם לתלמידיו והלכות לעצמם ואגדות לעצמם. ואלה בעיני אוצר בלום סגור מבגירות לבדן מהוצה [מחוצות] כמו שעיפים ביתות גדולות ליתן חטים מכאן שעורים מכאן עדשים מכאן כמו פיו בלום ורגליו מבולמות כבכורות קל ט"ה בלע"ז: קופת הרוכלים. מפרש התם מה רוכל זה שבא לעיר שואלים ממנו אפרסמי, עמך הומר בן פלייטון עמך הומר בן קנמון עמך הומר בן כך נצרך לשאול דבר במקרא משיבו וכן בתלמוד וכן במד ש וכן באגדה ואין שבח זה דומה לשל ר"ע בנתן לבו שהלא ולמד בכל מבולבל והא"כ סדרן: קופה של בשמים. דומה לקופת הר כלים אלא שהרוכל מתוך שאומנתו בכך מרבה מינים יותר וקושר כל אחד בצרור לבדו להיות מזומן לשואלו: קב ונקי. לא הרבה תלמוד כשאר חבריו אלא מה שאמר נבית המדרש נקי כוה שהלכה כמותו לעולם: טוחן הרבה. שנה הרבה: ומוציא קמעא. מפרש ליה: תנא משכח קמעא. מתלמודו: ומה שמוציא אינו מוציא אלא סובין. ומה ששכח מתלמודו לא שכח אלא דברים שלא נראו שהלכה כמותו: שנו מדותי. למדו הורשי שמדותי

## פרק ששי

**א** תניא. מיר האבין געלערנט איסי בן יהודה האט געציילט דיא לויב פון דיא חכמים. רבי מאיר איז א חכם אונ א שרייבער. רבי יהודה אז ער וואלט וועלין איבערציגן יעדער זאך וואלט ער געוועזן א חכם. רבי טרפון איז וויא א באררג ניס. אזוי וויא א באררג ניס אז איינער נעמט ארויס איין נוס. שיטען זיך אראפ פיל ניס אויף דעם ארט. אזוי רבי טרפון אז איינער קומט צו אים פרעגין א שאלה. ברייננגט ער אים פיל ראיות פון תנ"ך פון מדרש פון משניות פון הלכות פון אגדתות. רבי ישמעאל איז וויא א גישפייזטע געוועלב. אזוי וויא מען קומט אריין אין א רייכע קראם. וואס איינער וויל קויפין ליגט שוין פאר אים. אונ מען בדארף אים ניט זאגן ווארט איך וועל ברייננגען. אזוי אז מען איז געקומען פרעגין א דין ביי רבי ישמעאל האט מען ניט גידארפט ווארטין ביז ער וועט קלערין דעם דין נאר ער האט אים שוין געוואוסט. רבי עקיבא איז וויא א אוצר (א שפייכלער) וואס איינגעזייט איז אפגעצאהמט מיט פיל ווענט: יעדער מין תבואה זאל ליגען בזונדער. אונ עס זאל ניט זיין אויסגעמישט אלע תבואות צו זאמען. אזוי דיא תורה ליגען פון רבי עקיבא איז ניט געוועזן אויס געמישט אלין צו זאמען נאר גמרא בזונדער. תנ"ך בזונדער. מדרש בזונדער. רבי יוחנן בן נורי איז געוועזן אזוי וויא דיא קארב פון סחורה וואס דיא קראבעדניקעס טראגין. אויף וועלכין מין סחורה מען פרעגט אים אויב ער האט. זאגט ער יא. ער האט אלץ. אזוי איז געוועזן רבי יוחנן בן נורי וועלכין מין לערנען מען האט אים גיפרעגט. האט ער אלץ געוואוסט צו ענטפערין יא איך האב דאס געלערנט. רבי אלעזר בן עזריה איז וויא א קארב מיט בשמים. וואס דרינען ליגט אלערליי בשמים צום פארקויפען. אזוי איז געוועזן ביי רבי אלעזר בן עזריה אלערליי מינים תורה. מקרא משנה הלכה אגדה ספרא ספרי אונ נאך מינים תורה. דיא משנות פון רבי אליעזר בן יעקב איז ווייניג. אבער וואס ער זאגט איז אזוי דער דין. רבי יוסי טרעפט גלייך צום דין אזוי וויא א גרונטוואגע. רבי שמעון מאכט פיל אונ ניט ארויס א ביסעל. מיר האבין געלערנט דאס מיינט מען ער פארגעסט א ביסעל: אונ וואס ער פארגעסט איז נאר דיא זאכין וואס דער דין איז ניט אזוי. אזוי וויא קלייען פון מעהל. אונ

אזוי

כי אתא סיירה לגושפנקא גלייה אשכחיה תמרא אמר כתיב (משלי כ) לץ היין הומה שכר וכל שוגה בו לא חכם וכתיב (הושע ד) זנות יין ותירוש יקח לב לא אישתי כי צחי לא סגיא ליה אישתי רוה וגנא נחית אתא שדא ביה שולשילתא סתמיה כי איתער הוה קא מפרזל א"ל שמא דמרך עלך כי נקיט ליה ואתא מטא דקלא חף ביה שדייה מטא לביתא שדייה מטא גבי כובא דההיא ארמלתא נפקת איהי (ע"ב) איחננא ליה כפא לקומתיה מיניה איתבר ביה גרמא אמר היינו דכתיב (משלי כה) ולשון רכה תשבר גרם חזא כמיא דהוה קא טעי באורחא אסקיה לאורחיה חזא רויא דהוה קא טעי באורחא אסקיה לאורחיה חזא חדוותא דהוו קא מחנן לה בכה שמעיה להוא גברא דהוה קאמר ליה לאושכפא עביד לי מסאני לשב שני אחיך חוא ההוא קסמא דהוה קסים אחיך כי מטא להתם לא עיילוה לגביה דשלמא עד תלתא יומי יומא קמא א"ל אמאי לא קא בעי לי מלכא לגבי' א"ל אנסיה

סתמוס פלשתים ממונין פלטתא: כי אתא. אשמדאי: סיירה לגושפנקיה. ומצא שלם: לא סני ליה. לא יכול להתאפק: רוה וגנא. נשתכר ונרדם: נחית אתא. בניהו מן האילן: סתמיה. סגר השלשלת סביב צוארו שלא יוכל להשמט: הוה קא מפרזל. מפרכס ומתעסק לנתקה כיון: דמרך. הקב"ה: חף ביה. נתחכך בו: כובא. צריף קטן כמו סוכה דליידי: דארמלתא. אלמנה: ביתה דרס בו: איתחננא ליה. לסמוך מעליו שלא יגוף בו: כפא לקומתיה. לצד אחד ונתכפף עוצי כתפיו מן הבית: ולשון רכה תשבר גרם. פי' לשון רכה שתחנה מענה רך נשברה עצמי: אסקיה. העלהו להטותו אל הדרך: רויא. שכור: אסקיה. אל הדרך: חזא חדוותא דהוו מחנן לה. ראה

:קומען האט ער ארום געזעהן די חתימה. אונ האט אפ געדעקט דעם ברונען אונ ער האט געזעהן אז אין ברונען איז דא וויין. האט אשמדאי געזאגט עס שטייט אין פסוק דער רשע וואס טרינקט וויין אונ ער ברומט מען זאל אים געבן אכטען וויין אונ דער מענטש וואס איז פארארירט אין דעם וויין וועט ער ניט קלוג זיין. אונ נאך שטייט אין פסוק זנות וויין אונ וויין אונ יונגער וויין נעמט אוועק די הארץ פון מענטשין. וועל איך דעם וויין ניט טרינקען. אז ער איז אבער דארשטיג געווארין אונ האט זיך ניט געקענט איין האלטין פון טרינקען: האט ער גיטרונקען אונ איז שכור געווארין אונ איז אנשלאפין געווארין. איז בניהו אראפ געגאנגען פון בוים אונ האט ארויף געווארפין אויף אים די קייט. אונ האט ארום גינומען די קייט ארום זיין האלדז. ער זאל זיא ניט קענען אראפ נעמען. אז אשמדאי האט זיך אויף געוואכט פון שלאף איז ער געווען אזוי וויא משוגע. אונ האט געוואלט אראפ רייסין די קייט פון זיך. האט בניהו געזאגט צו אשמדאי דער נאמען פון גאט איז אויף דיר. ווייא בניהו האט איהם געהאלטין מיט די קייט אונ האט איהם געפירט. זענין זיי געקומען צו א בוים. האט זיך אשמדאי געקראצט אונ געריבען אן דעם בוים אונ האט איהם אומגעווארפין. דער נאך איז בניה מיט איהם געגאנגען ווייטער ביז צוא א בוואוהנט ארט. איז ער גיקומען צו א שטוב אונ האט איהר אומגעווארפין. דער נאך איז ער געקומען צו א קליין שטיבעלע פון א אלמנה. איז די אלמנה ארויס געגאנגען צו איהם אונ האט איהם געבעטין ער זאל ניט אומווארפן איהר קליין שטיבעלע. האט זיך אשמדאי איינגעבויגן אוועק צוא גיין פון די שטוב. איז איהם צוא בראכין געווארין א ביין. האט אשמדאי געזאגט דאס שטייט אין פסוק אווייכער צונג (זאנפטע רייד) צו ברעכט א ביין דורך די ווייכע רייד פון די אלמנה איז צובראכין געווארין מיין ביין. דער נאך האט ער געזעהן א בלינדער בלאנדזעט אין וועג. האט ער א הם ארויף געפירט אויף דעם רעכטין וועג. דער נאך האט ער געזעהן איינער איז שיכור אונ בלאנדזעט אין וועג. האט ער איהם ארויף געפירט אויף דעם רעכטין וועג. דער נאך האט ער געזעהן מען פירט א כלה צו דער חופה. אונ מען פרייט זיך זייער שטארק. האט ער גיוויינט. דער נאך האט ער געהערט וויא א מענטש זאגט צוא א שוסטער מאך מיר א פאר שיך וויא זאלין זיין שטארק אויף זיבען יאהר. האט ער געלאכט. דער נאך האט ער געזעהן וויא א כישוף מאכער מאכט כישוף. האט ער געלאכט. וויא בניהו מיט אשמדאי זענין געקומען אין ירושלים. האט מען ניט אריין געפירט אשמדאי צו שלמה ביז דריי טעג. דעם ערשטין טאג האט אשמדאי גפרעגט פאר וואס רופט מיך ניט דער מלך צו זיך. האט מען גזאגט צו אים דער מלך שלמה האט היינט צו פיל גטרונקען

אנסיה משתיא שקל לבינתא אותיב אחברתה אתו א"ל לשלמה א"ל הכי אמר לכו דדר אשקיוהו למטר אמר להו ואמאי לא קא בעי לי סלכא לגביה אמרו ליה אנסיה מיכלא שקל לבינתא מחברתה אותבה אארעא אתו אמרו ליה לשלמה אמר להו הכי אמר לכו נגידו מיניה מיכליה לסוף תלתא יומי עייל לקמיה שקל קניא ומשח ארבעה גרמידי ושדא קמיה א"ל מכדי כי מיית ההוא גברא לית ליה בהדין עלמא אלא ארבעת גרמידי השתא כבשתיה לכולי עלמא ולא שבעת עד דכבשת נמי לדידי א"ל לא קא בעינא מינך מידי בעינא דאיבנייה לבית המקדש וקא מיבעי לי שמירא א"ל לדידי לא מסר לי לשרא דימא מסירא ליה ולא יהיב ליה אלא לתרנגולא ברא דמהימן ליה אשבועתיה ומאי עביד בית מסטי ליה לטורי דלית בהו ישוב ימנח להו אשינא דטורא ופקע טורא ומנקיט וטייתי ביזרני דאילנא ושדי התם והוי ישוב והיינו דמתרגמינן נגר טורא בדקו קינא דתרנגולא ברא דאית ליה בני וחפויה לקיניה זוגיתא חיורתי כי אתא בעי למיעל ולא מצי אזל אייתי שמירא ואותביה עילויה רמא ביה קלא שדייה שקליה אזל חנק נפשיה אשבועתיה:

א"ל

כשנסה כלו שבין מגיס רשמהם מאד : אנסיה מבחוץ. שמה כרנה : מגידי מיכלא מיניה . משכו ידכם מלהאכילו כי אם מעט : קניא . קנה : דמסימן ליה אשבועתיה . מאמינו בשבועתו בשבועה לו להחזירו לו : דלית בהו ישוב . של ארעים ואילנות להעמידם שם : ופקע טורא . מהבקע מעט כמין סדק עד שמשליך שם זרע האילנות וגדלים אילנות שם ומתפרנס מ שם : בדקו קינא . בדקו עד שהיו מקיפין כיון יש קן של דוכיפת דהוא תרנגולא ברא : שניאה . זכוכית כדי שיראה את בניו ולא יוכל לכנוס אליהם ויבא צריך לשמיר לבקע הזכוכית : יתנו ביה . שלחו של שלמה קלא : חנק נפשיה . התרנגול :

תוספות

---

טרונקען . האט אשמדאי גנומען אונ האט געלייגט אציגעל אויף אציגעל . האט מען געזאגט צוא שלמה אזוי האט אשמדאי געטאהן . האט שלמה געזאגט אזוי האט ער אייך געזאגט גיט איהם נאך צאהל וויין צום טרינקען . אויף מארגען האט ווידער אשמדאי געגעסען פאר וואס רופט מיך ניט דער מלך צו זיך . האט מען געזאגט צו איהם דער מלך שלמה האט היינט צו פיל געגעסען . האט אשמדאי אראפ גנומען דעם ציגעל פון דעם אנדערין . אונ האט איהם געלייגט אויף דיא ערד . האט מען געזאגט צו שלמה אזוי האט אשמדאי געטאהן . האט שלמה געזאגט אזוי האט ער אייך געזאגט נעמט צו פון איהם דאס עסין . נאך דריא טעג איז ער אריין געגאנגען פאר שלמה . האט אשמדאי גנומען אשטעקיל אונ האט אפ געמאסטין פיר איילין . אונ האט געווארפין דעם שטעקיל פאר שלמה . אונ ער האט געזאגט צו שלמה . אז דוא וועסט שטארבין וועסטו דאך אויף דער וועלט ניט מער האבין נאר פיר איילין . איצט האסטו איין גנומען דיא גאנצע וועלט . אונ דוא ביזט נאך ניט זאט געווארין ביז דו ווילסט מיך אויך איין נעמען . האט שלמה געזאגט צו אשמדאי איך וויל פון דיר גאר ניט . נאר איך ויל באהען דעם בית המקדש . אונ איך דארף האבין דעם שמיר . האט אשמדאי געזאגט צו שלמה צו מיר איז דער שמיר ניט געגעבין געווארין . צום שר פון ים איז דער שמיר געגעבין געווארין . אונ דער שר פון ים גיט ניט דעם שמיר צו קיין אנדערין נאר צום ווילדען האן . ווייל ער גלויבט איהם מיט אשבועה אז ער וועט איהם צוריק אפ געבין . אונ וואס טוהט דער ווילדער האן מיט דעם שמיר . ער טראגט איהם אוועק אויף דיא בערג וואס ווענע וויסט . וואס אויף זייא וואקסט גאר ניט . אונ ער לייגט דעם שמיר אויף דעם בארג ווערט אין דעם בארג שפאלטין . אונ דער האן קלויבט צו זאמען קערנער פון ביימער אונ ער ווארפט אריין אין דיא שפאלטין . וואקסין ארויס ביימער . ווערט אבעזעסענער ארט אונ דער האן דאס פון וועגען צו עסין דריבער רופט מען דעם האן נגר טורא . ער צו שפאלט בערג . האט מען געזוכט ביז מען האט געפונען דיא נעסט פון דעם ווילדען האן . האט מען געזעהן ער האט קינדער . האט מען בדעקט דיא נעסט מיט ווייסע גלאז . וויא דער האן איז געקומען צו זיין נעסט האט ער געוואלט אריין גיין צו זיינע קינדער . אונ ער האט ניט געקענט . איז ער געגאנגען אונ האט געבראכט דעם שמיר אונ האט איהם געלייגט אויף דעם גלאז . דער גלאז זאל צו שפאלטין ווערין . האט דער שליח פון שלמה ארויס געשריי געטאהן . האט זיך דער האן דער שראקין האט ער אראפ געווארפין דעם

שמיר

ד א"ל בניהו מ"ט כי חזיתיה להחוא סמיא דהוה קא טעי באורחא אסיקתיה לאורחיה א"ל מכרזי עליה ברקיעא דצדיק גמור הוא ומאן דעביד ליה ניחא נפשיה זכי לעלמא דאתי ומ"ט כי חזיתיה לההוא רויא דקא טעי באורחא אסיקתיה לאורחיה א"ל מכרזי עליה ברקיע דרשע גמור הוא ועבדי ליה ניחא נפשיה כי היכי דליכליה לעלמא . מ"ט כי חזיתיה לההוא חדוותא בכית א"ל בעי מימת גברא בגו תלתין יומין ובעיא מינטר ליבם קטן תליסר שנין . מ"ט כי שמעתיה לההוא גברא דא"ל לאושכפא עביד לי מסאני לשב שנין אחיכת א"ל ההוא ז' יומי לית ליה מסאני לשב שני בעי מ"ט כי חזיתיה לההוא קסמא דהוה קסים אחיכת א"ל דהוה יתיב אבי גזא דמלכא לקסום מאי דאיכא תותיה תרחיה גביה עד דבנייה לבית המקדש יומא חד הוה קאי לחודיה א"ל כתיב (במדבר כד) כתועפות ראם לו ואמרינן כתועפות אלו מה"ש ראם אלו השדים מאי רבותייכו מינן א"ל שקול שולשילתא מינאי והב לי עזקתך ואחוי לך רבותאי שקליה לשולשילתא מיניה ויהב ליה עזקתא בלעיה אותביה

אסיקתיה . מה חששת לו : ובעיא מינטר ליבם קטן . עד שיגיע שתי שערות ויהא ראוי לחליצה ויודע היה זה שעתידה להמתין י"ג שנים : ז' יומי לית ליה . אינו בטוח לחיות ז' ימים שמא למחר ימות : אבי גזא . המחתיו היה אוצר גדול זהב וכסף טמון : תרחיה גביה . איחרו אצלו שלמה לאשמדאי תרח כל' ארמי איחור כדאמרינן בב"ק מאן להרח ניתרח במואל : הוה קאי לחודיה. שלמה אצל אשמדאי : כתועפות ראם לו . להקב"ה יש לו תועפות ראמים למשלחתו ולפרוע פורענות בגבורותו : מאי רבותייכו . שנשתבח הקב"ה בכם : עיזקתך . טבעתו היה שם חקוק עליה : פתקיה .

שמיר . האט דער שליח צו גנומען דעם שמיר . איז גיגאנגען דער האן אונ האט זיך דער ווארגן ווייל ער קען ניט האלטן זיין שבועה :

ד אמר . בניהו האט גזאגט צו אשמדאי פאר וואס אז דו האסט גיזעהן דעם בלינדען וואס האט גיבלאנדזעט אין וועג . האסטו איהם ארויף געפירט אויף דעם וועג : האט אשמדאי גזאגט מען הט אויס גערופין אין הימעל אויף דעם בלינדען אז ער איז אאמתר צדיק . אונ ווער עס וועט איהם טאהן אטובה וועט ער זוכה זיין צו עולם הבא . נאך הט בניהו גיפרעגט דעם אשמדאי פר וס אז דו האסט גיזעהן דעם שכורען וס הט גיבלאנדזעט אין וועג האסטו אים ארויף געפירט אויף דעם וועג . הט אשמדאי גזאגט מען האט אוים גירופען אין הימעל אויף דעם שכור אז ער איז אאמתר רשע . האב איך אים גיטאהן אטובה . ער זאל הנאה האבען אויף דער וועלט אונ זאל אפ נעמען דעם שכר טאמער הט ער אמאהל גיטאהן אמצוה . נאך הט בניהו גיפרעגט דעם אשמדאי פר וס אז דו האסט גיזעהן די פרייליכע חתונה האסטו גיוויינט הט אשמדאי גזאגט אין די דרייסיג טעג נאך דער חתונה דארף שטארבין איר מאן . אונ זיא וועט דארפן ווארטן אויף איר מאנס ברודער ער זאל איר מייבם זיין אדער חליצה געבין דרייצעהן יאהר . נאך האט בניהו גיפרעגט דעם אשמדאי פאר וואס אז דוא האסט גיהערט דער מענטש האט גזאגט צום שוסטער ער זאל אים מאכען אפאר שיך זייא זאלין זיין שטארק אויף זיבען יאהר . האסטו גילאכט . הט אשמדאי גזאגט דער מענטש וועט שוין ניט לעבין זיבען טאג . ווייל ער האבען שיך אויף זיבען יאהר . נאך האט בניהו גיפרעגט צו אשמדאי . פר וס אז דו האסט גיזעהן דעם כישוף מאכער ער מאכט כישוף האסטו גילאכט . האט אשמדאי גזאגט וואו דער כישוף מאכער איז גיזעסין . אין דער ערד אונטער אים איז גיווען אקעניגליכער אוצר . אונ ער הט ניט גיוואוסט . לאז ער בעסער מאכען כישוף אויף דיא זאכען וואס ליגען אונטער אים . שלמה המלך הט פר האלטען דעם אשמדאי ביי זיך ביז ער האט אויף גיבאהט דעם בית המקדש . אמאהל איז גישטאנען שלמה המלך אליין מיט אשמדאי . קיינער איז ניט מער גיווען . הט שלמה גזאגט צו אשמדאי עס שטייט אין פסוק כתועפות ראם לו . גאט האט תועפות אונ ראם . אונ מיר האבען גזאגט תועפות מיינט מען מלאכים : ראם מיינט מען שדים . מיט וואס זענען דיא שדים גרעסער פאר אונז . האט אשמדאי גזאגט צו שלמה נעם אראפ פון מיר דיא קייט . אונ גיב מיר דיין פינגעריל וס אויף אים איז אויס געקריצט דער נאמען פון גאט . וועל איך דיר ווייזין מיין גרויסקייט . הט שלמה אראפ

גינומען

פירוש

רוכו: גונדו. לגמתו: [ובכימורי עבדות דרב כהי והיהי קורו מקודש של תרס לנהות מים]: לא סריך. אינו מדבק לומר דבר אחד של שטות כל פעמים בזה אומר הייתי מלך ואינו אומר דבר שטות אחרה: בדקו בכרעיה. שרגליו של שד דומות לשל תרנגולים: במוקי קאתי. אינו בא לשכב יחף אלא

אותביה לחד גפיה ברקיעא ולחד גפיה בארעא פתקיה ארבע מאה פרסי על ההיא שעתא אמר שלמה (קהלת א) מה יתרון לאדם בכל עמלו שיעמול תחת השמש (כי זה) [וכתיב (שם ב) וזה היה] חלקי מכל עמלי מאי (כי) וזה רב ושמואל חד אמר מקלו וחד אמר גונדו היה מחזר על הפתחים כל היכא דמטי אמר (שם א) אני קהלת הייתי מלך על ישראל בירושלים. כי מטא גבי סנהדרין אמרו רבנן מכדי שוטה בחדא מילתא לא סריך מאי האי אמרו ליה לבניהו קא בעי לך מלכא לגביה אמר להו לא שלחו להו למלכוותא קאתי מלכא לגבייכו. שלחו להו אין קאתי שלחו להו בדקו בכרעיה שלחו להו במוקי קאתי וקא תבע להו בנדותייהו. וקא תבע לה נמי לבת שבע אמיה אתיוה לשלמה והבו ליה עזקתא דחקיק עליה שם ושושילתא דחקיק עליה שם כי עייל חזייה פרח ואפ"ה הוה ליה ביעתותא מיניה והיינו דכתיב (שה"ש ג) הנה מטתו שלשלמה ששים גבורים סביב לה מגבורי ישראל כולם אחוזי חרב מלומדי מלחמה איש חרבו על ירכו

מפחד

---

גינומען דיא קייט פון אשמדאי. און האט אים גיגעבן דין פינגעריל. האט אשמדאי איין גישלונגען דעם פינגעריל. און האט גיזען גם איין פליגול אויף דעם הימעל. און איין פליגל אויף דיא ערד. און ער האט אוועק גיוואהן שלמהן אויף פיר הונדערט מייל ווייט. אויף דיא צייט האט שלמה גיזאגט וואס פאר איבעריגט דער מענטש מיט זיין גאנצע ארבעט וואס ער וועט ארבעטין אונטער דיא זוהן. און נאך שטייט אין פסוק שלמה האט גיזאגט דאס איז מיין חלק פון מיין גאנצע ארבעט. וועלכעס איז זיין חלק. קריגען רב מיט שמואל. איינער זאגט זיין שטעקין. און איינער זאגט זיין קלייד. שלמה איז גיגאנגען צו דיא טירע בעטין מען זאל אים עפעס שיינקען. וואו ער איז גיקומען האט ער גיזאגט איך בין קהלת איך בין גיוועזן א מלך אויף דיא יודין אין ירושלים. ווייא שלמה איז גיקומען צו דיא סנהדרין. האבען די רבנן גיזאגט א משוגענער אדער אנאר האלטען זיך ניט אייביג ביי איין זאך. וואס קען דאס זיין מיט דעם מענטשין. מען הערט ניט פון אים קיין נארישקייט נאר דאס איינע וואס ער זאגט ער איז שלמה המלך. און דער צייט וואס שלמה איז ניט גיוועזן אין דער היים. איז דער וויל אשמדאי גיוועזן א מלך אויף שלמהס ארט. און קיינער האט אים ניט דער קענט. מען האט גימיינט אז דאס איז שלמה. דיא קנעכט האבען אבער גיוואלט וויסען אויב דאס איז שלמה אדער ניין האבען זייא גיזאגט צו בניהו דער מלך רופט דיך דוא זאלסט קומען צו אים אדער ניין. האט בניהו גיזאגט ניין. ער רופט מיך ניט האבען דיא קנעכט גישיקט צו דיא ווייבער פון שלמה פרעגין אויב דער מלך קומט צו זייא אדער ניין. האבען דיא ווייבער גיענטפערט יא ער קומט צו אונז. האבען דיא קנעכט גישיקט צו דיא ווייבער איר זאלט זעהן דיא פיס וואס ער האט. ווארום שדים האבען הינערשע פיס. האבען דיא ווייבער גיענטפערט ער קומט אין זאקין. און ער וויל זייא בועל זיין ווען זייא זענען נדות. און ער האט גיוואלט בועל זיין זיין מוטער בת שבע. דער נאך האט מען גיבראכט שלמהן אהיים און מען האט אים גיגעבן א פינגעריל וואס אויף אים איז גיוועזן אויס געקריצט דער נאמען פון גאט. און אקייט וואס אויף אים איז גיוועזן אויס געקריצט דער נאמען פון גאט. ווייא שלמה איז אריין גיקומען אין שטוב. און אשמדאי האט אים דער זעהן. איז ער אוועק גיפלויגן. פון דעסטוועגען האט שלמה גישראקין פאר אשמדאי. דער איבער זאגט דער פסוק ארום דיא בעט פון שלמה זענען גישטאנען זעכציג גבורים פון דיא שטארקסטע יודין. אלע האבען גיהאלטען שווערדין זייא זענען גיווען גילערנט מלחמה צו האלטען. יעדער האט גיטראגען דיא שווערד אויף דיא זייט פון דיא שרעק וואס שלמה האט גישראקין ביי נאכט. רב און שמואל קריגען.

איינער

מפחד בלילות. רב ושמואל חד אמר מלך והדיוט וחד אמר מלך והדיוט ומלך:

(דף ע) **ה אריב"ל** אכל בשר שור בלפת ולן בלבנה בליל י"ד או ט"ו בתקופת תמוז אחזתו אחילו תנא והממלא כרסו מכל דבר אחזתו אחילו אמר רב פפא אפילו מתמרי פשיטא ס"ד אמינא הואיל ואמר מר תמרי משבען ומשחנן ומשלשלן ומאשרן ולא מפנקן אימא לא קמ"ל מאי אחילו א"ר אלעזר אש של עצמות מאי אש של עצמות [אמר אביי] אשא דגרמי:

**ו א"ל** אליהו לרבי נתן אכול שליש ושתה שליש והנח שליש לכשתכעוס תעמוד על מלואך

באנסלאות קלאוני"ש בלע"ז: מלך והדיוט. היה שלמה לא חזר טוב למלכותו: מכל דבר. שהוא טוב לו ומתוק לחכו ואוכל ממנו כל תאותו מביאו לידי חולי ששמו אחילו: הואיל ואמר מר. שהתמרים יפה כל כך לגוף: משחק. מחממות: משלשלן. משלשלות: מאשרן. מחזקות כח: ולא מפנקן. אינן מענגות את הלב נוטות איסטניס ולע"ס שהן מתוקות: אכול שליש. מלא מעיך שליש ושתה שליש והנח שליש בנקי ריקם: לכשתכעוס. וימלא כמעך כעס תעמוד על מלואך אבל אם תמלא מעיך אכילה ושתיה לכשתכעוס תבקע: בטבול. לטבול בחומץ או פת ביין: שהנאתך. שמערבה לך: משוך ידך הימנה. שלא תמלא כריסך: פחד. דאגה שדואג על דבר שעתיד כגון מיחד מזומת או פחד אויב וקורין אימ"א: סמרתו

תני ר' חייא הרוצה שלא יבא לידי חולי מעים יהא רגיל בטיבול קיץ וחורף. סעודתך שהנאתך הימנה משוך ידך הימנה ואל תשהה עצמך בשעה שאתה צריך לנקביך:

**ז שלשה** דברים מכחישין כחו של אדם ואלו הן פחד דרך ועון. פחד דכתיב (תהלים לח) לבי

---

איינער זאגט שלמה איז געוועזן א מלך. און ווען אשמדאי האט אים פאר ווארפן איז ער געווארן א הדיוט ביז ער איז געשטארבן. און איינער זאגט ער איז צוריק געווארן א מלך. איז ער געוועזן א מלך און אפראסטער און א מלך ביז ער איז געשטארבן:

**ה** אמר: רבי יהושע בן לוי האט געזאגט אז איינער האט געגעסן אקסן פלייש מיט לפת איז אלע ערד פירות: קארטאפיל. מעהרין. קרויט. ריבען. און דערנאך בצאלד נאך דעם עסן האט ער גענעכטיגט אונטער דיא לבנה. די נאכט וואס געהער צום פערצעהנטן אדער דיא נאכט וואס געהער צום פופצעהנטן טאג אין תקופת תמוז. בעקומט ער א קראנקייט וואס הייסט אחילו: מיר האבען געלערנט דער וואס עסט ביז ער האט אפגעפילט בויך. פון וועלכען עסן עס איז. בעקומט ער א קראנקייט וואס הייסט אחילו. רב פפא זאגט אפילו ער האט געגעסן טייטלען. פרעגט דיא גמרא געוויס מיינט מען טייטלען אויך. ענטפערט דיא גמרא ווייל דער תנא האט געזאגט טייטלען מאכען זאט. און זייא דער היצען דעם מענטש וואס עסט זיי. און זייא מאכען אלויזען מאגען. און זייא געבען דעם מענטש כח. און זייא מאכען ניט איידיל דעם מענטש. נאר ער זאל זיין פראכט געזונדט. וואלטין מיר מיינען וואס מעהר מען עסט פון זיי געזינטער איז: דריבער זאגט אונז רב פפא אז אפילו ער האט געגעסן טייטלען ביז אפגעפילט בויך. ווערט ער אויך קראנק. וואס איז די קראנקייט אחילו. רבי אלעזר זאגט די ביינער ווערין דער היצט ווי אפייער וואלט אין זיי געברענט:

**ו** אמר. אליהו הנביא האט געזאגט צו רבי נתן דוא זאלסט עסין אדריטל. און זאלסט טרינקען אדריטל. און אדריטל בויך זאלסטו לאזין ליידיג. טאמער וועסטו אין כעס ווערין זאל זיין ארט אין בויך וואו דער כעס זאל זיין: וועט דער בויך ווערין ריכטיג פול. ווארום אז דוא וועסט פול מאכען דעם בויך מיט עסין און טרינקען. אז דוא וועסט אין כעס ווערין. קען פלאצין דער בויך. רבי חייא האט געלערנט דער וואס וויל זיינע געדערים זאלין ניט קראנק ווערין. זאל ער זיין געוואוינט איין צו טונקען זיין ברויט אין עסיג אדער אין ווין. סיי זומער סיי ווינטער. אז דוא וועסט עסין אזוי אעסין וואס דוא האסט הנאה. זאלסטו ניט עסין ביז דער בויך וועט דיר פול ווערין. זאלסט אויף הערין אין מיטען צו עסין. און ווען דוא דארפסט גיין צום מענשליכען געברויך. זאלסטו דיך ניט אויף האלטען:

**ז** שלשה. דריי זאכען מאכען שוואך דעם כח פון א מענטש. דאס זענען זייא. איינס איז

לבי סחרחר עזבני כחי דרך דכתיב (שם קב) ענה בדרך כחי קצר ימי עון דכתיב (שם לא) כשל בעוני כחי. שלשה דברים כתישין גופו של אדם ואלו הן אכל מעומד ושתה מעומד ושימש מטתו מעומד. חמשה קרובים למיתה יותר מן החיים ואלו הן אכל ועמד שתה ועמד הקיז דם ועמד ישן ועמד שימש מטתו ועמד. ו' העושה אותן מיד מת ואלו הן הבא בדרך ונתייגע הקיז דם ונכנס לבית המרחץ ושתה ונשתכר וישן ע"ג קרקע ושימש מטתו א"ר יוחנן והוא שעשאן כסדרן אמר אביי כסדרן מת שלא כסדרן חלש איני והא מעורת עבדה ליה לעבדה תלת מינייהו ומית ההוא כחוש הוה. ח' רובן קשה ומיעוטן יפה ואלו הן דרך ודרך ארץ עושר ומלאכה יין ושינה חמין והקזת דם. ח' ממעטין את הזרע ואלו הן המלח הרעב והנתק בכיה ושינה על גבי קרקע וגודגדניות וכשות שלא בזמנה

מהלך. מוקף דלגה: אכל ועמד: מיד קודם שהסב מעט: כחוש הוה. כחוש: מעורת. שם אשה: ומיעוטן יפה. כשיש לאדם מעט מהם יפה לגופו לרפואה וטוב שיהא לו קצת מלאכה יהא לו כלום אבל רובן קשה כשיש לו הרבה: דרך. להלך בדרכים: ודרך ארץ. תשמיש: עושר. מיעוטו יפה ורובו קשה שתבעלו מת"ת ומגביה לבו: חמין. לרחוץ ולשהות: ונתק. לרעת: וגודגדניות.

---

אשרעק און זארג. ער שרעקט און זארגט אויף דיא צייט ווס וועט זיין. למשל ער זארגט אויף פרנסה. אדער ער שרעקט פאר זיינעם אשונא און האט מורא דער שונא וועט אים טאן שלעכץ. דאס אנדערע איז אז מען איז שטענדיג אין וועג. דם דריטע איז אז ער זארגט אויף זיינע עבירות. אז שרעק און זארג מאכען שוואך דעם כח ווייזען מיר פון דעם פסוק דוד המלך הט גזאגט מיין הארץ איז ארומגערינגעלט מיט שרעק און זארג מיין כח האט מיך פאר לאזט. אז אוועג מאכט שוואך דעם כח ווייסען מיר פון דעם פסוק ער הט גיפייניגט אין וועג מיין כח ער האט קורץ גימאכט מיינע טעג. אז דיא זארג פון עבירות מאכט שוואך דעם כח ווייסען מיר פון דעם פסוק עס איז גישטרויכלט מיין כח דורך דיא זארג פון מיינע עבירות. דריי זאכען מאכען שוואך דעם גאנצען גוף פון מענטשין. אז ער הט גיגעסין שטייענדיג. אדער ער הט גי' רונקען שטייענדיג. אדער ער הט בועל גיוועזן אשה שטייענדיג. אז אמענטש טוהט איינע פון די פינף זאכען איז ער נענטער צום טויט וויא צום לעבין. אז ער הט גיגעסן זיצענדיג און הט זיך באלד אויף גישטעלט. אדער ער האט גיטרונקען זיצענדיג און האט זיך באלד אויף גישטעלט. אדער מען הט אים גילאזין בלוט פון אאדער און ער הט זיך באלד אויף גישטעלט. אדער ער איז גישלאפען און האט זיך באלד אויף געשווינט אויף גישטעלט. אדער ער האט בועל גיוועזן אאשה און באלד נאך דיא בעילה הט ער זיך אויף גישטעלט. אז איינער טוהט דיא זעקס זאכען שטארבט ער באלד: ער איז גיקומען פון וועג און איז גיוועזן אפ גימאטערט הט מען אים גילאזין בלוט פון אאדער. און נאך דעם איז ער באלד אריין גיגאנגען אין אבאד. און באלד נאך דעם הט ער גיטרונקען ווין ביז ער איז שיכור גיווארין. און איז גישלאפען אויף דיא ערד. און הט בועל גיוועזן אאשה. רבי יוחנן זאגט דם איז נאר אז ער הט גיטאן כסדר אזוי וויא דא שטייט. אביי זאגט אז ער הט גיטאהן כסדר וויא דא שטייט. שטארבט ער. אז ער האט גיטאהן דיא זעקס זאכען נאר ניט כסדר וויא דא שטייט: ווערט ער שוואך. פרעגט דיא גמרא עס איז דאך ניט אזו. אאשה ווס הט גיהייסען מעוררת הט גיטאהן צו איר קנעכט דריי זאכען פון די זעקס. און ער איז גישטארבין. זאגט די גמרא ווייל דער קנעכט איז גיוועזן מאגער דריבער האבען אים דריי זאכען אויך גיהרגת. אכט זאכען זענען דא אז מען טוהט זייא פיל איז ניט גוט. און אז מען טוהט אביסעל איז גוט. איז מען גזונד. אבער אז מען טוהט פון זייא גאר ניט איז אויך ניט גוט. צו גיין אין וועג. און תשמיש המטה. רייכקייט. ארבעטין. ווין טרינקען. שלאפין. צו באדין אין ווארעמע וואסער. און בלוט לאזין פון אאדער עפענען. אכט זאכין מינערין די זרע פון מענטשין. זאלץ. הונגער. קרעץ. וויינען. שלאפען אויף די ערד. עסין ק ל יענער. און אז מען עסט כשות ניט אין דער צייט: און אז מען לאזט

בזמנה והקות דם למטה כפלים . תנא כשם שקשה למטה כפלים כך יפה למעלה כפלים א״ר פפא (ע״ב) למטה למטה מן הביצים למעלה למעלה מן הביצים ובשות שלא בזמנה תנא כשם שקשה שלא בזמנה כך יפה בזמנה א״ר פפא זמנה תמוז שלא בזמנה טבת . יומי ניסן ויומי תשרי לא מעליא ולא קשיא :

## הזורק פרק שמיני

(דף סז) **א אמר** רבה בר בר חנה א״ר יוחנן משום רבי יהודה ברבי אלעאי בא וראה שלא כדורות הראשונים דורות האחרונים דורות הראשונים מכניסין פירותיהן דרך טרקסמון כדי להייבן במעשר דורות האחרונים מכניסין פירותיהן דרך גגות ודרך קרפיפות כדי לפוטרן מן המעשר :

קוילמדר״א כמו זרע גד : שלא בזמנה . לקמיה מפרש : והקות דם למטה . היא ממעטת כפלים בכולן : למטה מן הביצים . כמו ברגליו ובשוקיו : למעלה. בכתפים ובצואר ובקליבוסת :

דרך טרקסמון . דרך הכבושה מחוץ ליכנס לפנים ודומה לי שהוא לשון יוני כמו טרקסין : כדי להייבו במעשר. דקי״ל אין הטבל מתחייב במעשר עד שיראה פני הבית שנאמר בערתי הקדש מן הבית והעייל לה דרך שער לאפוקי דרך חצירות ודרך גגות דלא יליף מואכלו בשעריך בכ״מ כהשומר :

מוצדק לעבדו . דינו פסוק לעבדות שאין שום ערעור במכירה : ופטיר ועטיר מן חרורי . ופרוש ומופלג מכל חירות כמו כהפטר מרכו : ועטיר . כמו עיטרא שטר חלוקה רק הבמות לא סרו מתרגמינן לא עיטרא : ומן ערורי מלכא ומלכתא . ומערעור המלך והמלכה שלא חטא לביות

## המגרש פרק תשיעי

(דף סו) **א אתקין** רב יהודה בשטר זביני דעבדי עבדא דנן מוצדק לעבדו ופטיר ועטיר מן חרורי ומן עלולי ומן ערורי מלכא ומלכתא ורשום

---

בלוט פון אאדער אונטען . מינערט דם די זרע צוויי מאהל אזוי פיל וויא יענע זאכען מינערין מיר האבין גילערונט אזו ווי בלוט לאזין פון אאדער אונטען מינערט דיא זרע צוויי מאהל אזוי פיל : אזו בלוט לאזין פון אאדער אויבין מערט דיא זרע צוויי מאהל אזו פיל : רב פפא הט גזאגט אונטען מיינט מען אונטער דיא אייער . בלוט לאזין פון אאדער פון פוס . הויבין מיינט מען איבער דיא אייער . בלוט לאזין פון די הענט פון האלז . מיר האבין גילערונט אזו ווי מען עסט בשות ניט אין דער צייט מינערין די זרע . אזו אז מען עסט כשות אין דער צייט מעהרין די זרע . רב פפא הט גזאגט די צייט צו עסין כשות איז אין דעם חודש תמוז . די צייט ניט צו עסין כשות איז אין חודש טבת . דער חודש ניסן אונ דער חודש תשרי אז מען עסט כשות . ניט עס איז גוט אונ ניט עס איז שלעכט :

## פרק שמיני

**א** אמר . רבה בר בר חנה הט גזאגט פון רבי יוחנן וועגין . ווס רבי יוחנן האט גזאגט פון רבי יהודה ברבי אלעאים וועגין זעה די היינטיגע דורות זענען ניט ווי די פר צייטיגע דורות : דיא פאר צייטיגע דורות פלעגין אריין ברייגגן זייערע פירות פון פעלד אין שטוב אריין דורך דיא טירען . זייא זאלין מוזין געבין מעשר . אונ דיא היינטיגע דורות ברייגגען אריין זייערע פירות דורך דיא דעכער אונ דורך דיא קרפיפות . זייא זאלין ניט דארפין געבין קיין מעשר .

## פרק תשיעי

**א** אתקין : רב יהודה הט גימאכט אז איינער קויפט אקנעכט דארף מען דאך שרייבין אויף אפאפיר אז דער קנעכט איז פאר קויפט גיווארין צו דעם בעל הבית . זאל מען אין דעם פאפיר אזוי שרייבין . דער קנעכט ווערט פאר קויפט מיט גירעכטיגקייט . קיינער קען ניט קריגען אויף דעם פאר קויפונג . ער איז אפ גישיידט אונ ווייט פון אלע פרייהייט . אונ ער הט ניט אויף זיך

ורשום דאיניש לא אית עלוהי ומנוקה מכל מום ומן שחין דנפיק עד מצהר חדת ועתיק מאי אסותיה אמר אביי גינברא ומרהבא ובבריתא וחלא דחמרא ומשחא דזיתא ונטפיק חיורא ושייפי ליה בגדפא דאווזא:

(דף סח) **ב אמר** רבי יהושע בן לוי לא חרבה ארץ ישראל עד שעבדו בה שבעה בתי דינין עבודה זרה ואלו הן ירבעם בן נבט ובעשא בן אחיה ואחאב בן עמרי ויהוא בן נמשי ופקח בן רמליהו ומנחם בן גדי והושע בן אלה שנא' (ירמיה טו) אמללה יולדת השבעה נפחה נפשה באה שמשה בעוד יומם וגו'. אמר רב אמי מאי קראה (דברים ד) כי תוליד בנים ובני בנים. א"ל רב כהנא ורב אסי לרב. כתיב בית בהושע בן אלה (מ"ב יז) ויעש הרע בעיני ה' רק לא כמלכי ישראל וכתיב (שם) עליו עלה שלמנאסר וגו' אמר



שכתב למלכות ליהרג שאם היה מוכתב למלכות ספקא בטל כדלמרי' בנ"מ בבשוכר: ורשום דאיניש. רושם סימן שעושים על העבדים כדלמרי' במסכת שבת: לא אית עלוהי. מאדם אחר חוץ מן המוכר את: ומנוקה מכל מום. כמו לבעים מזיין דמקמו בכל: ומן שחין דנפיק עד עכבר. ומכל שחין שיצא כפניו עד שתי בתים דמאוס למיקם קמיה: עד מצהר. כלבון פרסי שתי שנים והאי דקאמרינן בעבדים ליכא היינו היכא דזבין כהמתא אבל ככא כיון דלהאי מקחו בטל והא עכשיו אין לו שחין ודרך שחין יבן בהולך ל חוזר עד שתי שנים נפיק עד ב' שניה מוכח עמו בהם יצא בו אותו שחין עד שתי שניה היכא מקחו בטל לפי שבבר היה בו מום כזה ולא דהוהו: גינברא. כמכמעו זנגביל: מרהבא. פסולת כיני כסף היוצא ממנו בנקום שמתיכין אותו: בעת הפירתו נין הברים וקורין לו קיילון: ובבריתא. נפרים: ושייפי ליה בגדפא דאווזא. וכוך אותו בגוצה של אווז:

שבעה בתי דינין. ז' משפחות של מלכים ממלכי ישראל והך דמלכי יהודה לא קא חשיב שהיו בימיהם של אלו וכוי ככ"ד אחד כמלך ובנו וכן בנו וכל מלכים שקמו מזרעו אהריו קרי הד כ"ד בלוס בן יבש חשביה לא קא חשיב לפי שלא מלכו שנה שלמה וכן זמרי הכל עמרי היו של אחאב על שם כיה דינו של אחאב מקרא ומפני שאחאב הרשיע לעשות יותר נקרא הקלקול על שמו בימי הושע בן אלה גלו עשרת השבטים ומזכות שעתא קרי ליה הכנה [דהיינו אמללה] יולדת השבעה שילדה שבעה משפטים לע"ז: עליו עלה. מפני שלא הרשיע ככל המלכים לא הפורענות בימיו בהמים פרדסילוס

קיין בבבול און קיין קריג ניט פון מלך און ניט פון דיא מלכה. און אויף אים איז ניטא קיין צייכן אז ער איז אפגעכט צוא ווערען. ער גיהער ניט צו קיין מענטשין נאר צו דעם דעם קויפער אים איצט. און ער איז ריין פון אפעקער. און ער האט ניט קיין פארך. און אויב ער האט אמאל גיהאט אפארך ווייס איך ניט. נאר עס איז שוין מער ווי צווי יאהר דיא איך קען אים אז ער האט ניט קיין פארך. קיין נייעם פארך און קיין אלטען פארך. מיט וואס היילט מען אוים אפארך. האט אביי גיזאגט מען זאל נעמען אינגבער און שטיקלאך שלעכטע זילבער. דאס עס פאלט אראפ פון שמעלצין דארט וואו מען גראבט די זילבער. און שוועביל. און עסיג פון ווין. און אייל פון איילבירטען. און ווייסע נטפיק. און מען זאל אוים מישען אלץ צוא זאמען און דם זאל מען שמירען אויף דעם פארך מיט אפעדער פון אגאנדז:

**ב** אמר. רבי יהושע בן לוי האט גיזאגט ארץ ישראל איז ניט פריער חרוב גיווארין. ביז זיבען קעניגליכע פאמיליען פון יודישע מלכים האבין געדינט עבודה זרה. און דאס זענען דיא. ירבעם בן נבט. בעשא בן אחיה. אחאב בן עמרי. יהוא בן נמשי. פקח בן רמליהו. מנחם בן גדי. הושע בן אלה. אזו וויא עס שטייט אין פסוק דיא וואס האט געבארין זיבען פאמיליען צוא דיא עבודה זרה איז פאר שניטען גיווארין. זיא איז גישוואכען גיווארין. איר זוה איז אונטער גיגאנגען ווען עס האט נאך גידארפט זיין טאג. ווארום זיא זענען פאר טריבען גיווארין אין גלות פאר דיא אוים גיזעצטע צייט. רב אמי זאגט דאס ווייסין מיר פון דעם פסוק: אז דו וועסט געבוירען קינדער און קינדערס קינדער ונושנתם בארץ. און איהר וועט אייך עלטערין אין דעם לאנד. און איהר וועט דינען עבודה זרה. וועט איהר פארלארין הערין פון ארץ ישראל. האבין יודין גידארפט זיין אין ארץ ישראל אזוי פיל יאהר וויא דער ווארט ונושנתם בטרעפט. אבט הונדערט מיט צווי און פופציג יאהר. און זיי זענין פאר טריבען גיווארין מיט צוויא יאהר פריער. איז דאך זייער זון אונטער גיגאנגין ווען עס האט נאך גידארפט זיין טאג. רב כהנא און רב אסי האבין גיזאגט צו רב עס שטייט ביי הושע בן אלה ער האט גיטאהן וואס עס איז שלעכט אין דיא אויגין פון גאט נאר ניט אזוי שלעכט וויא דיא מלכים פון ישראל האבין גיטאהן. און עס שטייט אין פסוק אויף איהם איז ארויף גיגאנגען שלמנאסר. איז דאך אקשיא ווייל ער איז ניט אזוי שלעכט גיוועזען

דריבער

**אמר** להו אותן פרדסיאות שהושיב ירבעם על הדרכים כדי שלא יעלו ישראל לרגל בא הושע ובטלן **ואעפ"כ לא** עלו ישראל לרגל אמר הקב"ה אותן שנים שלא עלו ישראל לרגל ילכו בשביה. **א"ר** חסדא אמר מר עוקבא ואמרי לה אר"ח [א"ר ירמיה] דריש מרימר מ"ד (דניאל ט) וישקוד ה' על הרעה ויביאה עלינו כי צדיק ה' אלהינו משום דצדיק ה' אלהינו וישקוד ה' על הרעה ויביאה עלינו אלא צדקה עשה הקב"ה עם ישראל שהגלה גלות צדקיהו ועדיין גלות יכניה קיימת דכתיב ביה בגלות יכניה (מ"ב כד) החרש והמסגר אלף חרש שבשעה שפותחין נעשו הכל כחרשין מסגר כיון שסוגרין שוב אינן פותחין וכמה אי' עולא אמר שהקדים שתי שנים (דברים ד) לונושנתם (ע"ב) אמר רב אחא בר יעקב ש"מ מהרה דמרי עלמא תמניא מאה וחמשין ותרתי הוא:

תניא

פרדסיאות. שומרים: אותן שנים שלא עלו. כולן ולא מוחה בידם והם לא עלו יגלו וילכו בשבי: וישקוד. וימהר כמו כי שוקד אני על דברי ומתרגמינן אוחי אנא: גלות צדקיהו. חרבות ירושלים שגלו כולם: גלות יכניה. הוא יהויכין קדמה לגלות צדקיהו י"א שנה וזו היא צדקה שמיהר והקדים [כדי] לגלות הללו של צדקיהו לגלות בעוד שחכמי גלות יכניה קיימים שילמדו תורה לאלו הגולים אחריהם לפי שרוב חכמי הדור גלו עם יכניה דכתיב בהו החרש והמסגר אלף: כיון שמסגרין. הלכה שהכל מגורים בה שאין יודעים להשיב לשואליהם שוב אין לה פותחים אחרים: עולא אמר. היינו צדקה שמיהר להביא הרעה לסוף ח' מאות וחמשים דהיינו ב' שנים קודם ונושנתם דהוא בגמטריא תתנ"ב ואם היו עד ונושנתם היו מתקיים בהם כי אבד תאבדון: ש"מ מהרה דמרי עלמא. כמנין ונושנתם דהא כתיב כי אבד תאבדון מהר:

---

דריבער איז אויף איהם אויף געאנגען שלמנסר. האט רב גזאגט צו רב כהנא און רב אסי די היטערס וואס ירבעם האט געזעצט אויף די וועגן צו היטען די יודין זאלין ניט גיין אויף יום טוב אין ירושלים. האט הושע זיי צו גנומען פון די וועגן. און ער האט גזאגט ווער עס וויל קען גיין אין ירושלים. פון דעסט וועגן האבין דאך יודין ניט געוואלט גיין אין ירושלים אויף יום טוב, האט גאט גזאגט די יאהרין וואס יודין זענין ניט אויף געגאנגען אויף יום טוב אין ירושלים זאלין זיי גיין געפאנגען אין גלות. רב חסדא האט גזאגט פון מר עוקבאס וועגן. אנדערע זאגין רב חסדא האט גזאגט פון רבי ירמיהס וועגן. מרימר האט גדרשת עס שטייט אין פסוק גאט האט גאייכט אויף די שרעקין און ער האט זיא גבראכט אויף אונז ווארום גאט איז א צדיק. איז דאך די קשיא ווייל גאט איז א צדיק דריבער האט גאט גיאיילט אויף די שרעקין און האט זיי גבראכט אויף אונז: נאר גאט האט געטאהן א צדקה מיט די יודין. וואס ער האט פאר טריבען דעם מלך צדקיהו מיט די איבעריגע יודין אין בבל. ווען דער מלך יכניה מיט זיינע פארטריבענע זענען נאך גיוועזן אין בבל. ווארום ביי די פאר טריבענע פון יכניה שטייט דער חרש און דער מסגר זענען גיוועזן טויזענד. חרש הט מען זיי גירופען ווייל ווען זיי האבען אן גיהויבין צו דרשנן זענען אלע גיווארין ווי שטום און ווי טויב און זיין פ"ק דחגיגה. זיי האבין ניט גיוואוסט וואס צו ענטפערין. מסגר הט מען זיי גירופען אז זיי האבין פאר שלאסין און האבען ניט גיוואוסט וואס צו ענטפערין. האט שוין קיינער ניט גיוואוסט צו ענטפערין. זיי זענען גיוועזן טויזענד. און ווייל זיי זענען גיוועזן גרויסע לומדים און חכמים דריבער האט גאט גיאיילט צו פר טרייבין די איבעריגע יודין אין בבל. דער חרש והמסגר זאלין לערנען תורה מיט די אלע יודין. דס איז די צדקה וואס גאט הט געטאהן מיט די יודין. עולא זאגט דס איז גיוועזן די צדקה וואס ער האט זיי פאר טריבען צוויי יאהר פריער פאר דער צייט פון ונושנתם. גאט האט גזאגט אויב זיי וועלין דינען עבודה זרה. וועלין זיי זיצען אין ארץ ישראל ביז ונושנתם דאס איז אכט הונדערט צוויי און פופציג יאהר. און ווען די יודין וואלטין טאקי גיזעסען אזוי לאנג אין ארץ ישראל. וואלט אבער באלד מקוים גיווארין וואס עס שטייט ווייטער אין פסוק ואבדתם מהרה. איר וועט פאר לארין ווערין געשוויגר. דריבער האט גאט זיי פאר טריבען מיט צוויי יאהר פריער. און אז עס איז ניט מקוים גיווארין ונושנתם. דארף ניט מקוים ווערין ואבדתם. רב אחא בר יעקב זאגט פון דאנען זעהן מיר אז גאט זאגט געשווינדער דערט דאס אכט הונדערט מיט צוויי און פופציג יאהר. ווארום גאט האט גזאגט איר וועט פאר

לארין

ג תניא היה רבי טרפון אומר כל מקום שאתה מוצא אגוריאות של עכו"ם אף ע"פ שדיניהם כדיני ישראל אי אתה רשאי להזקק להם שנאמר (שמות כא) ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם לפניהם ולא לפני עכו"ם ד"א לפניהם ולא לפני הדיוטות:

(דף פט) ד אכלה בשוק גירגרה בשוק הניקה בשוק בכולן רבי מאיר אומר תצא ר"ע אומר עד שישאו ויתנו בה מוזרות בלבנה א"ל רבי יוחנן בן נורי א"כ לא הנחת בת לאברהם אבינו שיושבת תחת בעלה והתורה אמרה (דברים כד) כי מצא בה ערות דבר ולהלן הוא אומר (שם יט) על פי שני עדים או על פי שלשה עדים יקום דבר מה להלן דבר ברור אף כאן דבר ברור:

(דף צ) ה ומשנה ב"ש אומרים לא יגרש אדם את אשתו אלא א"כ מצא בה דבר ערוה שנאמר (דברים כד) כי מצא בה ערות דבר ובית הלל אומר

פירוש

אגוריאות. מסיבות שלו אצל נקן: לפניהם. ולא לפני ישראל הדיוטות וקנים שמלי עמו נהר ק"דם מן התורה כדכתיב ואל משה אמר עלה וגו׳ ואע"פ שמשנה פרשה זו נאמר מהן תורה קודם מ"ת אומרים ונגנה סמוכות והעלו בעולה והשלמים וכתיבה דם ננכנו לנכרים:

גירגרה בשוק. כלעה נטויה גרון: מוזרות בלבנה. נשים כעוות בשוק לאור הלבנה ודרכן לשיח שיחות בטלות ולדבר בחסודות שבעיר: לא הנחת וכו׳. שיש אויבים מוציאים קול בתאם ברמז מועט: בקדיתם

---

לארין ווערין געשווינד. אונ דס הט מען גימיינט אזו ווי דר צאל פון ווארט ונושנתם: אכט הונדרט צוויי אונ פופציג:

ג תניא. מיר האבין גלערונט רבי טרפון האט גזאגט ווא דוא געפינסט אפארזאמלונג פון דיינים וואס זענין געצין דינער: אפילו זייא משפטין זייערע דינים אזוי וויא דיא יודישע דיינים משפטין. פון דעסטוועגין טארסטו ניט גיין האבין אמשפט ביי דיא דיינים פון דיא געצינדינער. נאר דוא זאלסט האבין אמשפט ביא דיא יודישע דיינים. אזוי וויא עס שטייט אין פסוק דאס זענין דיא דינים וואס דוא זאלסט מאכן פאר זיי פאר דיא יודישע דיינים זאלסטו מאהן די דינים. אבער ניט פאר דיא דיינים וואס זענין געצין דינער. אנדערע זאגין מען מיינט פאר די סנהדרין זאלסטו זאגין דיא דינים אבער ניט פאר פראסטע מענטשין: פראסטע מענטשין טארין ניט זיין קיין דיינים:

ד אכלה. אאשה וואס האט געעסין אין גאס. אדער זיא איז געגאנגין אין גאס דעם קאפ ארויף מען זאל זעהן איהר שיינעם האלדז. אדער זיא האט נוזיגן אקינד אין גאס. רבי מאיר זאגט דיא אלע ווייבער זאלין ווערין גגט פון זייערע מאנען. רבי עקיבא זאגט מען דארף איהר ניט געבין גט ביז זיא ווייבער וואס זיצען אין גאס ביי נאכט אונ שפינען ביא דיא ליכטיגקייט פון די לבנה רעדין פון איהר אז זיא איז ניט פרום. זאל איהר דער מאן געבין. ווארום דיא ווייבער ווייסין פון אלע ווייבער וועלכע איז פרום אונ וועלכע ניט. האט רבי יוחנן בן נורי גזאגט צו רבי עקיבא אויב דו וועסט דיך פארלאזין אויף דיא ווייבער וועסטו ניט לאזין איין טאכטער פון אברהם אבינו וואס זאל בלייבען וואוהנען מיט איהר מאן. ווארום אויף וועמען דיא ווייבער זענין גייז רעדין זייא אויף איהר. אונ דוא וועסט באלד הייסין דעם מאן ער זאל איהר געבין גט: נאר אזוי זאל זיין דיא תורה האט גזאגט דער מאן זאל געבין זיין ווייב ווייל ער האט אויף איהר געפונען ערות דבר אשענדליכע זאך. אונ דארט שטייט אויך אין פסוק דורך צוויי עדות אדער דורך דריי עדות יקום דבר. זאל בלייבין שטיין אזאך. אזוי וויא דארט איז דאך אקלארע זאך. ווארום עס איז דאך דורך עדות. אזוי דא מיינט מען אויך אקלארע זאך. אז עדות זאגין אויף אאשה אז זיא פירט זיך ניט גוט. זייא האבין פון איהר געזעהן שרעקליכע זאכין. דארף איהר דער מאן געבין. אבער ניט דורך דעם וואס דיא ווייבער וואס שפינען פאר דיא לבנה רעדין:

ה משנה. בית שמאי זאגין אמענטש טאר ניט געבין זיין ווייב. סיידן ער האט געפונען זי האט כשנה גיוועזן. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק דיא ווייב וועט ניט געפינען קיין חן ביא איהר מאן ווייל ער האט אויף איהר געפונען אשענדליכע זאך. אונ בית הלל זאגין אפילו זי

אומר אפילו הקדיחה תבשילו שנאמר כי מצא בה ערות דבר] ר"ע אומר אפילו מצא אחרת נאה הימנה [שנאמר (שם) והיה אם לא תמצא חן בעיניו]. [גמרא] במאי קמיפלגי בדר"ל דאמר ר"ל כי משמש בד' לשונות אי דלמא אלא דהא ב"ש סברי [והיה אם לא תמצא חן בעיניו] כי מצא בה ערות דבר דהא מצא בה ערות דבר ור"ע סבר כי מצא בה ערות דבר אי נמי מצא בה ערות דבר:

ו **תניא** היה רבי מאיר אומר כשם שיש דעות במאכל כך יש דעות בנשים יש לך אדם שזבוב נופל לתוך כוסו וזורקו ואינו שותהו וזו היא מדת פפוס בן יהודה שהיה נועל בפני אשתו ויוצא ויש לך אדם שזבוב נופל לתוך כוסו וזורקו ושותהו וזו היא מדת כל אדם שמדברת עם אחיה וקרוביה ומניחה ויש לך אדם שזבוב נופל לתוך תמחוי מוצצו ואוכלו וזו היא

[הקדיחה. שרפה או ע"י אור או במלח כמו כי אש קדחה באפי: ערות דבר. לב"ה משמע לאו או ערוה או שאר דבר כרחון: ר"ע אומר אפילו. לא מצא בה ערוה ולא דבר]: כי משמש בד' לשונות. במקום ד' לשונות הללו נכתב כי בתורה במקום אם במקום פן במקום אלא במקום אשר. במקום אם כמו כי ימצא בקרבך כי יקרא כי תראה המור וכו' בניקום אלא לסתור דבר האמור למעלה לומר אינו כן אלא כן כמו ויאמר לא כי לתקת וכן ולא תקפוץ את ידך כי פתוח תפתח וכו' במקום פן כמו כי תאמר בלבבך רבים וגו' לא תירא מהם גו' וכו'. וכן כל כי הסמוכים לאף אף כי האמר לא אשורנו אף כי אנכי אעגנו כלגן נדרשין בלשון תימה וכו' ועוד משמש בלשון דהא דהיינו אשר או מפני כלו' ליתן טעם כמו לא להקתי כי יראה כלו' מפני שיראה וכן כי יבא אלי העם לדרוש אלהים מפני שבא אלי העם וכולהו מתרגמינן ארי שלשון ארי בארמי משמש כל לשונות כי בעברי ואם באת וכו': דהא מצא בה. מפני שמצא בה [הא לאו הכי לא יגרשנה וב"ה נמי הכי משמע לאו לשון מפני מפני שמצא בה] או ערוה או דבר ואם לאו לא יגרש הילכך לא המצא חן דקאמר קרא היינו מפני שמצא בה כדמפרש ביה ולא משום חן של פי: ור"ע. מפרש ליה להאי כי בלשון אם הילכך תרי מילי נינהו אם לא תמצא חן של פי בעיניו ואם מצא בה ערות דבר: יש דעות במאכל. דעות בני אדם חלוקות באסטניסות של מאכל ומשתה יש שהוא איסטנים וקץ במאכל מחמת מיאוס מיעוט ויש שאינו איסטנים כ"כ ויש שאינו איסטנים כלל כך דעות בני אדם חלוקים בפריצות יש מקפיד על פריצות מועט ויש שאינו מקפיד כ"כ ויש שאינו מקפיד כלל: פפוס בן יהודה. בעלה של אשה אחת היה וכשיוצא מביתו לשוק נעל דלת בפניה שלא תדבר

---

האט נאר פאר זאלצין דאס עסין מעג ער זיא גטין. ווארום עס שטייט אין פסוק ער האט אויף איהר געפונען ערות דבר. אדער ער האט געפונען אויף איהר אפעלער פון זנות: אדער איין אנדער פעלער. מעג ער איהר גטין. רבי עקיבא זאגט אפילו ער האט געפונען אשענערע ווייב פון איהר מעג ער זיא אויך גטין: ווארום עס שטייט אין פסוק אויב זיא וועט ניט געפינען קיין חן אין זיינע אויגין. זיא וועט איהם ניט געפעלין: מעג ער זיא גטין. זאגט דיא גמרא אין וואס קריגען דיא תנאים. אין דעם וואס ריש לקיש האט געזאגט: ווארום ריש לקיש האט געזאגט דער ווארט כי האט פיר טייטשין. אויב. טאמער. נאר. ווארום. בית שמאי האלטין אזו מיינט דר פסוק אויב זיין ווייב וועט ניט געפינען חן אין זיינע אויגין כי מצא בה ערות דבר. ווארום ער האט ביי איהר געפונען אזאך פון זנות: אונ בית הלל טייטשין אויך כי ווארום. כי מצא בה ערות דבר. ווארום ער האט געפונען אויף איהר זנות: אדער איין אנדער זאך. אונ רבי עקיבא טייטשט דעם ווארט כי. אויב. אויב זיא האט ניט געפונען קיין חן אין זיינע אויגין. זיא געפעלט איהם ניט. מעג ער זיא גטין. אונ אויב ער האט ביי איהר געפונען אזאך פון זנות. מעג ער זיא אויך גטין:

ו תניא. מיר האבען גילערנט רבי מאיר האט געזאגט אזו וויא עס איז דא דעות אין עסין: אזו איז דא דעות ביי ווייבער. עס איז דא אמענטש אז אפליג פאלט אריין אין זיין גלאז משקה שטעלט ער אוועק דיא גלאז אונ וויל ניט טרינקען דיא משקה פון גלאז. דס איז דיא מדה פון פפוס בן יהודה: ווען ער פלעגט גיין אין גאס פלעגט ער פאר שליסען דיא טיר קיין מענטש זאל ניט אריין קומען צוא זיין ווייב. אונ עס איז דא אמענטש אז אפליג פאלט אריין אין זיין כוס. ווארפט ער ארויס דיא פליג: אונ טרינקט אוים דעם כוס. דס איז דיא מדה פון אלע מענטשין. זיין ווייב שמועסט מיט איהרע ברידער. אונ מיט איר פאמיליע: אונ ער לאזט זיא. אונ עס איז דא אמענטש אז אפליג פאלט אריין אין זיין עסין נוגט ער אפ דאס אן גיקלעבטע עסין וואס אויף דעם פליג אונ עסט דאס. דאס איז אשלעכטע מדה. ער וועהט זיין ווייב גייט ארוים אין גאס מיט דעם בלויזין קאפ. אונ שפינט אין גאס. אונ איהרע קליידער אונ

איר

מה"ת אדם רע שרואה את אשתו יוצאה וראשה פרוע וטווה בשוק (ע"ב) ופרומה משני צדדיה ורוחצת עם בני אדם עם בני אדם ס"ד אלא במקום שבני אדם רוחצין זו מצוה מן התורה לגרשה שנאמר (דברים כד) כי מצא בה ערות דבר וגו' ושלחה מביתו והלכה והיתה לאיש אחר הכתוב קראו אחר לומר שאין זה בן זוגו של ראשון זה הוציא רשעה מביתו וזה הכנים רשעה לתוך ביתו זכה שני ושלחה שנאמר (שם) ושנאה האיש האחרון וגו' ואם לאו קוברתו שנאמר (שם) או כי ימות האיש האחרון כדאי הוא במיתה שזה הוציא רשעה מביתו וזה הכנים רשעה לתוך ביתו (מלאכי ג) כי שנא שלח ר' יהודה אומר אם שנאתה שלח ר' יוחנן אומר שנאוי המשלח ולא פליגי הא בזווג ראשון הא בזווג שני דא"ר אלעזר כל המגרש אשתו ראשונה אפילו מזבח מוריד עליו דמעות שנאמר (שם) וזאת שנית תעשו כסות דמעה את מזבח ה' בכי ואנקה מאין עוד פנות אל המנחה ולקחת רצון מידכם ואמרתם על מה על כי ה' העיד בינך ובין אשת נעוריך אשר [אתה] בגדתה בה והיא חברתך ואשת בריתך :

שדבר עם כל אדם ומדבר בשחוק שוחקת היא א שמתוך כך אינה נכנסת בביתם ומזנה תחתיו : ופרומה משני צדדיה . אלא אצילי ידיה כדרך ארמיות שבצלפת שבשרן נראה מצדיהן : עם בני אדם ס"ד . א"כ רגלים לדבר שזונה היא ואסורה לו : במקום שבני אדם רוחצים : והיא נכנסה לעיניהם אחר יציאתם כשהם לובשים בגדיהם : כי שנא שלח. פסוק הוא בנבואת מלאכי : אם שנאתה שלח. כר"ע : אם שנאה . היא לפני המקום שלח כב"ש. ואיכא דגרסי שנוי המשלח וזו שמעתי שנוי המשלח לפני המקום ואפילו לב"ה נמי דלא כייפינן שלא לגרשה מיהו שנוי הוא : זווג ראשון : אשת נעורים וכה משמעי קרא כדכתיב בתריה אשת נעוריך וכתיב ונשמרתם ברוחכם ובאשת נעוריך אל יבגוד :

---

איר העמד איז האפען ביי דיא ארעמס פון ביידע זייטען אז מען זעהט ארוים אירע בריסט. אונ זיא וואשט זיך מיט מאנס לייט . פרעגט דיא גמרא מיט מאנס לייט איז זי דאך אזונה. אר מען מיינט זיא וואשט זיך אויף דעם ארט וואו מאנס לייט האבין זיך געוואשין . אונ ווי די מאנס לייט האבין נאר אן געטאהן זייערע קליידער אוועק צו גיין איז זי אן גיקומען זיך אויס טאהן . אזוי אווייב איז אמצוה פון דער תורה מען זאל איר גטין . ווארום עס שטייט אין פסוק אז ער געפינט אויף איר אזאך פון זנות זאל ער זיא גטין . אין פסוק שטייט ער וועט איר ארוים שיקען פון זיין שטוב אונ זיא וועט גיין אונ וועט זיין צו איין אנדער מאן . דער פסוק רופט אים איין אנדערער . צוא זאגין אונז אז ער איז ניט גלייך צום ערשטין מאן . דער ערשטיער מאן האט ארוים געטריבען דיא שלעכטע פון זיין שטוב . אונ דער אנדערער האט אריין גיבראכט די שלעכטע אין זיין שטוב . אז דער אנדערער איז זוכה טרייבט ער זיא אויך ארוים פון זיין שטוב . אזו ויא עס שטייט אין פסוק דער אנדערער מאן וועט איר אויך פיינט האבען . אונ אויב ער איז ניט זוכה בגראבט זיא אים . אזוי ויא עס שטייט אין פסוק אדער דער אנדערער מאן וועט שטארבין . ער איז ווערט ער זאל שטארבין . ווארום דער ערשטער מאן האט ארוים געשיקט דיא שלעכטע פון זיין שטוב . אונ דער אנדערער מאן האט אריין גינומען דיא שלעכטע אין זיין שטוב . אין פסוק שטייט כי שנא שלח . רבי יהודה זאגט אזוי מיינט מען אויב דוא האסט פיינט דיין ווייב שיק איר אוועק פון דיר . גט איר . רבי יוחנן זאגט אזוי מיינט מען דער וואס גט זיין ווייב איז ער גיפיינט ביי גאט . אונ רבי יהודה מיט רבי יוחנן קריגען ניט . דער וואס גט די ערשטע ווייב זיינע וואס ער האט איר גינומען אין זיין יוגענד . האט אים גאט פיינט : אונ דיא אנדערע ווייב אויב ער האט איר פיינט מעג ער זיא גטין . ווארום רבי אלעזר האט גזאגט דער וואס גט זיין ערשטע ווייב אפילו דער מזבח גיסט אויף אים טרערין . אזוי ויא עס שטייט אין פסוק נאך דיא אנדערע זאך טוהט איר . איר בדעקט מיט טרערין דעם מזבח פון גאט . עס איז געוויין אונ געשריי גאט וויל זיך ניט קערין צוא אייערע מנחות . אונ ער וויל ניט נעמען קיין בארידיגונג פון אייער האנט . אונ איר פרעגט פאר וואס איז דאס אזוי . ווייל גאט איז גיוועזן אעדות צווישען דיר אונ צווישען דיין ווייב וואס דוא האסט גינומען אין דיין יוגענד . וואס דוא ביסט צוא איר פאלש גיווארין אונ זיא איז דיין בהעפטונג אונ דיא ווייב פון דיין פאר בינדונג :